NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07617

A TSIGELE A VAYSE

Alexander Seldin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ ציגעלע אַ ווייסע

אַ מעשה

פאַר קינדער — יונגע און עלטערע

— פון —

אַלעקסאַנדער זעלדין

ניו יאָרק, 1936

מרים׳ען אַ מתנה

Copyright 1936
by ALEXANDER SELDIN
New York, N. Y.

פּאָזי־שאָולזאָן (שריפטזעצעריי־קאָאָפּעראַטיוו)
19 וועסט 21טע גאַס / / ניואָרק, נ. י.
234

ערשטער קאַפּיטל

נו, קינדער, דערציילן איך אַ מעשה מיט אַ ציגעלע אַ ווייסע?

איר זאָגט — יאָ, איך זאָג יאָ. נו, גוט, בלייבט אַזוי — איך דערצייל איך די מעשה מיט אַ ציגעלע אַ ווייסע.

די מעשה הייבט זיך אָנעט אָט אַזוי:

אַמאָל איז געווען אַ ציגעלע אַ ווייסע.

פאַרוואָס זי איז געווען גראָד אַ ווייסע, ווייסט קיינער ניט. זי איז געווען געראָטן ניט אין איר מאַמען און ניט אין איר טאַטען. זי איז געווען אַ ווייסע, ווייל זי איז געבוירן געוואָרן אַ ווייסע.

איר מאַמע איז גראָד געווען אַ טונקעלע. פון וואָס פאַר אַ קאָליר זי איז געווען, איז שווער צו זאָגן. זי איז ניט געווען שוואַרץ, ניין. ווען זי וואָלט געווען שוואַרץ, וואָלט מען עס געקענט זען אפילו דורך דעם שטויב און בלאָטע, וואָס האָבן כסדר באַדעקט איר לייב. אַזאַ טבע האָט שוין שוואַרץ — עס לאָזט זיך זען, וויפיל איר זאָלט עס ניט ווען פאַרדעקן.

זי איז אויך ניט געווען ווייס, — אָה, ניין! דאָס איז זיכער. ווייסקייט זעט זיך אויך אַרויס אפילו דורך שטויב און בלאָטע.

אפשר איז זי געווען גרוי? — אויף דעם וועל איך אייך ניט שווערן. איך קען דאָס אָבער אויך ניט לייקענען. אפשר?

אָבער אויב זי איז געווען גרוי, איז דאָס ניט געווען צו דערקענען. ווען איר זאָלט וויסן, וואָס פאַר אַ פּינצטערן, צרהדיקן לעבן אָט די מאַמע־ציג האָט געפירט, וואָלט איר זיך ניט וואונדערן.

געהאַט האָט זי אפילו אַ באַלעבאָס מיט אַ באַלעבאָסטע, וואָס האָבן אויף איר באַדאַרפט אַכטונג געבן, אָבער ווען האָט עס געקענט ליגן אין זינען?

איר באַלעבאָס, פישל דוד דער מלמד, איז געווען זייער אַ פאַרנומענער מענטש. דריי מאָל אַ טאָג האָט ער באַדאַרפט לויפן אין בית־מדרש דאַווענען. דאָס האָט ער ניט פאַרפעלט. מישטיינס געזאָגט, דאָס לעבן וואָס ער

האָט געהאַט. ניט געגוג וואָס ער האָט ניט געהאַט אַ די וועלט — קיין עולם הזה — זאָל ער נאָך פאַרלירן זיין יענע וועלט — זיין עולם הבא? — אָה, ניין, ניט ביי פישל דודן! ער וועט אייך ניט אַוועקגעבן זיין עולם הבא אפילו פאַר צען זעק מיט גאָלדענע רענדלעך. ער האָט געלעבט פאַר זיין עולם הבא.

נו, און צווישן איין דאַוונען און דעם אַנדערן האָט פישל דוד באַדאַרפט קנעלן מיט אינגלעך. זיין „ווייני״ (ואני) האָט געהאַט אַ שם אין שטעטל. ער האָט עס ניט געלערנט, נאָר אויסגעזונגען מיט די קינדער. ער האָט עס געזונגען מיט אַ טעם, מיט געפיל, מיט ליבשאַפט.

ווען עס איז געקומען צום „ווייני״ איז פישל דוד געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש, אַזוי ווי אַ נייע הויט וואָלט זיך אויף אים אַרויפגעצויגן. ער פלעגט זיך צעשאָקלען מער, ווי זיין געוואוינהייט און פלעגט אָנהויבן:

„נו, זאָגט זשע קינדערלעך — ווייני — “

דאָס האָט גערעדט שוין ניט דער געוויינלעכער פישל דוד, נאָר דער אַלטער יעקב אבינו צו זיין ליבן זון, יוסף, וואָס איז געווען שני למלך אין מצרים. און יעקב האָט אַזוי גערעדט:

„ואני, כאָטש איך בין דיך אַזוי מטריח מיט מיין קבורה, אָבער צו דיין מוטער רחל האָב איך אַזוי ניט געטאָן. כבואי מפדן ארם, ווען איך בין געקומען פון פדן ארם, מיתה עלי רחל — איז מיר אַוועקגעשטאָרבן דיין מוטער רחל...״ און אַזוי ווייטער, ווי אין חומש שטייט, ביז צום סוף פון דער מעשה. ווען פישל דוד האָט זיך צעוואָרעמט האָט דאָס גאַנצע שטעטל געקלונגען מיט זיין געזאַנג. ער האָט געזונגען, די אינגלעך האָבן אים נאָכגעזונגען און עס איז געווען אַ מחיה צו הערן.

געווען איז ער אַ דרדקי און חומש מיט רש״י מלמד. אַלע אינגלעך פון שטעטל זיינען דורכגעגאַנגען זיינע הענט. ער האָט אָנגעהויבן מיט זיי פון אלף בית און פאַרענדיקט מיט „ווייני״. אַ חוץ דעם האָט ער זיי געלערנט אידישקייט. ער האָט אַכטונג געגעבן, אַז די אינגלעך זאָלן וואַשן די הענט און זאָגן אשר יצר, יעדן מאָל ווען זיי זיינען צוריקגעקומען פון הויף. ער האָט זיי אויך געלערנט שרייבן פון אַפיר.

נו, פרעג איך אייך, האָט אַזאַ פאַרנומענעם אידן געקענט ליגן די ציג אין זינען?

ער האָט קיין צייט אפילו ניט געהאַט בין הזמנים, ווייל דענסטמאָל פלעגט ער דאַרפן אַרומלויפן, צווישן איין דאַוונען און דעם אַנדערן, פון

איין באַלעבאָס צום אַנדערן, צוזאַמענשטעלן אַ קנעלונג פאַרן קומענדיקן זמן. עס איז אפילו אמת, קיין אַנדערע דרדקי מלמדים אין שטעטל זיינען ניט געווען, אָבער אַ מלמד דאַרף פונדעסטוועגן אַרומלויפן בין הזמנים. ער טאָר זיך ניט פאַרלאָזן אויף קיין נסים.

נו, פישל דודיכע די מלמדקע, אָדער ווי אַנדערע האָבן זי גערופן ביי איר אמתן נאָמען און צונאָמען — העניע די קוראַלאַפּניצע, איז אויך געווען זייער אַ פאַרנומענער מענטש. אמת, זי איז ניט געלאָפן אַזוי אָפט אין בית־מדרש אַריין, ווי איר מאַן, פישל דוד. זי איז אַהין קיינמאָל ניט געלאָפן, נאָר געגאַנגען פּאַמעלעך, און ניט מער ווי איינמאָל אַ וואָך און דאָס איז — שבת. אַ אידענע, ווייסט איר דאָך, גייט גלייך אין גן־עדן אַריין צוליב איר מאַנס זכות.

דערפאַר האָט זי אָבער געהאַט אַ סך אַנדערע זאָרג אויף איר קאָפּ.

זי האָט באַדאַרפט באַזאָרגן עטלעכע פון די אַנגעזעענע באַלעבאַטעס אין שטעטל מיט פעטע הינער אויף שבת און יום־טוב. זי האָט אויך באַ־דאַרפט כסדר זוכן מציאות פאַר זיך און איר הויז־געזינט. זי האָט דעריבער באַדאַרפט אַרומלויפן שעהן לאַנג איבערן מאַרק, טאַפּן אַלע הינער אויף די פויערשע וועגן און בלאָזן זיי אין הינטער חלק. נו, געוויס, אַן קריגעריי האָט זיך עס ניט געקענט באַגיין. צי העניע האָט געקויפט, אָדער ניט, אָבער קריגן זיך מיט די פויערים, און דער עיקר מיט די פויערטעס, האָט זי געמוזט. גאַנץ אָפט פלעגט זי קריגן דערפאַר אַ זעץ אין פנים מיט אַ הינערשער קעפל, אָדער אַ שטורך אין זייט פון אַ פויערשן עלנבויגן. דאָס האָט נאָר געפירט דערצו, אַז העניע זאָל אויפהויבן דעם קול העכער און זיד־לען נאָך שטאַרקער.

פון די אָפטע געשרייען און קריגערייען האָט העניעס קול שוין לאַנג זיך איבערגעריסן. זי האָט גערעדט אויף אַ קול, וואָס איז געווען אי אַ ווייבערשער און אי אַ מאַנסבילשער. אויף די נידעריקע טענער האָט הע־ניעס קול געקלונגען ווי אַ באַס. אויף די העכערע טענער, ווען העניע האָט זיך צעוואַרעמט און געגעבן קאָנצערט די פויערים אויפן מאַרק, האָט איר קול געקלונגען ווי אַ הייזעריקע סאָפּראַנאָ. עס איז געווען ניט איר שולד. העניע האָט קיין צייט ניט געהאַט צו קולטיווירן איר שטים.

אַ חוץ טאַפּן הינער און קריגן זיך מיט פויערים האָט העניע געהאַט אַ סך אַנדערע אַרבעטן.

זי האָט צוויי מאָל אַ טאָג באַדאַרפט הייצן דעם אויוון און קאָכן וואַר־מעס און וועטשערע פאַר איר מאַן און קינדער. זי האָט באַדאַרפט זאַליען און וואַשן גרעט. זי האָט באַדאַרפט איינמאָל אַ וואָך באַקן אַ געבעקסל ברויט און אַלע פרייטיק אין דער פרי באַקן חלה אויף שבת. אין די אָוונטן האָט זי באַדאַרפט שטריקן און צירעווען זאָקן, אָדער פליקן פעדערן. און צו דעם אַלעמען האָט זי באַדאַרפט כעמט יעדן יאָר מזכה זיין איר מאַן מיט אַ בן זכר — זי האָט געהאַט נאָר אינגלעך. דאָס האָט געמיינט טראָגן און האָבן, ליגן אין קימפעט און קרענקען, זויגן און וויגן.

נו, פרעג איך ביי אייך, האָט העניען געקענט ליגן די ציג אין זינען?

אַ גליק נאָר, וואָס די ציג אַליין האָט געוואוסט, אַז זי דאַרף קומען אַלע פרימאָרגן, זיך אָוועקשטעלן ביי העניעס טיר און שרייען: מע־מע־מע! דאָס האָט געמיינט, אַז העניע דאַרף אַרויסקומען און אויסמעלקן די ציג. אַמאָל פלעגט העניע די ציג דערפאַר באַלוינען מיט אַביסל קאַרטאָפל־שאָ־לעכץ, וואָס זי האָט פאַר איר אָפּגעשפּאָרט פון נעכטן. אָבער ווען האָט העניע צייט געהאַט צו שיילן קאַרטאָפל?

געוויינלעך פלעגט זי קאָכן קאַרטאָפל אין פעלצלעך. נישקשה, עס איז געווען געגנוג כבוד פאַר איר פרינץ, דעם מלמד. ער האָט געמעגט זיך אַליין מטריח זיין און זיי שיילן שוין אָפּגעקאָכטע. העניע פלעגט שיילן די קאַרטאָפל, ווען זי איז געווען גוט אויפגעלייגט. דאָס האָט אָבער גע־טראָפן זייער זעלטן. דער פועל יוצא איז געווען, אַז זי פלעגט אַ סך אָפטער דערלאַנגען דער ציג אַ פייג אונטער דער נאָז, אַנשטאָט קאַרטאָפל־שאָלעכץ.

די ציג האָט אָבער דערפאַר קיין פאַראיבל ניט געהאַט. זי איז צו דעם געווען געוואוינט. סיי ווי איז זי ניט געווען אָפּהענגיק מיט איר חיונה פון פישל דודן דעם מלמד און פון העניען דער קוראַלאָפּניצע. פון דער יוגנט אָן איז זי געווען געוואוינט צו זאָרגן פאַר זיך אַליין. זי פלעגט אַ גאַנצן טאָג זיך אַרומדרייען איבערן מאַרק און כאַפּן אַ מויל היי פון די פויערשע וועגענער. נו, געוויס, זי פלעגט גאַנץ אָפט דערפאַר קריגן מיט אַ שאַרפער בייטש איבער די זייטן, אָבער די ציג איז שוין צו דעם געווען אַזוי געוואוינט, ווי איר באַלעבאָסטע צו די פויערשע עלנבויגנס. מער ניט, די ציג איז געווען אַביסל קליגער פון דער באַלעבאָסטע — זי האָט זיך ניט אויסגעטענהט, האָט זיך ניט געקריגט און ניט געזידלט. ווען מען האָט זי פאַרטריבן מיט דער בייטש פון איין וואָגן איז זי גלייך אָוועק צו אַ צווייטן, צו אַ דריטן. נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן זיינען אירע זייטן געווען

צעקאַרבט פון די בייטשן שמיץ, אָבער דערפאַר איז איר ציגענער מאָגן גע־ווען פול מיט געשמאַקן, פריש־שמעקעדיקן פּויערשן היי.

שלעכט איז נאָר געווען דער ציג שבת און אַלע אַנדערע אידישע יום־טובים, ווען די פּויערים פלעגן אויפן מאַרק ניט קומען. דעמאָלט האָט די ציג פּשוט באַדאַרפט אונטערהונגערן. אָבער, צוריקגערעדט, ווען איינער גייט אַרום מיט אַ פולן מאָגן אַ גאַנצע וואָך, מעג ער איין טאָג ניט דערעסן. אַי, עס איז דאָך שבת? אָבער וואָס ווייסט אַ ציג פון עונג שבת? פאַר איר זיינען אַלע טעג פון וואָך גלייך.

דער וואונדער איז נאָר, וואָס נאָך אַזעלכע קעסט האָט די ציג דאָך ניט פאַרגעסן יעדן טאָג צו קומען אַהיים. עס ווייזט אויס, אַז אַ ציג דאַרף אויך האָבן אַ היים — זאָל זיין אַ שלעכטע היים, אַבי אַ היים.

און נאָך אַ חוב האָט די ציג זייער הייליק אָפּגעהיט. אַלע יאָר — וואָס ביי גאָט אַ יאָר — האָט די ציג, פּונקט ערב פּסח, געבראַכט אַהיים אַ פריש־געבאַקן ציגעלע.

ווי, פון וואַנען, און ווי אַזוי, האָט קיינער ניט געוואוסט. העניע פלעגט נאָר באַמערקן, אַז אַרום חמשה עשר בשבט האָט די ציג זיך אויפגעהערט מעלקן. שפּעטער האָט די ציג אָנגעהויבן צוקומען אין דער ברייט. אָנהויב פרילינג, ווען די פרעסט האָבן אָפּגעלאָזט, דער שניי איז צעגאַנגען און דאָס גאַנצע שטעטל איז באַדעקט געוואָרן מיט בלאָטע, פלעגט די ציג זיך אָנהויבן „בעטן" מען זאָל זי אַריינלאָזן אין פאָדערשטוב נעכטיקן. זי פלעגט „בעטן" אויף איר שטייגער — קלאַפּן מיט די הערנער אין טיר און דערביי מעקען מיט אַ בעטנדיקן קול. העניע פלעגט פאַרשטיין. זי פלעגט אַרויס־שיקן פישל דודן, אָדער אימיצן פון אירע עלטערע אינגלעך, צו עפענען פאַר דער ציג די טיר.

אויף מאָרגן, אָדער אויף איבערמאָרגן, פלעגט מען געפינען די ציג אין פאָדערשטוב מיט אַ קליין ציגעלע ביי דער זייט.

אַזוי איז עס געגאַנגען יאָר איין, יאָר אויס, פון איין ערב פּסח ביזן אַנדערן, ביז וואַנען מען האָט איין פרימאָרגן געפונען אין פאָדערשטוב די געוויינלעכע ציג, אָ:ער ניט מיט קיין געוויינלעכער ציגעלע.

דאָס מאָל איז עס געווען אַ ווייסע ציגעלע.

צווייטער קאַפּיטל

„אַ ציגעלע! אַ ציגעלע״! — האָבן זיך דערהערט קולות, איינציקווייז און אין פּאָרלעך און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך אַלע קולות צונויפגעגאָסן אין איין כאָר:

„אַ ווײַסע ציגעלע!״

ווער עס איז געווען דער ערשטער אָנצוזאָגן די גרויסע בשורה — וועגן דעם איז אָנגעגאַנגען אַ לאַנגער און היציקער וויכוח אין פישל דורס הויז־געזינט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. עס איז באמת געווען אַ גרויס געשעע־ניש און בײַ יעדער גרויסער געשעעניש וויל יעדער איינער האָבן דעם כבוד צו זײַן דער ערשטער, וואָס האָט עס באַמערקט און אָנגעזאָגט.

נעמט למשל — אַ פייער אין שטעטל.

זאָל דער אויבערשטער אויסהיטן דאָס שטעטל פון אַ פייער. דאָס איז דאָך דער גרעסטער אומגליק וואָס קען טרעפן אַ שטעטל. אָבער פונדעסט־וועגן מאַכט זיך דאָך אַמאָל אַ פייער אין שטעטל. נו, האָט איר באַדאַרפט הערן נאָך דעם, ווי יעדער איינער וויל איבערשפּאַרן דעם אַנדערן און באַווײַזן, אַז ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַמערקט דעם פייער, אפילו ווען ער איז ניט געווען דער ערשטער אויפצוהויבן אַ געוואַלד.

בײַ פישל דודן אין שטוב איז אויך געווען דאָס אייגענע. יעדער איינער פון זײַנע זין איז בײַ זיך געווען זיכער, אַז ער איז געווען דער ערשטער און יעדער איינער האָט געהאַט באַווײַזן פאַר דעם.

בערל יצחק, וואָס איז געווען דער דריטער פון זײַנע בנים, האָט גע־דענקט, קלאָר ווי דער טאָג, אַז ער איז געווען דער ערשטער צו עפענען די טיר אין פאָדערשטוב און אַרײַנקוקן אַהין. מען האָט אים געקענט גלויבן, ווײַל בערל יצחק, אָדער בערעלע, ווי מען האָט אים גערופן פאַרקירצט, איז אַלע מאָל געווען דער ערשטער. שלמה זלמן אָבער, וואָס איז געווען דער צווייטער זון, האָט אים אָפּגעשטרײַט:

— טאָקע, טאָקע, — האָט ער געשריען, — דו האָסט געעפנט די טיר, אָבער איך האָב דער ערשטער אַריינגעקוקט.

— איך האָב דער ערשטער אַ קוק געטאָן! — האָט זיך געאַמפּערט משה וואָלף, דער עלטסטער פון אַלע, — איך האָב דערזען באַלד ווי איר האָט געעפנט די טיר.

די איבעריקע זיינען אויך צוגעשטאַנען מיט די זעלבע טענות.

דער אמת איז, אַז זיי האָבן אַלע געקענט זיין גערעכט. פישל דודס שטוב איז געווען אַזוי קליין און די טיר איז געווען אַזוי ברייט, אַז יעדער איינער האָט געקענט זיין דער ערשטער צו דערזען אַ ציגעלע, בפרט נאָך אַ ווייסע.

עס האָט אָבער ניט געקענט זיין קיין פראַגע, ווער עס איז געווען דער ערשטער צוצוקומען נאָענט. אַלע קינדער האָבן זיך אַ שאָט געטאָן מיטאַמאָל, אַזוי ווי, למשל, עס גיט זיך אַ שיט אַרויס אַרבעס פון אַ לעכערדיקן זאַק. קענט איר דען זאָגן, וועלכער איז געווען דער ערשטער אַרבעס אַרויסצע־שיטן זיך?

עס האָט ניט געדויערט, זאָג איך אייך, קיין הרף עין, ווי אַלע זיבן אינגע־לעך זיינען געשטאַנען אין אַ האַלבן ראָד אַרום דער ציג מיט דער ציגעלע און אַלע האָבן זיי געליאַרמט איינציקווייז, אין פאָרלעך און נאָך דעם אַלע אין איין כאָר:

„אַ ציגעלע!"

„אַ ציגעלע!"

„אַ ו ו י י ס ע ציגעלע!"

דער לעצטער איז נאָר געווען פישל דוד אַליין. דאָס איז ניט געווען דערפאַר, וואָס ער איז געווען ווייניקער נייגעריק, ווי זיינע קינדער, נאָר ווייל ער האָט באַדאַרפט פריער אַרויפשלעפּן אויף זיך זיינע תחתונים. אַ איד אין די יאָרן, אַ טאַטע, קיין עין הרע פון זיבן קינדער, און דערצו נאָך אַ מלמד — דאַרף היטן שטאַט. ער קען זיך ניט פאַרגינען אַרויסצולויפן אַ נאַקעטער, ווי זיינע אינגלעך, אפילו ווען עס איז דאָ אַ נייע ציגעלע. מילא, אָפּגיסן נעגל־וואַסער האָט ער געקענט פאַרגעסן. ער האָט אָבער ניט גע־קענט פאַרגעסן די פלודערן. במילא איז אויסגעקומען, אַז ער איז געווען דער לעצטער.

פאַרחידושט איז ער אָבער געווען ניט ווייניקער, ווי אַלע איבעריקע. געחידושט האָט ער זיך ניט איבער דעם ציגעלע גופא. צו דעם איז ער

שוין געווען געוואוינט. עס איז אָבער געווען צום ערשטן מאָל, זינט ער איז אַ מלמד, און זינט ער האָט אַ ציג, וואָס ציגלט זיך אַלע יאָר, אַז עס זאָל זיך ביי אים אָפּציגלען אַ ווייסע ציגעלע.

עס איז אים גלייך איינגעפאַלן, אַז עס איז עפּעס דאָ ניט גלאַט. זאָל דאָס זיין אַ רמז אויף עפּעס?

ער האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי דאָס אויסצוטייטשן — צי דאָס איז אַ גוטער סימן, אָדער, חלילה, זאָל גאָר די שעה ניט זיין, פאַרקערט. אידן אין די קליינע שטעטלעך נעמען ניט זאַכן, ווי זיי קומען, בפרט נאָך ווען די זאַכן זיינען ניט קיין געוויינלעכע. זיי זוכן אין דעם עפּעס אַ רמז, אַ וואונק, אַן אָנצוהערעניש פון „אויבן". טאַקע, אין דער אמתן — וואָרום פלוצלינג מיטאַמאָל — אַ ווייסע ציגעלע? עס איז געווען אַ האַרבער ענין.

און אַזוי שטייענדיק, אַ באָרוועסער, מיט קוים אַרויפגעשלעפּטע פּלודערן, מיט זיין פאַרפעדערטער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, האָט פישל דוד גלייך אָנגעהויבן איבערלייגן די זאַך על פּי שכל:

„זאָל איך זאָגן", האָט ער געחקירהט מיט זיך אַליין — „אַז זי איז געראָטן אין דער מאַמען? — קען איך ניט! די מאַמע איז דאָך ניט קיין ווייסע. אלא, וואָס דען, זאָל איך זאָגן, זי האָט געהאַט אַ ווייסן טאַטען, איז דאָך די קשיא, ווי אַזוי האָט זי געקענט האָבן אַ ווייסן טאַטען, ווען עס איז דאָ נאָר איין באָק אין שטעטל?"

בלייבט נאָר איבער די סברה, אַז דער שטאָט באָק איז אַ ווייסער, פרעגט זיך די קשיא — איז ער טאַקע אַ ווייסער אָדער ניט?

אָבער אָט די קשיא האָט פישל דוד אויפן אָרט ניט געקענט פאַרענטפערן. ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט דערמאָנען, ווי אַזוי דער שטאָט באָק זעט אויס. אַ מאָדנע זאַך, אַ יאָ? ער האָט דעם שטאָט-באָק געזען אַלע טאָג, אָבער ער האָט ניט געדענקט, ווי אַזוי ער זעט אויס.

לאַנג חקירהן האָט אָבער פישל דוד ניט געקענט. ער האָט זיך באַדאַרפט איילן צום ערשטן מנין. דאָרט האָט ער באַדאַרפט באַגעגענען שמעון חיים, דעם זייגער-מאַכער און עליע זייוועל, דעם אייזן-קרעמער, און מיט זיי אַ שמועס טאָן וועגן זייערע אינגלעך פאַרן קומענדיקן זמן. ער האָט דעריבער באַלד איבערגעלאָזט די ווייסע ציגעלע מיט זיין כאַליאַסטרע און אַליין האָט ער אָוועקגעשפּאַנט מיטן טלית-זעקל אונטערן האַנט אין בית-מדרש אַריין.

ביים שול-הויף איז דער ערשטער אים אָנגעקומען אַנטקעגן, ווי גע-

ווײנלעך, דער שטאָט באָק, וואָס האָט אָפּגעהיט דעם דאַוונען, ווי אַ פרומער איד. אָנגעקומען איז דער באָק, ווי זײַן שטײגער איז געווען, מיטן קאָפּ אַראָפּ און די הערנער אַרויף, גרייט זיך צום שלאָגן, הייסט עס. קיינער האָט אים ניט גענומען ערנסט, אפילו די קליינע אינגלעך. עס איז שוין געווען אַן אַלטער באָק און עס איז געבליבן זייער ווייניק חשק צו שלאָגן זיך אין אים. זײַן אַלטע געוואוינהייט האָט ער אָבער ניט אויפגעגעבן.

פישל דוד האָט דאָס מאָל, אין אַ סך יאָרן, זיך אײַנגעקוקט אין דעם באָק. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין דעם קאָליר פון זײַנע האָר. ער האָט זיך גוט אײַנגעקוקט — אפשר איז טאַקע דער באָק אַ ווייסער און דעמאָלט איז ניטאָ וועגן וואָס צו חקירהן. דער באָק איז אָבער ניט געווען קיין ווייסער.

פון וואָס פאַר אַ קאָליר דער באָק איז געווען, דאָס וואָלט פישל דוד ניט געקענט זאָגן. ער איז ניט געווען קיין גרויסער בקי אין קאָלירן. אפילו פאַר אַ קאָליר־קענער וואָלט עס אויך געווען שווער צו באַשטימען. דער באָק איז געווען ניט פון איין קאָליר, נאָר פון עטלעכע. דאָס בערדל איז געווען ביי אים אַ געלבלעכס, דער שטערן איז ביי אים געווען באַדעקט מיט גרוי און די לאַנגע האָר אונטערן בויך זײַנען געווען ברודנע־שוואַרצ־לעך — אַן אמתע סימפּאַניע פון קאָלירן, אָבער אין אַט די אַלע קאָלירן זײַנען געווען שוואַכע סמנים פון ווייסקייט.

דער באָק, פון זײַן זײַט, דערפילנדיק אויף זיך פישל דודס שאַרפן בליק, האָט אויך אָנגעשטעלט זײַנע גרויסע, נאַרישע בעל גאווהדיקע אויגן. אַ ווײַלע האָבן ביידע, דער מלמד מיטן באָק, אָנגעקוקט איינער דעם אַנ־דערן, און זיי זײַנען ביידע אַרויס ניט ווויסנדיק.

פאַרן באָק, טעמפּ און נאַריש, ווי ער איז ניט געווען, איז דער מלמד, יענעם פרימאָרגן, אויך געווען אַ שטיקל חידוש. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין אַ סך יאָרן, אַז אימיצער זאָל זיך אָפּשטעלן און באַטראַכטן אים מיט אַזויפיל נײַגעריקייט. דאָס האָט געקענט טאָן, אַמאָל אין אַ נאָווינע, אַ פרעמדער, אָבער פרעמדע מענטשן פלעגן זייער זעלטן פאַר־בלאָנדזשען אין דעם דאָזיקן שטעטל.

מיט די אייגענע באַלעבאַטים איז דער שטאָט־באָק געווען אַזוי היימיש, ווי זיי זײַנען געווען איינער מיטן אַנדערן. ער האָט שוין לאַנג מיט זיי זיך צוזאַמענגעלעבט און ער האָט באמת ניט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן זיך אויף זײַן מערכה.

דעם באָק האָט זיך געלעבט גאָר קיין ערך אַ סך בעסער, ווי אַלע ציגן אין שטעטל. ער איז געווען דער איינציקער, פון דער ציגן־משפחה, וואָס האָט געהאַט אַן אמתע היים מיט קעסט. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי ברוכן, דעם פּאָטשט־פּירער, אין שטאַל צוזאַמען מיט די פערד. מען האָט אים געהאַלטן דאָרט פאַר אַ שמירה קעגן די ניט־גוטע, וואָס קומען אַלע נאַכט אין שטאַל און טרייבן אַרום די פערד ביזן ווייסן שווייס. ניט־גוטע, וויסן אַלע, האָבן מורא פאַר אַ באָק און דערפאַר האָט מען אים געהאַלטן אין שטאַל.

קיין היי האָט אים ניט געפעלט — ביי ברוכן אין שטאַל איז אַלעמאָל געווען אַ פולער זאַסיק מיט היי. גאַנץ אָפט פלעגט דער באָק אויך אָוועק־לקחנען ביי די פערד — ברוך האָט געהאַלטן זעקס פערד — אַ מויל האָבער. דער באָק האָט ניט באַדאַרפט זיך אַרומדרייען איבערן מאַרק און גנבענען היי פון די פויערשע וועגענער. מיט חיונה איז ער געווען פאַרזאָרגט.

אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען פריי, ווי אַ פויגל, און ער פלעגט זיך אַרומדרייען אַרום שול־הויף. קיינעם איז ניט איינגעפאַלן צו פרעגן פאַר־וואָס ער טוט עס. מען האָט עס אָנגענומען אַלס אַ נאַטירלעכע זאַך. דער איינציקער, וואָס האָט געוואָלט דאָס זיך דערקלערן איז געווען חאַצקל דער שמיד, וואָס האָט ליב געהאַט צו גריבלען זיך אין זאַכן וואָס ער פאַרשטייט ניט. חאַצקלען איז איינגעפאַלן, אַז דער באָק מוז זיין עפּעס אַ גלגול פון אַ הולטאַי, וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער וועלט צו זוכן אַ תקון, און דערפאַר דרייט ער זיך אַרום דעם בית־מדרש צו כאַפּן אַ „ברכו", אָדער אַ „קדושה", און דערמיט מכפר זיין אויף זיינע אַמאָליקע זינד. די איבעריקע באַלעבאַטים פון שטעטל איז אָבער קיינמאָל ניט אייגעפאַלן וועגן דעם צו טראַכטן.

אייניקע האָבן ליב געהאַט זיך לוסטיק מאַכן מיטן באָק. מער פון אַלעמען האָט עס ליב געהאַט משה נאַטע דער גאַרבאַרניק. ער האָט ליב געהאַט אונטערטראָגן דעם באָק אַ שמעק טאַבאַק אונטערן נאָז און ער פלעגט גוואַלדיק הנאה האָבן, ווען דער באָק פלעגט זיך צעניסן. משה נאַטע פלעגט שטיין בשעת מעשה, אָנקוועלן אין זיין געלער באָרד, און צו־ווינטשן דעם באָק: „צו געזונט, צו אריכת ימים!"

פון די איינגלעך איז דעם באָק אויסגעקומען צו ליידן גרויסע צרות. חברה קונדייסים פלעגן אים צופּן פאַרן בערדל, פאָרן רייטנדיק אויף זיין רוקן, אָדער אים אָפּטאָן אַנדערע שפּיצלעך. דער באָק האָט עס אָבער גע־

נומען זייער גוטמוטיק. משה נאָטעס טאַבאַק שמעקן און די אינגלשע שפּיצ־לעך האָבן אים פון שול־הויף ניט געקענט פאַרטרייבן. יעדן פרימאָרגן, צו שחרית, פלעגט דער באָק קומען צום שול־הויף און זיך דאָרט אַרומדרייען, ביז וואַנען אַלע מנינים האָבן אָפּגעדאַוונט.

עס איז געווען אַ סוד דערביי און דעם סוד האָט געוואוסט נאָר דער באָק אַליין.

ער איז געווען אַ גרויסער עגאָאיסט, אָט דער באָק — ער האָט ליב געהאַט עסן מיט אַפּעטיט. געזאַלצנס איז אַ גוטע סגולה צו אַפּעטיט און דאָס האָט ער געקראָגן אויפן שול־הויף.

ער פלעגט אָפּוואַרטן ביז וואַנען אַלע אידן האָבן זיך מכין געווען צום דאַוונען און דעמאָלט פלעגט ער זיך אַריינגנבענען אין אַ געוויסן, אָפּגעזונדערטן ווינקל, וואו די וואַנט איז געווען פריש באַנעצט, און דאָרט האָט ער מיט גרויס חשק אָפּגעלעקט די געזאַלצענע פייכטקייט. דאָס האָט אים געגעבן אַפּעטיט פאַר דעם פאַטשט־פירערס היי און האָבער.

האַצקל דער שמיד האָט געמאַכט אַ טעות. דער באָק איז ניט געווען קיין בעל־תשובה. נייך, פאַרקערט, ער איז געווען אַ גרויסער בעל־תאוה.

דריטער קאַפּיטל

שנעל ווי אַ בליץ האָט זיך די נייעס פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל. עס איז געווען אַ גרויסער חידוש אין שטעטל.

דער חידוש איז ניט געווען דאָס ציגעלע. דאָס שטעטל איז געווען געוואוינט צו ציגן און וואו עס איז דאַ ציגן זיינען אויך דאַ ציגעלעך. אַזוי איז שוין דער דרך הטבע.

דער חידוש איז געווען — דאָס ו ו י י ס ע ציגעלע.

זינט דאָס שטעטל געדענקט האָט זיך נאָך ביי קיינעם ניט אָפּגעציגלט אַ ווייסע ציגעלע. דאָס שטעטל האָט שוין געזען אַלערליי ציגעלעך, אָבער ניט קיין ווייסע.

עס איז געווען אַ גרויס נייעס.

— איר האָט געהערט?

— איר האָט געהערט?

אַזוי האָט איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן די גרויסע נייעס און עס האָט לאַנג ניט גענומען און דאָס גאַנצע שטעטל האָט פון דעם גע־וואוסט. נייעס פאַרשפּרייט זיך זייער גיך אפילו אין גרויסע שטעט, בפרט נאָך אין קליינע.

נו, אַז עס איז דאַ אַ חידוש, דאַרפן אַלע קומען אָנקוקן. דאָס יונגוואַרג, פאַרשטייט זיך, קומט צו ערשט. דאָס יונגוואַרג איז אַלעמאָל צו ערשט — צו אַ שׂרפה, צו אַ געשלעג, צו וואָס עס זאָל ניט זיין.

ווען פישל דוד איז געקומען אַהיים פון דאַוונען האָט ער געפונען זיין שטיבל באַלאַגערט. פון אָנהויב האָט ער זיך דערשראָקן. ער האָט געמיינט, אַז עס האָט, חלילה, עפּעס געטראָפן מיט אימיצן פון זיין הויז־געזינט. די פּנימער פון די אַרומיקע האָבן אים אָבער באַלד באַרויקט. אַלעמענס פּנימער האָבן געשטראַלט. עס איז געווען קלאָר, דער עולם איז זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ שׂמחה און ניט אויף אַ טרויער, חלילה.

ווער איז דאָרט ניט געווען? — קינד און קייט. עס זיינען דאָרט געווען אַלע קליינע קינדער, אַלע מיטעלע און אפילו אַלע גרעסערע. די עטלעכע דינסטמיידלעך אין שטעטל זיינען דאָרט אויך געווען. אַלע האָבן זיך געשטופּט אינווייניק. די טיר איז געווען ברייט אָפן. די גרעסערע קינדער האָבן געצויגן די העלזער, געשטעלט זיך אויף די שפּיץ־פינגער און אַריבערגעקוקט איבער די קעפּלעך פון די קלענערע קינדער, און די קלענעוו'ע האָבן זיך געשטופּט אַלץ טיפער אינעווייניק.

פון אינעווייניק האָט זיך געהערט די באַסאָווע שטים פון דער פישעליכע, די מלמדקע. פישעליכע האָט זיך געבייזערט. זי האָט ניט געקענט אָנגיין מיט דער אַרבעט. עס איז געווען פרייטיק, פאַרגעסט ניט, וואָס עס מיינט — ערב־שבת. זי האָט ערשט אַרויסגענומען די חלות פון אויוון און אויף גיך באַדאַרפט צושטעלן אַ טעפּל קאַרטאָפל מיט אַ טעפּל קרופּניק, וואָס האָבן באַדאַרפט זיין דער פרייטיקדיקער וואַרמעס, ווי דער וואַרמעס פון אַ גאַנץ וואָך. פישל דוד, האָט זי געוואוסט, וועט באַלד דאַרפן קומען פון בית־מדרש און דער וואַרמעס איז נאָך ניט געווען פאַרטיק. נו, האָט די מלמדקע זיך געבייזערט.

דער פאַרזאַמלטער עולם קליינוואַרג האָט זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט. אַלע האָבן גוט געקענט פישעליכע די מלמדקע און האָבן געוואוסט, אַז כל־זמן זי בייזערט זיך אויף איר באַסאָווער שטים איז ניט מסוכן. דאָס איז ניט מער ווי אויפצופּלייסן. ווען זי מיינט ערנסט, דעמאָלט נעמט זי אויף די העכערע טענער.

דאָס קליינוואַרג האָט ריכטיק געטראָפן. די מלמדקע איז ניט געווען בייז. אדרבה, עס האָט איר הנאה געטאָן, וואָס אַזוי פיל זיינען זיך צוזאַמענ־געלאָפן. עס איז ביי איר געווען אַ שטיקל כבוד. מישטיינס געזאָגט, דאָס לעבן וואָס זי האָט געהאַט? ווען איז אַמאָל איינגעפאַלן צו עפּנען ביי איר אַ טיר?

ווען פישל דוד האָט ווי עס איז דורכגעשטופּט זיך צו זיך אין שטוב, האָט ער דערזען פאַר זיך אַזאַ מין בילד:

פישעליכע האָט געשמייעט אַרום דעם אויוון און אַלע ווילע האָט זי דערלאַנגט אימיצן אַנדערש אַ שטויס מיט דער לאָפּעטע, קאַצערע, אָדער ווילקע.

— היט זיך, — האָט זי געוואָרנט מיט איר באַס, — איך וועל אייך אָפּבריען מיט אַקראַפּ.

ווייטער אַרויף,ביים סאַמע אויבן־אָן, איז געווען אַ שטיקל פּלאַץ ליידיק, אָפּגעצאַמט דעם פּלאַץ האָבן פישל דודס זיבן בנים. זיי זיינען געשטאַנען ווי אַן ערן־וואַך און קיינעם ניט צוגעלאָזט צו נאָענט. זיי זיינען געשטאַנען אויסגעצויגן, ווי סאָלדאַטן. דער קאָמאַנדיר איבער אָט דער קליינער אַרמיי איז געווען בערעלע, פישל דודס דריטער זון. קיינער האָט אים ניט אויס־געקליבן. ער האָט זיך אַליין באַשטימט.

בערעלע האָט געהאַט אַ טאָפּלטע עובדה. ער האָט באַדאַרפט האַלטן ניט נאָר די פרעמדע פון דערווייטנס, נאָר אויך די אייגענע. בערעלעס אַרמיי איז ניט געווען זייער גוט דיסציפּלינירט. אימיצער פון די קלענערע ברידערלעך האָט זיך אויף אַ ווייל געקענט פאַרגעסן און ניט קענען ביי־קומען דעם יוצר־הרע פון זיין אייגענער נייגעריקייט. בערעלע האָט אים אויפן אָרט באַדאַרפט דיסציפּלינירן מיט אַ שטורך אין זייט, אָדער מיט אַ שנעל אין נאָז.

ווע‏מען האָט מען אַזוי געהיט? — וועט איר פרעגן.

נו, טרעפט וועמען?

איר האָט געטראָפן:

דאָס ו ו י י ס ע ציגעלע!

דאָס ווייסע ציגעלע איז זיך געלעגן אין רחבות און אין כבוד און האָט זיך רואיק געדרעמלט אויף אַביסל אויסגעשפּרייט היי, ניט ווייסנדיק און ניט פאַרשטייענדיק, אַז זי האָט אַרויסגערופן דעם גאַנצן גערודער. וואו מען האָט גענומען דאָס היי — האָט פישל דוד זיך ניט געקענט משער זיין. עס איז אָבער געווען היי. דאָס האָט שוין בערעלע פאַרזאָרגט.

די ציג אַליין, די מאַמע, איז שוין ניט געווען, ניט אין שטוב און ניט אין פאַדערשטוב. זי האָט פישעליכע משלח געווען גלייך, ווי זי איז געקומען פון מאַרק. זי האָט זי מכבד געווען מיט אַביסל קאַרטאָפל שאָלעכץ — פאַרט אַ קינפּעטאָרין — אָבער זי האָט זי משלח געווען.

די ציג האָט אָבער קיינעם ניט אויסגעפעלט. ווער האָט זי באַדאַרפט? דער חידוש איז געווען ניט זי, די ציג, נאָר די פּרוכט פון אירע לענדן — דאָס ו ו י י ס ע ציגעלע.

און עס איז געווען אַ ו ו י י ס ע ציגעלע — טאַקע באמת אַ ו ו י י ס ע ציגעלע. זאָלט איר זאָגן אַ פלעק, זאָלט איר זאָגן אַ פּינטל — ווייס ווי מילך, ווייס ווי נאָר וואָס אַרויסגעפאַלענער שניי! עס איז גע־

ווען חידושים אָנצוקוקן. זינט דאָס שטעטל געדענקט איז נאָך אַזוינס ניט געווען.

עס זיינען געווען ציגעלעך, ווי ביי יעקב אבינו — עקודים, נקודים, וברודים; ציגעלעך מיט ווייסע שטערנס, ציגעלעך מיט ווייסע פיסעלעך, אָדער מיט ווייסע פּאַסן אויף די זייטן; אָבער אינגאַנצן ווייס, פון אָנהויב ביזן סוף — דאָס איז נאָך אַזוינס ניט געווען!

אַלע זיינען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער. אַלע האָבן זיך געחידושט און געוואונדערט. דער איינציקער אויסנאַם איז געווען דאָס ציגעלע אַליין. זי איז זיך געלעגן און זיך רואיק געדרעמלט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונגען פּרינץ, אָדער פּרינצעסין.

מיטאַמאָל האָט זיך דער גאַנצער געזעמל אַ וויג געטאָן, ווי זאַנגען אויפן פעלד, ווען עס גיט פּלוצים אַ בלאָז אַ שטאַרקער ווינט. די שטופּעריי איז געוואָרן גרעסער. עס האָט זיך דערהערט אַ ביטערער געוויין פון עטלעכע קלענערע קינדער אין דרויסן, וואָס האָבן ניט געקענט זען, וואָס עס קומט פאַר אינעווייניק.

עס איז געשען אַ וואונדערבאַרע זאַך.

דאָס ציגעלע האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט פון איר זיסן דרעמל. זי האָט אויפגעהויבן איר ווייס קעפּעלע און מיט אירע נאַריש-נאַאיווע גרויע אייגעלעך באַטראַכט אַלע אַרומיקע. דאָס האָט געדווירערט ניט מער ווי אַ ווײַלע. אויף דער ציגעלע, זעט אויס, האָט עס ניט געמאַכט קיין רושם. פאַר איר איז געווען אַלץ איינס — יאָ קליינוואַרג, ניט קליינוואַרג, אַ דאגה האָט זי!

אין אַ רגע אַרום האָט זי זיך אויפגעשטעלט אויף די פאָדערשטע קני. זי האָט אָנגעהויבן שפּירן אירע כחות. אַ רגע שפּעטער האָט זי אויסגע-פּרובירט אירע הינטערשטע פיסלעך און אין ווייניקער ווי אַ רגע איז זי שוין געשטאַנען אויף אַלע פיר.

זי איז אַזוי געשטאַנען אַ קורצע ווײַלע, ווי ערשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף. באַלד איז דורך איר ווייסינקן, דינענקן קערפּערל דורכגעלאָפן אַ ציטער, וואָס האָט דעם שלאָף פון איר אינגאַנצן פאַרטריבן. באַלד נאָך דעם, אָן קיין שום וואָרנונג, האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טענצל איבערן שטוב.

אָט אַזוי זיינען יונגע ציגעלעך: זיי טאַנצן אַזוי גיך ווי זיי שטעלן זיך אויף די פיסלעך. זיי טאַנצן ווען מען דאַרף און ווען מען דאַרף ניט.

זיי ווייסן אַליין ניט פאַרוואָס און פאַר וועמען. זיי טאַנצן פון זיך אַליין. עס טאַנצט פון זיי אַרויס די פרייד פון לעבן. מ׳איז יונג, מ׳איז לייכט אויף די פיס — טאַנצט זיך!

אין שטוב איז געוואָרן אַ גרויס גערודער. די שטופּעניש איז געוואָרן ניט אויסצוהאַלטן. פישל דודס גוואַרדיע האָט ניט געקענט אויסהאַלטן דעם שטראָם און דאָס ציגעלע האָט געמוזט זוכן באַהעלטעניש אונטערן בעט; אַז ניט וואָלט מען זי צעטראָטן מיט די פיס.

די מלמדקע, וואָס האָט בשעת מעשה געהאַלטן ביים אָפּזייען דאָס טעפּל קאַרטאָפל, האָט זיך אָפּגעבריט די הענט. דעמאָלט האָט זי ערשט גענומען אויף די אויבערשטע קולות און דעמאָלט האָט די חברה קליינוואַרג אָנגעהויבן זיך אַרויסרוקן איינציקווייז פון שטוב.

ווען פישעליכע צעשרייט זיך אויף די אויבערשטע קולות, מוז מען מאַכן פאַר איר אַ וואַרע, צי מען וויל, צי מען וויל ניט. אירע אויבערשטע טענער, הייזעריק ווי זיי זאָלן ניט זיין, קענען דורכלעכערן אפילו אַ שטיי־נערנע וואַנט. פישל דוד אַליין האָט זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צו זיי און ער פלעגט אַלעמאָל מוזן פאַרשטאָפּן די אויערן מיט זיינע שפּיץ־פינגער, ווען ניט וואָלט ער טויב געוואָרן.

אַ סך גיכער, ווי עס נעמט צו דערציילן איז די שטוב אָפּגעליידיקט געוואָרן פון אַלע פרעמדע באַזוכער. געבליבן זיינען נאָר די אייגענע און זיי זיינען געשטאַנען אין באַזונדערע ווינקעלעך מיט פאַרשטאָפּטע אויערן.

פישעליכע האָט אָבער אַזוי גיך זיך ניט געקענט באַרואיקן. איינמאָל האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט אויף איר ביי־קול האָט זי באַדאַרפט אָפּגעבן איר גאַנצן קאָנצערט. די אידענע האָט גוואַלדיק הנאה געהאַט פון אירע אייגענע געשרייען.

— אַ הן אַביסל, — האָט זי געליאַרמט, — וואָס, מישטיינס געזאָגט, האָט איר דאָ ניט געזען? — אַ ציגעלע, אַ שמיגעלע, אַ נייעס אין שטעטל! אַ גדולה אויף מיין באָבען. אימיצער וואָלט מיינען, אַז איך האָב אַן אוצר געפונען, אָדער אַ קלויסטער באַגנבעט. אויף מיינע שונאימס קעפּ! וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט — אויף אַלע וויסטע פעלדער און פוסטע וועלדער!

מיט אַט דעם פּזמון האָט די מלמדקע אַרויסבאַגלייט אירע אומגעבעט־טענע געסט און ווען דער לעצטער האָט זיך שטילערהייט אַרויסגערוקט האָט פישעליכע מיט כעס פאַרהאַקט די טיר. איינגאַנצן באַרואיקן זיך האָט זי

אַזוי גיך ניט געקענט. זי האָט דעריבער באַלד אויפגעהויבן איר ביי־קול אויף איר הויז־געזינט, דער עיקר אויף איר מאַן.

— וואָס שטייסטו דאָרט ווי אַ גלאָמפּ מיט צוויי אויגן און וואָס קוקסטו דאָרט, ווי אַ האָן אין בני אדם? עס געפעלט דיר אפשר ניט מיין זינגען?

— האָט זי צוגעגעבן, דערזעענדיק ווי פישל דוד האַלט די שפּיץ־פינגער אין זיינע אויערן.

באַלד נאָך דעם האָבן די קינדער געקראָגן זייער חלק:

— טוט נאָר אַ קוק, וואָס זיי האָבן דאָ אָנגעמאַכט — אַ בראָך איז צו מיר! אַ הקדש האָבן זיי געמאַכט פון שטוב!

פון די קינדער איז זי צוריק אַריבער צום מאַן, שוין אַביסל נידעריקער:

— נו, גיי זיך שוין וואַשן, גיי זיך; גיי שוין עסן, גיי!

פישל דוד האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. שטיל ווי אַ שאָטן האָט ער זיך אַרויסגערוקט אין פאָדער־שטוב און באַלד איז ער צוריקגעקומען מיט נאַסע הענט און זיינע ליפּן האָט געמורמלט דעם „שאו ידיכם“.

די קינדער האָבן גלייך געטאָן דאָסזעלבע. ווען די מאַמע הייסט זיך וואַשן, דאַרף מען זיך וואַשן — יאָ אַ ציגעלע, ניט קיין ציגעלע, מעג אפילו זיין אַ ו ו י י ס ע ציגעלע.

פערטער קאַפּיטל

יענעם פרייטיק צו נאַכט איז פישל דוד דער מלמד, מיט זיינע דריי עלטערע זין, געגאַנגען אין בית־מדרש, צו קבלת־שבת, גאַנץ אַנדערש ווי אַלעמאָל. זיי זיינען געגאַנגען אינאיינעם, ווי אַ שיינע, באַלעבאַטישע געזינט: דער טאַטע אינמיטן און די קינדער ביי דער זייט. זיי זיינען געגאַנגען מיט ווערדע, מיט אויפגעהויבענע קעפּ.

איר קענט דערקענען דעם שטאַנד פון אַ אידן אין אַ קליין שטעטל ניט נאָך זיינע קליידער, ווייל קליידער סוף־כל־סוף זיינען אַ גאָט־זאַך — ביי איינעם צערייסט זיך די קאַפּאָטע גיכער און ביי דעם אַנדערן האַלט זי זיך לענגער — נאָר נאָך דעם אופן, ווי ער גייט אין בית־מדרש שבת אָדער יום־טוב. וואָס שענער דער באַלעבאָס, אַלץ גרעסער זיין סוויטע. אַ גאָר שיינער באַלעבאָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצער מחנה פון זין, איידעמס און אייניקלעך. אַ מיטעלער באַלעבאָס גייט מיט אַ מיטעלער מחנה. אָבער יעדער באַלעבאָס, ווי קליין ער זאָל ניט זיין, וועט ניט גיין אַליין. די קינדער וועלן דאָס ניט לאָזן. זיי דאַרפן דאָך אָפּגעבן דעם טאַטן כבוד־אב. אָרימעלייט אָבער גייען אַליין. קבצנים האָבן ניט מיט וואָס זיך גרויס צו מאַכן. זיי זיינען אַ גאַנץ קנאַפּער כבוד איינער פאַרן אַנדערן און זיי גייען דעריבער באַזונדער.

צו וואָס פאַר אַ שטאַנד פישל דוד האָט באַלאַנגט, איז אים אַליין ניט געווען קלאָר. אַ מלמד האַלט זיך געוויינלעך העכער פון אַ געוויינלעכן בעל־מלאכה. ער טוט דאָך פאַרט אַ הייליקע אַרבעט, ווי לערנען קינדער אידישקייט. איר קענט ניט פאַרגלייכן אַ מלמד צו אַ שוסטער, צו אַ שניידער, אַ בויער, אָדער אַ זעגער. אַ מלמד איז אַ מלמד.

אָבער אַ מלמד איז פאָרט אַן אָרימאַן און גאַנץ אָפט אָרימער פון דעם געוויינלעכן בעל־מלאכה און גרויס מאַכן זיך האָט ער ניט מיט וואָס, בפרט נאָך אַזאַ מלמד ווי פישל דוד, וואָס איז געווען אַ דרדקי מלמד און צווישן

זיינע בעלי־בתים זיינען אויך געווען פשוטע בעל־מלאכות. האָט זיך פישל דוד דעריבער ניט געקענט האַלטן אַלעמאָל גלייך. ער האָט זיך געהאַלטן ווי עס איז אים אויסגעקומען. צווישן בעלי־בתים האָט ער זיך געהאַלטן ווי אַ באַלעבאָס און צווישן בעל־מלאכות — ניט ווי אַ בעל־מלאכה, חלילה, נאָר אָן גדלות. און כדי יוצא זיין פאַרביידע צדדים פלעגט ער גיין שבת און יום־טוב אין בית־מדרש, ווי עס האָט זיך געמאַכט: אַמאָל מיט די קינדער און אַמאָל אָן זיי. ער האָט ניט זייער שטאַרק מקפיד געווען אויף זיין כבוד־אב.

דאָס מאָל איז אָבער געווען אַנדערש. דאָס מאָל זיינען די קינדער אויף דעם באַשטאַנען, דער עיקר בערעלע. זיי זיינען ניט אָפּגעטראָטן פון טאַטן און געוואָלט ניט אַנדערש, ווי נאָר גיין מיט אים אינאיינעם אין בית־מדרש אַריין, דעם גאַנצן שטעטל אויף צופּוקעניש.

בערעלע האָט געקענט זיין שטעטל. ער האָט געקענט די עלטערע, אָבער נאָך בעסער האָט ער געקענט די אינגלעך. ער האָט געוואוסט, אַז זיי וועלן חוזק מאַכן פון זיין טאַטן, פון אים און פון זיינע ברידער. ער האָט גע־וואוסט, אַז זיי וועלן דאָס טאָן, ווייל זיי פאַרגינען ניט. אַזוי זיינען שוין די קליינע שטעטלעך — איינער פאַרגינט ניט דעם אַנדערן דאָס לעבן. טרעפט אימיצן אַ שטיקל גליק, וועלן די איבעריקע זוכן פאַרשטערן זיין שמחה מיט אַ שפּאַס, אַ וויץ, אָדער אַ חוזק.

אָבער בערעלע איז ניט געווען גרייט זיך אונטערצוגעבן. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס אין זיין הויז־געזינט האָט זיך באַוויזן עפּעס, וואָס איז ביי קיינעם נאָך ניט געווען, און ער האָט אפשר צום ערשטן מאָל זיך דערפילט באמת שטאָלץ און געהויבן.

דאָס איז געווען — דאָס ווייסע ציגעלע.

בערעלע איז געגאַנגען מיטן קאָפּ אויפגעהויבן, מיטן נעזל פאַרריסן און מיט אַ פייער אין הארצן. ער איז געווען גרייט צו מלחמה מיט אַלע אינגלעך אין שטעטל.

בערעלע איז געווען אַ אינגל אַ ברען. סך הכל איז ער אַלט געווען אַ יאָר צען, אָבער עס האָט אויף אים געברענט די הויט.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט אים געקענט ווי אַ בייזן שילינגער און אַלע האָבן אים גערופן פאַרצויגן — בערעלע. זיין פולער נאָמען איז געווען בערל יצחק, אַ נאָמען נאָכן עלטער זיידען פון דער מאַמעס צד, אָבער קיינער האָט אים ניט גערופן ביי זיין פולן נאָמען, ווי נאָר די מאַמע, ווען זי איז

געווען גוט אויפגעלייגט. אַלע איבעריקע, אַריינגערעכנט דעם טאַטען, האָבן אים גערופן קורץ און פאַרצויגן — בערעלע.

עס איז געווען אַ אינגל אַ קאַפּריזנער. ווען ער פלעגט ווערן אין כעס — און דאָס פלעגט טרעפן מיט אים גאַנץ אָפט — איז ער געווען סכנת נפשות. וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט אונטערן האַנט, מיט דעם איז ער געווען גרייט צו דערלאַנגען. ער האָט איינמאָל געוואָרפן אויף זיין עלטערן ברודער אַ האַק, ווען יענער האָט אים דערצאָרנט. אמת, ער האָט ניט געטראָפן — ער האָט געוואָרפן אַזוי, האָט ער שפּעטער געזאָגט, אַז ער זאָל ניט טרעפן — אָבער געוואָרפן האָט ער און דאָס האָבן אַלע גע־וואוסט און מען האָט זיך דעריבער פון אים געהיט.

און גענומען האָט זיך עס דערפון, וואָס בערעלע איז געווען אומצו־פרידן מיט דער וועלט, מיט זיין אַרומיקער וועלט. ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן למאי זיין טאַטע, מיט זיין מאַמען גייען אַרום אַזוי הכנעהדיק, האָבן מורא עפּענען אַ מויל. אפילו די מאַמע האָט זיך נאָר געזידלט מיט די פּויערים אויפן מאַרק און געשריען אויף איר מאַן און די קינדער. מיט אַלע איבעריקע אידן אין שטעטל האָט זי נאָר גערעדט אויף אירע אונטערשטע טענער און ווען זי האָט באַדאַרפט אפילו מיט אימיצן זיך אויספירן איז דאָס אויך געווען מיט איר באַס.

מיט אַלעמען האָבן זיי באַדאַרפט לעבן גוט, צו אַלעמען האָבן זיי באַ־דאַרפט וויזן אַ פריינטלעכן פּנים און ווען מען האָט זיי אפילו באַליידיקט האָבן זיי באַדאַרפט זיך מאַכן ניט פאַרשטייענדיק, אָדער ניט וויסנדיק.

דאָס האָט בערעלען זייער שטאַרק ווי געטאָן. אין זיינע אויגן זיינען זיין טאַטע און זיין מאַמע געווען פּונקט אַזעלכע שיינע מענטשן, ווי אַלע אי־בעריקע אין שטעטל און טאַקע נאָך אַ סך שענער און בעסער, ווייל זיי זיינען געווען ערלעכע מענטשן, ביי קיינעם חלילה גאָרנישט פאַרנומען, קיינעם ניט געקריוודעט, קיינעם ניט באַליידיקט.

מער פון אַלץ האָט אים פאַרדראָסן דער אופן, ווי אַזוי זיין טאַטע פלעגט מאָנען זיין שכר לימוד געלט. ער פלעגט עס טאָן געוויינלעך דורך זיינע תלמידים.

פישל דוד פלעגט דאַן פאַרלירן זיין געווענלעכע, מלמדישע שטרענג־קייט. ער פלעגט ווערן זייער ווייך און זייער געדולדיק לערנען די תלמידים, וואָס זיי זאָלן זאָגן זייערע טאַטעס אָדער זייערע מאַמעס — עס האָט זיך געוענדט, ווער עס איז געווען דער שפּייזער פון דער פאַמיליע.

דער נוסח איז געווען אַן איינגעחזרטער, אַ סקאַרבאָווער, ווי דער נוסח, מיט וועלכן ער פלעגט לערנען די אינגלעך „ווייבי״ (ואני):

— דער רבי האָט געבעטן זאָגן, אַז אויב עס איז ניט צו שווער, וואָלט עס געווען פאַר אים אַ גרויסע טובה, ווען מען גיט אים אַ פּאָר רובל שכר לימוד. ער דאַרף עס האָבן אויף האַלץ אויף ווינטער.

עס האָט אַלעמאָל באַדאַרפט זיין אַ טובה און אַלעמאָל האָט דער רבי באַדאַרפט אָנגעבן אויף וואָס ער דאַרף דאָס געלט. ווינטער־צייט האָט עס באַדאַרפט זיין אויף האָלץ. זומער־צייט האָט עס באַדאַרפט זיין אויף דירה־געלט. ערב אַ יום־טוב האָט ער געמעגט בעטן אויף אַ פּאָר שטיוול, אָדער אויף אַ בגד. אין מיטן זומער האָט די רביצן באַדאַרפט זיך לייגן אין קינפּעט.

יונג, ווי בערעלע איז געווען, האָט ער געפילט די גאַנצע באַליידיקונג פון אָט דער מאַנעוורע. פאַרוואָס דאַרף, דער טאַטע זיינער, בעטן? פאַר־וואָס מאָנט ער ניט?

די בעל־מלאכות אין שטעטל, האָט בערעלע געוואוסט, דערנידעריקן זיך ניט אַזוי. אדרבה, זיי מאָנען און מאָנען מיט אַ פולן מויל — זיי שעמען זיך ניט און זיינען ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן. ווען מען באַצאָלט זיי ניט אין צייט, מאַכן זיי געוואַלדן. זיין טאַטע איז אָבער געווען אַ מלמד, אַ טוי־געניכטס, אַ שלימזל און דאָס האָט אים שטאַרק ווי געטאָן.

און דערפאַר איז בערעלע געווען אַזוי קאַפּריזנע. מען האָט אים ניט געטאָרט קוקן קרום אין אויג. פאַר יעדער קלייניקייט האָט ער זיך באַליי־דיקט און איז געווען גרייט צו נעמען נקמה פאַר זיך, פאַר זיין טאַטן און פאַר דער גאַנצער הויז־געזינט.

זיינע איבעריקע ברידער זיינען ניט געווען אַזוי. זיי זיינען געווען, ווי דער טאַטע און האָבן אויף זיך געשלעפּט דעם שלימזל. בערעלע האָט געליטן פאַר אַלעמען.

פישל דוד האָט געהאַט פון אים אַ סך צרות. גאַנץ אָפט פלעגט מען קומען מסרן אויף זיין בערעלען. עס פלעגן קומען די מאַמעס, אָדער די שוועסטער פון די אינגלעך, וועמען בערעלע האָט צעדראַפּעט די פּנימער, אָדער אונטערגעשלאָגן די זייטן.

פישל דוד פלעגט דעמאָלט ווערן צעשראָקן און צעטומלט. גאַנץ אָפט פלעגט ער אַריינפאַלן אין אַן אמתן כעס. אָט דער בערעלע זיינער מאַכט אים אומגליקלעך. דורך אים וועט ער פאַרלירן דעם קנעלונג. אַ שיינער

מלמד, איז ער, אויב ביי אים קען אויסוואַקסן אַזאַ בנאָק! און אַז ער וועט פאַרלירן דעם קנעלונג וועלן אַלע דאַרפן שטאַרבן פון הונגער.

כדי צו באַרואיקן די אויפגערעגטע מאַמעס, אָדער שוועסטער, פלעגט פישל דוד אַראָפּציען דעם פּאַסעק פון די הויזן, אַוועקלייגן בערעלען אויף די קני — אויב ער איז נאָר געווען אונטערן האַנט — און אים אַריינ־ציילן וואו מען דאַרף און וויפיל מען דאַרף, אַז ער זאָל נאָך קענען פאַר־זאָגן אַ צענטן. און אַז בערעלע איז ניט געווען אונטערן האַנט — וואָס דאָס האָט זיך געמאַכט אַ סך אָפטער — פלעגט פישל דוד זיך שווערן מיט זיין הן־צדק, אַז ער וועט שוין אים באַצאָלן. בשעת מעשה פלעגט ער אַרויס־ווייזן אַזאַ כעס, אַז די מאַמעס האָבן געקענט מיינען, אַז ווען בערעלע וואָלט נאָר געווען אונטערן האַנט, וואָלט ער, פישל דוד, אים צעריסן, ווי אַ הערינג.

טיף אין האַרצן האָט אָבער פישל דוד בערעלען שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט אים מער ליב געהאַט, ווי די איבעריקע קינדער.

— עס וועט שוין עפּעס פון אים אויסוואַקסן, — פלעגט פישל דוד זאָגן צו זיך אַליין, — ער וועט שוין קיין מלמד ניט זיין.

פישל דודס שמיץ האָבן אָבער גאַנץ ווייניק וואָס געהאָלפן. בערעלע האָט זיך געטאָן זיינס און ווי איז געווען יענעם אינגל, וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט אין בערעלעס אויגן.

אַזאַ אינגל איז געווען בערעלע — אַ אינגל וואָס לאָזט זיך ניט אָפּ־שרעקן. אַ אינגל, וואָס קען דערלאַנגען, אָבער קען אויך נעמען אַ קלאַפּ.

איר קענט זיך שוין פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ האַרץ בערעלע איז יענעם פרייטיק צו נאַכטס געגאַנגען מיטן טאַטען און מיט די איבעריקע ברידער אין בית־מדרש אַריין. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס גאַנצע שטעטל אינגלעך זיינען אים מקנא. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַלע אידן אין שטעטל פאַרגינען ניט זיין טאַטען. ער האָט זיך משער געווען, אַז גלאַט וועט עס ניט אַראָפּגיין און ער איז דעריבער געווען גרייט.

ער איז געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט אַ פאַררייסן נעזל און זיינע ברענענדיקע אויגן האָבן אַרומגעשוועבט אין אַלע זייטן. ער האָט זיך געריכט, אַז מיטאַמאָל וועט אויף זיי אָנהויבן זיך שיטן אַ האָגל פון שטיינער, שפּענער, אָדער שטיקער ערד — אויף אַזאַ אופן האָט דאָס שטעטל באַדאַרפט נעמען נקמה פון אים, פון זיין טאַטען און פון זיינע ברידער פאַר דעם גרויסן גליק, וואָס האָט זיי געטראָפן. בערעלע איז געווען

גרייט צו שלאָגן זיך, ווי אַ לייב, ווי אַ טיגער. ער איז געווען גרייט אויס־הרגענען אַלע אינגלעך פון שטעטל, אויסלייגן זיי ווי די שעפסן.

אָבער קיין זאַך האָט ניט געטראָפן. נאָר אַ פּאָר פון די גאָר קליינע אינגעלעך האָבן זיך געזוכט אַנרייסן. זיי האָבן אָנגעהויבן נאָכלויפן און שרייען: „ציגעלע, מע־מע־מע!" און די זיינען זיך באַלד צעלאָפן, ווען בערעלע האָט זיך אַ יאָג געטאָן נאָך זיי.

אין בית־מדרש האָבן נאָר עטלעכע פון די יונגעלייטלעך, וואָס דרייען זיך אַרום געווייגלעך ביים טיר, זיך איבערגעקוקט מיט אַ שמייכל, ווען פישל דוד מיט זיינע בנים זיינען אַריינגעקומען. די איבעריקע באַלעבאַטים זיי־נען געבליבן שטיין אויף זייערע „ערטער". אַזוי ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען.

ערשט נאָכן דאַווענען האָבן אַ פּאָר באַלעבאַטים זיך ניט איינגעהאַלטן און אָפּגעגעבן פישל דודן אַ ברייטן:

— גוט שבת, מזל טוב!

דאָס איז אָבער געזאָגט געוואָרן אַזוי גוטמוטיק, אַז אפילו בערעלע האָט זיך ניט געקענט באַליידיקן.

פישל דוד האָט געשטראַלט. ער האָט פאַרשטאַנען דעם שפּאָס און האָט געענטפערט אין דעמזעלבן טאָן:

—מיט מזל זאָלט איר לעבן, ביי אייך אין גיכן אויף שמחות.

בערעלען איז געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה. דאָס שטעטל האָט טאַקע ניט פאַרגונען — אין דעם איז ער געווען זיכער — אָבער ניט אויף אַזוי פיל, אַז עס זאָל וועלן טאָן רשעות.

דאָס ווייסע ציגעלע איז געבוירן געוואָרן אין אַ גוטער שעה.

פינפטער קאַפּיטל

אויף מאָרגן, שבת נאָכן טשאָלנט, האָט בערעלע אַליין ניט באַמערקט, ווי ער איז געבליבן דער איינציקער פון אַלע קינדער אין שטוב.

טאַטע־מאַמע זיינען אַוועק הינטערן פאָרהאַנג זיך צולייגן פאַר עונג שבת וועגן. דאָס איז געווען אַן אַלטער מנהג אין שטעטל און דער מלמד מיט דער מלמדקע האָבן אים היילִיק אָפּגעהיט.

עס איז שוין ביי זיי אריין אין אַ געוואוינהייט. נאָך אין מיטן בענטשן פלעגט פישל דוד אָנהויבן גענעצן מיט אַ ברייט מויל און נאָך איידער ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט די לעצטע ברכות איז ער שוין געפאַלן אויפן נאָז. ער פלעגט קוים־קוים דערשלעפּן דאָס בענטשן ביזן סוף און באַלד — הינטערן פאָרהאַנג.

דאַכט זיך, פישל דוד האָט זיך גאָרניט אַזוי אָנגעפרעסן, אַז עס זאָל אים שלעפערן, אָבער אַ רגילות, זאָגט די וועלט, איז נאָך ערגער פון אַ תאווה.

די מלמדקע פלעגט איינשלאָפן ביים טיש אונטער דעם זיסן ניגון פון פישל דודס בענטשן. ווען דער ניגון פלעגט אויפהערן פלעגט די מלמדקע עפענען די אויגן און וואַקלענדיק זיך, ווי אַ שכורע, זיך אויך אַוועק־שלעפּן הינטערן פאָרהאַנג.

און אַז טאַטע־מאַמע זיינען געגאַנגען שלאָפן האָבן די קינדער געוואוסט, אַז זיי טאָרן ניט שטערן. זיי פלעגן זיך אַרויסרוקן פון שטוב שטילערהייט און פאַרשפרייטן זיך איבערן שטעטל.

געוויינלעך פלעגט בערעלע ניט וואַרטן ביז טאַטע־מאַמע וועלן גיין שלאָפן. ער איז געווען פון די ערשטע צו פאַרלאָזן דעם טיש. אוודאי האָט ער באַדאַרפט בענטשן, ווי די איבעריקע קינדער, אָבער ער פלעגט דאָס בענטשן אָפּזופּען אויף גיך, ווי קאַלטע לאָקשן מיט מילך, און איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט איז ער שוין ניט געווען.

פישל דוד האָט אים ניט געקענט אָפּשטעלן, ווייל ער האָט געהאַלטן אין מיטן בענטשן און ער האָט ניט געטאָרט מפסיק זיין. פישעליכע פלעגט יאָ האַלטן אויף אים אַן אויג, אָבער פאַר דער מאַמען האָט בערעלע ווייניק מורא געהאַט שבת נאָכן טשאָלנט. דעמאָלט איז געווען אַ גאַנץ אַנדער פישעליכע — כמעט ניט צו דערקענען. זי האָט זיך ניט געשאָלטן, זי האָט ניט געשריען און אפילו ווייניק וואָס זיך געבייזערט. די קינדער האָבן פאַר איר דעמאָלט ווייניק מורא געהאַט און אפילו ליב געהאַט.

בערעלע איז אַלעמאָל געווען אין גרויס איילעניש, אָבער מער פון אַלעמאָל האָט ער זיך געאיילט שבת ביים בענטשן. ער פלעגט זיצן ווי אויף נאָדלען. יעדע רגע איז אים געווען טייער.

כל־זמן פישעליכע פלעגט דערלאַנגען צום טיש איז בערעלע געווען איינגאַנצן פאַרטאָן אין דער אכילה. ער האָט געשלונגען די מאכלים מיט די אויגן, איידער זיי זיינען אָנגעקומען צו אים אויפן טעלער. אין שטוב האָט ער געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ זולל וסובא, פאַר אַ טריפה האַלז. עס איז אים אַלעמאָל געווען ווייניק און עס האָט זיך אים אַלעמאָל געדאַכט, אַז אַנדערע קריגן מער פון אים.

אַז עס איז אָבער געקומען צום בענטשן האָט שוין בערעלע געוואוסט, אַז עס איז שוין אויס — אַ סוף צו די געריכטן. דעמאָלט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַ סך בילכערע זאַכן צו טאָן.

וואָס?

דאָס האָט בערעלע אַליין ניט געוואוסט. אינגלעך אין אַ קליין שטעטל פלאָנעווען זייער זעלטן אין פאָראויס, וואָס צו טאָן. דאָס טוען זיי נאָר צוויי מאָל אַ יאָר: ערב תשעה באב, ווען מען גייט קלייבן בערעלעך און ערב הושענא רבה, ווען מען גייט שניידן הושענות. געוויינלעך דאַרפן זיי זיך ניט צונויפריידן — זיי געפינען שוין וואָס צו טאָן, ווען זיי קומען זיך צוזאַמען. ווען אינגלעך קומען זיך צוזאַמען איז שוין אַלעמאָל דאָ וואָס צו טאָן, ווען אפילו זיי טוען גאָרנישט.

די לאַנגע שבתדיקע נאָכמיטאָגס, צווישן טשאָלנט און מנחה דאַווענען, איז געווען די בעסטע צייט פאַר די אינגלעך אין שטעטל. אַלע עלטערע מענטשן אין שטעטל זיינען געגאַנגען שלאָפן און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל מוסר זאָגן, אָדער דרייען פאַר די אויערן.

די עלטערע בחורים מיט די מיידלעך פלעגן אַוועקגיין הינטערן שטעטל שפּאַצירן, אָדער זיך אַוועקזעצן קנאַקן זון־יאַדערלעך אויף די גאַניקעס.

מיט די קלענערע מיידלעך האָט זיך קיינער ניט גערעכנט. זיי זיינען געווען, אזוי ווי זיי וואָלטן ניט געווען זיין.

דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען פריי פאַר די אינגלעך. זיי האָבן געקענט טאָן, וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט.

דער זאַמל־פונקט פאַר די אינגלעך איז געווען דער שול־הויף, פון וואַנען מען האָט זיך נאָך דעם צעלאָזט צו די שפּיל־פּלעצער, וואו מען האָט זיך געקענט שפּילן.

עס זיינען געווען עטלעכע אַזעלכע שפּיל־פּלעצער אין שטעטל, פּלעצער וואָס זיינען געווען אַביסל ווייטער פון די הייזער, וואו די טאַטעס מיט די מאַמעס זיינען געשלאָפן. ווען אינגלעך שפּילן זיך, ווייסט איר דאָך, מוזן זיי מאַכן קולות. דאָס שטערט דעם שלאָף פון די טאַטעס מיט די מאַמעס. און ווען אַ טאַטע ווערט אויפגעריסן מיט געוואַלט פון זיין געשמאַקן נאָכן טשאָלנט שלאָף, וועט ער אַרויסלויפן אַ צעכעסטער, גאַנץ אָפט אין די גאַטקעס — ניטאָ זיך פאַר וועמען צו שעמען — און ער וועט אָנהייבן טיילן פּעטש, ווער עס וועט קומען פריער אונטערן האַנט — זאָל עס זיין אַן אייגענער אינגל, אָדער אַ פרעמדער.

אָה, די אינגלעך האָבן געקענט זייערע טאַטעס. זיי האָבן געוואוסט, אַז כדי צו קענען זיך שפּילן פריי איז אַ סך גלייכער צו האַלטן זיך וואָס ווייטער פון זייערע טאַטעס מיט זייערע מאַמעס.

געוויינלעך איז בערעלע געווען דער ערשטער אויפן שול־הויף און איינער פון די אָנפירער אויף איינעם פון די שפּיל־פּלעצער. דאָס מאָל האָט ער פאַרשפּעטיקט און די סיבה איז געווען — ווי איר קענט מסתם זיך גאַנץ לייכט אָנשטויסן — דאָס ווייסע ציגעלע.

דאָס ציגעלע איז בערעלען געוואָרן איינגעבאַקן אין האַרצן אַ סך מער, ווי אַן אייגענער ברודער. פאַרוואָס? דאָס וואָלט ער מסתם ניט געקענט דערקלערן און דאָס וואָלט אפשר קיינער ניט געקענט דערקלערן.

עס איז געקומען אומגעריכט, פון זיך אַליין. בערעלע האָט זיך צוגעזאָטן צו דער ציגעלע מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה.

בערעלע האָט אַלעמאָל ליב געהאַט קליינע, לעבעדיקע באַשעפענישן, ווי אַ שטייגער, הינטעלעך, קעצעלעך, הינדעלעך און גענזעלעך. ער האָט אויך ליב געהאַט די ציגעלעך, וואָס זייער ציג פלעגט אַלע יאָר, חוק ולא יעבור, מוזן ברענגען. אָבער קיינמאָל האָט ער זיך אַזוי שטאַרק ניט צוגעבונדן צו אַ יונג לעבעדיק באַשעפעניש, ווי ער האָט זיך צוגעבונדן צו דאָס

ווייסע ציגעלע. עס איז געווען אַ ליבע מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה.

זי איז געווען אַזוי אַנדערש פון אַלע אַנדערע ציגעלעך. זי איז געווען אַזוי ריין, אַזוי ציכטיק און דער עיקר אַזוי ווייס — ווייס ווי מילך, ווי נאָר וואָס אַרויסגעפאַלענער שניי.

בערעלע האָט זיך פון איר ניט געקענט אָפּרייסן. ביינאַכט איז ער געשלאָפן מיט איר און ביים עסן האָט ער זי געהאַלטן אויף די הענט. פישל דוד האָט עס אפילו ניט געוואָלט ליידן. אין זיינע אויגן איז יעדע חיה געווען אַן אומריינע זאַך. דאָס מאָל האָט זיך אָבער די מלמדקע אָנגענו־מען פאַר בערעלען. זי האָט געפּסקנט, אַז וויבאַלד אַ ציגעלע איז אַ כשרע חיה, מאַכט ניט אויס. עס איז דאָך ניט קיין הינטעלע אָדער אַ קעצעלע. מען מעג דאָך דאָס עסן. פישל דוד האָט געוויינלעך געהאַלטן זייער ווייניק פון זיין ווייבס לומדות. דאָס מאָל האָט ער זיך געלאָזט איבעררייד. בערעלע איז דאָך געווען פאַר בר־מצוה און עס האָט דעריבער שטאַרק ניט אויס־געמאַכט.

דעם שבת, צום טשאָלנט, האָט בערעלע געוואָלט געבן דער ציגעלע צו פאַרזוכן דעם טעם פון דעם אידישן מאכל. ער האָט איר געשטופּט אין מיילכל דאָס אַ פּאָר אַרבעס און דאָס אַ פּאָר גריפּן. דאָס ציגעלע האָט דאָס אָבער אויסגעשפּיגן און געדרייט מיטן קעפּעלע אויף „ניין“.

ציגן, אַלס אַ כלל, האָבן ניט ליב קיין פליישיקס. ציגן זיינען געבוירענע וועגעטעריאַנער.

בערעלע איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרשפּילט מיט דער ציגעלע, אַז ער האָט ניט באַמערקט, ווי זיינע ברידערלעך האָבן זיך שוין אַרויסגערוקט פון שטוב און ווי דער טאַטע ראַנגלט זיך מיטן שלאָף און מיטן בענטשן. ער האָט געוואָלט ניט אַנדערש, ווי איינרעדן דאָס ציגעלע, אַז זי זאָל דער־שלינגען אַ שטיקל ווייכע חלה איינגעטונקט אין וואַסער. ער האָט געזען, ווי ווייבער טוען עס מיט זייערע ברוסט־קינדער און ער האָט געמיינט, אַז ער קען דאָס פּועלן ביי זיין ציגעלע.

ער איז אויפגעוועקט געוואָרן, ווי פון שלאָף, פון זיין מאַמעס באַסאָווער שטימע, וואָס איז געקומען פון הינטער דעם פאַרהאַנג. פישעליכע האָט זיך געבייזערט:

— זאָל שוין זיין גענוג מיט דער ציגעלע, זאָל שוין זיין גענוג! הן נאָר אַביסל, ער קען זיך ניט אָפּרייסן פון דער ציגעלע, קען ער ניט. אַלע

קינדער זיינען שוין אין גאַס, זיינען זיי. וואָס היניסטו דאָ, וואָס?

פישל דודס פּלאַץביים טיש איז שוין אויך געווען ליידיק. איין בליק אויפן פאַרהאַנג און בערעלע האָט דערזען אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז.

עס איז שבת נאָכן טשאָלנט און ער דאַרף לאָזן טאַטע־מאַמע שלאָפן. ער האָט זיך אַרויסגערוקט פון שטוב, ווי אַ שולדיקער, ניט ענטפערנדיק קיין וואָרט.

אויפן גאַס איז שוין געווען שטיל — ניט געווען צו הערן קיינע קינ־דערשע קולות. אויפן שול־הויף איז שוין אויך קיינער ניט געווען. חברה אינגלעך איז זיך שוין צעקראָכן. ניט לאַנג טראַכטנדיק איז בערעלע אַוועק זיי זוכן און ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון איז ער אַוועק צו יודע דעם אַלטנס הויף.

זעקסטער קאַפּיטל

יודע דער אַלטער איז שוין געווען אַזוי אַלט, אַז קיינער האָט ניט געדענקט, ווען ער איז אַמאָל געווען יונג.

ער האָט געוואוינט אין אַ גרויסער אַלטער שטוב ביים סוף גאַס, דאָרט וואו די אידישע הייזער הערן אויף און די גויאישע הויבן זיך אָן.

די שטוב איז געווען אַזוי אַלט, אַז זי איז שוין כמעט אַ העלפט איינגעזונקען אין דער ערד. עס איז געווען אַ נידעריקע שטוב און אַ טונקעלע — דער באַלקן איז געהאַנגען איבערן קאָפּ — אָבער דערפאַר איז זי געווען זייער אַ גרויסע שטוב, אפשר די גרעסטע שטוב אין שטעטל.

ווי גרויס די שטוב איז ניט געווען האָט זי יודע אַליין פאַרוואוינט — ער מיט זיינע דריי אייניקלעך, אַ מיידל און צוויי אינגלעך, יתומים. קיין ווייב האָט ער שוין לאַנג ניט געהאַט. דאָס מיידל איז געווען די עלטערע פון די דריי יתומים און זי איז געווען די גאַנצע באַלעבאָסטע.

אין שטוב איז אויך געווען, ווי עס פירט זיך אין קליינע שטעטלעך, יודעס ווערקשטאַט. די שטוב איז דעריבער מער ווי אַ העלפט געווען פאַרוואַלגערט מיט אַלטע כלים, דער עיקר מיט אַלטע, צעבראָכענע צוהונעס.

ער איז געווען, אָדער געזאָלט זיין, אַ צין־שמיד. ער האָט געווייסט פאַנען, סקאָווראָדעס, סאַמאָוואַרן און אַלע אַנדערע קופּערנע און מעשענע כלים, וואָס דאַרפן באַוויסט ווערן אינעווייניק מיט צין, כדי מען זאָל זיי קענען נוצן. אַזעלכע כלים זיינען אָבער געווען זייער ווייניק אין שטעטל און ווייסן האָט מען זיי באַדאַרפט נאָר איינמאָל אין יאָר, ערב פסח. אַ גאַנץ יאָר האָט יודע זיך פאַרנומען מיט פאַרריכטן צוהונעס, דאָס הייסט — גרויסע טעפּ, געמאַכט פון האַרטן אייזן. אַזעלכע טעפּ שפּאַלטן זיך זייער אָפט און ווען אַזאַ טאָפּ האָט זיך צעשפּאַלטן, האָט מען געוואוסט, אַז מען דאַרף אים טראָגן צו יודען דעם אַלטן — אַזוי טאָקע האָבן אים אַלע גערופן.

ווי אַלט ער איז געווען, האָט קיינער ניט געוואוסט — ער אַליין האָט שוין אפשר אויך פאַרגעסן דעם חשבון פון זיינע יאָרן. מענטשן האָבן

גערעדט, אַז ער איז שוין אַריבער נײַנציק. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער איז שוין איבער הונדערט יאָר אַלט. אָבער ווי אַלט ער איז ניט געווען האָט מען אים אַלעמאָל געקענט זען ביי דער אַרבעט.

ער האָט געהאַט אַן עגבער־אייזן, וואָס האָט געלעכצערט צוהון. עס איז געווען אַ פּשוטער, אָבער אַ קונציקער שטיקל געצייג. עס איז געווען אַ הילצערנער רעדל אויף אַ הילצערנעם שטעקל. איבערן שטעקל איז געווען אָנגעטאָן אַ הענטל מיט צוויי עקן, מיט אַ לאָך אין מיטן, און פון ביידע עקן פון הענטל ביז צום שפּיץ פון שטעקל האָבן זיך געצויגן צוויי דינע רימענס, ווי רצועות. ווען מען האָט פאַרדרייט די רימענס אַרום דעם שטעקל און גע־דריקט דאָס הענטל אויף אַראָפּ האָט זיך דאָס רעדל אָנגעהויבן דרייען. דאָס רעדל האָט זיך געדרייט הין און צוריק פון זיין אייגענעם אימפּעט. ביים סוף שטעקל האָט געשטעקט דער עגבער־אייזן. דער עגבער האָט זיך געדרייט מיטן שטעקל און אַז מען האָט אים געדרייט לאַנג גענוג האָט זיך אויסגעדרייט אַ לאָך אין צוהון.

אַלע אינגלעך אין שטעטל האָבן ליב געהאַט צו קוקן, ווי אַזוי יודע דרייט די לעכער. עס איז געווען חידושים.

און אַז יודע האָט אויסגעדרייט גענוג לעכער האָט ער אין זיין אַריינ־געהאַמערט דיקע דראָטן פון ביידע זייטן שפּאַלט. נאָך דעם פלעגט ער פאַרשמירן דעם שפּאַלט מיט גלעזער־קיט און די זאַך איז געווען אָפּגעטאָן.

מיט יאָרן פריער האָט יודע אויך געדראָטעוועט און געקיטיוועט ליימענע כלים. ער פלעגט נעמען אַ צעבראָכענעם ליימענעם טאָפּ, אָדער הליאָק און אים גאַנץ מאַכן. ער פלעגט אים אַרומנעמען מיט אַ נעץ פון ווייך דראָט, פאַרקיטעווען די שפּאַלטן און די צעבראָכענע כלי איז צוריק געוואָרן אַ גאַנצע כלי, נאָך אפילו בעסער ווי אַ נייע, ווייל דער דראָט־נעץ האָט זי געהאַלטן שטאַרקער. אָבער דאָס איז געווען מיט יאָרן פריער, ווען ליימענע כלים איז אויך געווען שווער צו קריגן אין שטעטל. דאָס איז געווען אין די צייטן פון פאַר מנחם דעם דריי־קאָפּ. זינט מנחם דריי־קאָפּ איז אָבער אָנגעקומען אין שטעטל האָט מען שוין מער ניט באַדאַרפט דראָטעווען ליימענע כלים. מנחם דריי־קאָפּ, אַ איד מיט המצאות, האָט אויפגעזוכט ניט ווייט פון שטעטל עפּעס אַ טעפּל־מאַכער און זינט דאַן האָט ער באַזאָרגט דאָס שטעטל מיט אַזוי פיל ליימענע כלים, וויפיל עס האָט באַדאַרפט.

אויב יודע האָט נאָך אַלץ געדראָטעוועט כלים איז דאָס געווען פאַר זיך אַליין. אַלע זיינע כלים אין שטוב זיינען געווען געדראָטעוועט און געקיטע־

וועט. אפילו די שפּאָקולן, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן נאָז זיינען געווען געדראָטעוועט און געקיטעוועט. זיי האָבן זיך געהאַלטן אויף דראָט און אויף קיט און האָבן זייער געפּאַסט צו יודעס אויסזען.

דאָס איז געווען אַ איד אַ הויכער, אַן איינגעדאַרטער און אַן אויפ־געהאָרבעטער, אָבער שטאַרק ווי אַ דעמב. אַלעמאָל, סיי זומער און סיי ווינטער, האָט ער געטראָגן דיזעלבע לאַנגע וואַטאָווע קאַפּאָטע און דיזעלבע שמויסענע קוטשמע, פון וועלכער עס זיינען אַראָפּגעהאַנגען דיקע, לאַנגע און געקרויזטע פּאות. אַלט ווי יודע איז געווען, אָבער זיינע פאות און באָרד האָבן אויסגעזען ברודנע שוואַרץ. דאָס האָט זיך אפשר געקענט נעמען פון שמוץ. יודע דעם אַלטן האָט מען קיינמאָל ניט געזען זיך וואַשן אין באָד, אָדער זיך באָדן זומער אין טייך.

גערעדט האָט יודע זייער ווייניק, אָדער כמעט גאָרניט, ווייל מען האָט סיי ווי ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט. גערעדט האָט ער — ווען ער האָט אַמאָל גערעדט — מיט אַ קוויטשיקן, ווייגענדיקן קול. עס פלעגן אַרויסקומען ניט קיין ווערטער, נאָר אַ מין האַווקען, להבדיל — „האַוו, האַוו, האַוו!“

ער פלעגט אויך אַזוי דאַוונען און תהילים זאָגן. מען האָט ניט געהערט קיין עיברי, נאָר „האַוו, האַוו, האַוו“.

לאַכן פון אים האָט מען אָבער ניט געטאָרט. אַזוי האָבן די מלמדים שטרענג אָנגעזאָגט אַלע אינגלעך. עס איז געווען אַ גרויסע עבירה צו לאַכן פון יודעס דאַוונען — אַן עבירה פאַר גאָט. גאָט, האָבן אַלע געזאָגט, פאַר־שטייט יודען זייער גוט און מען טאָר דעריבער ניט לאַכן פון יודעס דאַוונען.

אין שטעטל האָט מען דערציילט וואונדערלעכע מעשות וועגן יודען.

מען האָט דערציילט, ווי אַזוי ער איז אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ אינגל, געכאַפּט געוואָרן פון כאַפּערס, וואָס האָבן אים געוואָלט אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט.

די מעשה איז אַזוי געווען:

יודע איז געווען אַ יתום. זיינען איינמאָל געקומען צוויי אידן, כאַפּערס, און האָבן אים אַוועקגעכאַפּט.

די אידן זיינען געקומען פון אַ דערבייאיקער גרעסערער שטאָט. דאָרט האָט געוואוינט אַ איד אַן אדיר, אַ גרויסער עושר, וואָס האָט געהאַט אַ סך זין און איידעמס. יענע שטעטל — דאָס איז שוין געווען אַ גרעסערע שטעטל — האָט יענעם יאָר באַדאַרפט צושטעלן צוויי נפשות פאַר פּאָניעס

אַרמיי. דאָס איז געווען אין דער צייט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, ימח שמו, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויפן אידישן פאָלק און געפאָדערט פון אים סאָל־דאַטן פאַר זיין אַרמיי. און דינען האָט מען אין יענע צייטן באַדאַרפט ניט ווייניקער, ווי פינף און צוואַנציק יאָר.

הכלל, עס איז געווען אַ גרויסע גזירה אויפן שטעטל און מען האָט זיך ניט געקענט קיין עצה געבן. איין „אַכוואַטניק״, אָדער פריי־ווילי־קער, האָט זיך אָפּגעזוכט. דאָס איז געווען עפּס אַ בחור אַן אויסוואורף, אַ הולטאַי, וואָס האָט ניט מורא געהאַט פאַר חלול שבת און ניט פאַר טרפה עסן. אָט דער בחור האָט איינגעוויליקט צו גיין פאַר אַ יון, ווען מען וועט באַצאָלן זיין מאַמען, אַן אלמנה, כך וכך גאָלדענע רענדלעך. מען האָט באַדאַרפט האָבן נאָך איינעם און אָט דעם נאָך־איינעם האָט מען ניט געקענט געפינען.

מען האָט אָפּגעהאַלטן אסיפות און עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע מחלוקת. די אָרימעלייט אין שטעטל האָבן זיך צעבונטעוועט און האָבן געשריען — איין מאָל ניין! זיי וועלן זייערס אַ קינד ניט געבן. זיי וועלן זיך שלאָגן אין בלוט, זיי וועלן אונטערצינדן דאָס שטעטל, אָבער זייערס אַ קינד וועלן זיי ניט געבן. בקיצור, מען האָט באַשלאָסן צו וואַרפן גורל און דער גורל איז גראָד געפאַלן אויף דעם אידן, דעם אדיר, דעם גרויסן עושר. ער האָט עס באַדאַרפט שיקן איינעם פון זיינע זין צו דינען דעם קיסר פינף און צוואַנציק יאָר.

וואָס זשע טוט אַ איד, אַן עושר, ווען עס פאַלט אויף אים אויס דער ביטערער גורל? — ער דינגט כאַפּערס און שיקט זיי אַרויס צו כאַפּן ערגעץ אַ וויסטן, עלנטן יתום, וואָס האָט ניט קיין קרוב און קיין גואל, און אָט דעם יתום שיקט ער אַוועק אַלס אַ כפרה פאַר זיינע זין.

און אַזאַ יתום איז יודע געווען און די כאַפּערס האָבן אים געכאַפּט.

און איצט הערט, ווי אַזוי יודע איז נצול געוואָרן פון די כאַפּערס הענט. עס איז אַ קורצע מעשה, אָבער אַ שיינע:

עס איז געווען ווינטער, שליט־וועגס. ווען די כאַפּערס האָבן אים געכאַפּט, האָבן זיי אים אַריינגעוואָרפן אין אַ שליטן, איבערגעדעקט אים מיט אַ בינטל שטרוי, און זיך אַוועקגעלאָזט מיט אים אין וועג אַריין.

איר קענט זיך פאָרשטעלן, ווי יודען איז דעמאָלט געווען אויפן האַרצן. ער איז געווען אַ פרומער אינגל און אַ גאָטספאָרכטיקער. ער האָט זיך ניט אַזוי געשראָקן פאַר פאָניעס דינסט, ווי פאַר חלול שבת און טרפה עסן. ער האָט געוואוסט, אַז ער פאַרלירט ניט נאָר די וועלט, נאָר אויך יענע

וועלט. איז ער געלעגן נעבעך אונטערן שטרוי און האָט ביטער געוויינט.

אז ער האָט זיך גוט אויסגעוויינט האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן, ווי אַזוי ראַטעווען מען זיך. צום גליק האָט יודע ביי זיך געהאַט אַ מעסערל אין קעשענע. שטילערהייט, אַז די כאַפּערס זאָלן ניט באַמערקן, האָט ער אַרויס־געצויגן זיין מעסערעל און מיט אים אויסגעשניטן אַ טיפן לאָך אין דעם דעק פון שליטן. ער האָט די הענט דורכגעשטעקט דורכן לאָך און מיט זיי זיך אָנגעכאַפּט אויפן שניי פון וועג. ביסלעכוויז איז ער אַזוי דורכגע־קראָכן דורכן לאָך און איז אַנטרונען פון די כאַפּערס. ער האָט זיך דערביי צעבלוטיקט די הענט מיטן פּנים, אָבער ער האָט זיך געראַטעוועט פון פאָניעס הענט.

נאָך דעם האָט ער זיך איבערגעטאָן פאַר אַ שיקסע און האָט זיך זעקס חדשים צייט אויסגעבאַהאַלטן פון די כאַפּערס. די צוויי אידן האָבן אים די גאַנצע צייט אַרומגעזוכט איבער דער גאַנצער געגנט, אָבער ניט געקענט אים געפינען.

אָט אַזעלכע מעשות האָט מען דערציילט אין שטעטל וועגן יודען דעם אַלטן און אַלע אינגלעך האָבן אויף אים געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ און אפילו מיט אַביסל מורא. ער איז געווען, ווי אימיצער פון אַן אַנדער וועלט, אַן אַמאָליקע וועלט, אַ בייזע און אַ שלעכטע וועלט, וואָס איז נאָך געווען ערגער פון דער היינטיקער — אַ וועלט פון כאַפּערס, וואָס פלעגן כאַפּן אָרימע אידישע יתומים, אָפּרייסן זיי פון אידישקייט און זיי אָוועקגעבן פאַר סאָלדאַטן אויף פינף און צוואַנציק יאָר.

פון יודען און פון זיין שטוב האָט מען זיך דעריבער געהאַלטן אַביסל פון וויטן, אָבער ניט פון זיין הויף.

זיין הויף איז געווען אַ רשות־הרבים — אַן אָפענער הויף פאַר אַלעמען. עס איז געווען אַ גרויסער הויף און אַ פרייער. קיינער האָט ניט געשטערט דאָרט צו שפּילן זיך. איר האָט געקענט מאַכן, וואָס פאַר אַ קולות איר האָט געוואָלט, אָבער קיינער איז ניט אַרויסגעקומען זיך בייזערן. יודען האָט עס ניט געאַרט. ער איז געווען אַ טויבער און האָט סיי ווי ניט געהערט.

עס איז געווען ניט אַזוי דער הויף, ווי דער פּלויט. דער הויף איז געווען אַ שמוציקער, אַ בלאָטיקער און אַ פאַרלאָזענער. דערפאַר איז אָבער געווען דער פּלויט, ווי געוואונטשן. אַלע אינגלעך אין שטעטל האָבן זיך געלערנט שפּרינגען פון יודעס פּלויט. עס איז געווען אַ פּלויט אָנגעמאָסטן פאַר שפּרינגען.

אַמאָל האָט עס באַדאַרפט זיין זייער אַ הויכער פּלויט. דאָס האָט מען געקענט זען פון די הויכע און דיקע סלופּעס, וואָס זיינען געזעסן אין דער ערד און האָבן אויפגעהאַלטן די געשפּאַלטענע קלעצער פון דעם פּלויט. דאָס האָט אָבער געמוזט זיין גאָר אַמאָל, ווען דער פּלויט און די שטוב זיינען נאָך געווען ניי. מיט דער צייט האָט זיך דער פּלויט אַראָפּגעזעצט אין דער ערד איינאיינעם מיט דער שטוב און עס איז אַרויסגעקומען ניט איין פּלויט, נאָר דריי — אַ נידעריקער, אַ מיטעלער און אַ הויכער. ווען אַ אינגל האָט אָנגעהויבן זיך לערנען שפּרינגען האָט ער אָנגעהויבן פון דעם נידעריקן פּלויט. שפּעטער איז ער געשפּרונגען פון דעם מיטעלן און צום סוף — פון דעם הויכן. די גאָר גוטע שפּרינגער פלעגן שפּרינגען פון די שפּיץ סלופּעס.

און שפּרינגען, לאָמיך אייך זאָגן, דאַרף מען קענען. עס איז ניט אַזאַ זאַך, וואָס מען קריכט אַרויף און מען וואַרפט זיך אַראָפּ. מען דאַרף וויסן, ווי אַזוי. אַז ניט קען מען זיך צעברעכן די ביינער, אָדער זיך אָפּשלאָגן דעם לונג און לעבער. עס איז דאָ אַ קונץ דערביי.

ווען מען שפּרינגט, דאַרף מען צונויפבויגן די קני און אַראָפּפאַלן אויף די שפּיץ־פינגער פון די פיס. עס איז גאַרניט אַזוי גרינג, ווי עס דאַכט זיך אויס.

דאָס שפּרינגען פון יודעס פּלויט איז געווען אַ ריין שבתדיקער ספּאָרט. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס אַ סך אַנדערע שפּילן זיינען שבת פאַרבאָטן.

שבת, ווי איר ווייסט, טאָר מען קיין זאַך ניט ברעכן. שבת טאָר מען אויך ניט טראָגן אָן אַן עירוב. איר קענט ניט פאָרן אום שבת רייטנדיק אויף אַ שטעקן, אפילו ווען איר זייט נאָך אַ קליין אינגל און איר מעגט נאָך טראָגן, ווייל איר מוזט דאָך דערביי צעקראַצן די ערד און דאָס איז שוין אַן עבירה. איר קענט אויך אום שבת זיך ניט שפּילן אין סאָלדאַטן, ווייל פאַר דעם דאַרפט איר דאָך ביקסן, שפּיזן און שווערדן. נו, אוודאי, עס דאַרפן ניט זיין קיין אמתע כלי־זיין. עס מעגן זיין געוויינלעכע שטעקנס און שטעקלעך. אָבער איר קענט זיך דאָך ניט שפּילן מיט אַזויפיל כלי־זיין, ניט צעברעכנדיק עפּעס. און צעברעכן עפּעס אום שבת, אפילו ניט ווילנדיק, איז אַ גרויסע עבירה. אַזוי האָט דער רבי געלערנט.

פאַר שבת זיינען דעריבער געבליבן נאָר צוויי שפּילן: אָדער — שלי־שלך, אָדער שפּרינגען.

געוויינלעך פלעגט זיין צייט פאַרביידע זאַכן. אַמאָל פלעגט מען

אָנהויבן מיט שלי־שלך און פאַרענדיקן מיט שפּרינגען און אַמאָל האָט מען אָנגעהויבן מיט שפּרינגען און פאַרענדיקן מיט שלי־שלך.

עס האָט זיך געווענדט, ווער עס איז געווען דער קאָמאַנדיר: איז עס געווען בערעלע האָט מען אָנגעהויבן מיט שלי־שלך. איז דאָס געווען לייבעלע, האָט מען אָנגעהויבן מיט שפּרינגען.

זיבעטער קאַפּיטל

אַרום יודע דעם אַלטנס פּלויט האָט זיך געררודערט, ווי אין אַ נעסט פון מוראַשקעס. אינגלעך פון יעדן גרויס און עלטער זיינען געקראָכן אַרויף און געשפּרונגען אַראָפּ און דער פּלויט איז געווען מיט זיי באַדעקט, ווי מיט פליגן.

עס איז געווען אַ געמישטע מחנה פון אינגלעך, אַלערליי אינגלעך — אינגלעך אין נייע, שבתדיקע קאַפּאָטקעלעך און אינגלעך אָן קאַפּאָטקעלעך, נאָר אין שפּענצערלעך, פון וועלכע עס האָט פון הינטן אַרויסגעשטעקט דער עק פון העמד. עס זיינען אויך געווען אָפּגעריסענע אינגלעך און באָר־וועסע אינגלעך. אַלע פון זיי האָבן אָבער געטראָגן היטלען, פון וועלכע עס זיינען אַראָפּגעהאָנגען אַ פּאָר פּאהלעך. ביי אייניקע זיינען געווען די היט־לען פּאַרדרייט, ביי אַנדערע פּאַרקרימט און ביי עטלעכע זיינען די היטלען געווען טיף אַראָפּגערוקט איבערן קאָפּ. דאָס זיינען געווען אינגלעך מיט אומריינע קעפּלעך. מען האָט זייער גרינג געקענט דערקאָנען אַזאַ אינגל נאָך זיין היטל. זיין היטל איז אַלעמאָל געווען אַ טיפע און איז געווען אַראָפּגערוקט איבערן גאַנצן קאָפּ, כמעט ביז די אויגן.

לייבעלע דעם שוחטס האָט זיך פּאַרקליבן אויפן העכסטן סלופּ פון פּלויט, וואו ער איז געזעסן גאַנץ רואיק, שטאַרק פּאַרטיפט אין זיך. געזעסן איז ער ניט ווי געוויינלעך, נאָר מיט די פיס אונטער זיך, אויף די שפּיץ־פינגער, הייסט עס.

בערעלע איז אַ ווייל געשטאַנען און באַטראַכט דעם עולם אינגלעך. זיין בליק איז באַלד אַרויף צו לייבעלען, אויפן שפּיץ סלופּ. פון אָנהויב האָט בערעלע געמיינט, אַז לייבעלע קלייבט זיך אַרונטערשפּרינגען. ער האָט געוואַרט אויפן מאָמענט, ווען לייבעלע וועט אַרונטערשפּרינגען און דעמאָלט וואָלט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן זעלבן סלופּ און וואָלט באַוויזן, אַז ער קען שפּרינגען נאָך בעסער.

ליבעלע איז אָבער ניט געשפּרונגען. בערעלע האָט פאַרשטאַנען, אַז ליבעלע האָט עפּעס אַ גאַנץ אַנדער זאַך אויפן געדאַנק. ליבעלע האָט מסתּם פאַרטראַכט עפּעס אַ שפּיל. בערעלע האָט ניט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן. האָט ער דעריבער גלייך זיך געווענדט צו ליבעלען מיט דער דאָזיקער פראַגע:

— ליבעלע, וואָס ביסטו?

אַ נאַרישע פראַגע, אַ יאָ? באַדאַרפט האָט ער, דאַכט זיך, גאָר פרעגן — „ליבעלע, וואָס טוסטו?"

נאָר אויב איר דענקט אַזוי, איז אַ סימן אַז איר קענט ניט און איר פאַרשטייט ניט קיין אינגלעך. אַזאַ פראַגע פאַסט פאַר אַ דערוואַקסענעם, אָבער ניט פאַר אַ אינגל. אַ אינגל פאַרשטייט זיך אויף אַן אַנדער אינגל זייער גוט.

אַ אינגל וועט ניט פרעגן ביי אַן אַנדער אינגל, וואָס ער טוט, ביז וואַנען ער וועט ניט וויסן פריער, וואָס ער איז.

ווייל אַ אינגל לעבט מיט זיין כח־הדמיון, זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט, אָדער פאַנטאַזיע. ער קען זיין, וואָס ער מאַכט ביי זיך אָפּ צו זיין און אָט אַזוי האַנדלט ער. דערפאַר זיינען אינגלעך אַזוי אָפט אַ רעטעניש פאַר דערוואַקסענע מענטשן.

אַ דערוואַקסענער מענטש זעט אַמאָל, ווי אַ אינגל שפּרינגט צום הימל גלאַט אין דער וועלט אַריין, אָדער שטייט אויף אַלע פיר און שפּרינגט אויף די הינטערשטע פיס אין איין זייט, אָדער אין דער אַנדערער. דער דערוואַקסענער מענטש קען מיינען, אַז דער אינגל איז אַראָפּ פון זינען. ער מאַכט אַ טעות. ניין, דער אינגל איז ניט משוגע. מער ניט, ער איז בשעת־מעשה ניט קיין אינגל, נאָר אַ ציג, אָדער אַ וואָלף. אַזוי האָט דער אינגל ביי זיך אָפּגעמאַכט און אַזוי איז ער.

מאַכט ער ביי זיך אָפּ, אַז ער איז אַ ציג — שפּרינגט ער אין דער הויך. מאַכט ער ביי זיך אָפּ, אַז ער איז אַ וואָלף, דאַרף ער שפּרינגען אויף די הינטערשטע פיס אין איין זייט, אָדער אין דער אַנדערער, יעדעס מאָל, ווען ער דאַרף אויסדרייען דעם קאָפּ. אַ וואָלף, ווייסט איר דאָך, מן הסתם, דרייט דעם קאָפּ מיט די הינטערשטע פיס.

גאַנץ אָפט העלפט זיך דער אינגל אַרויס מיט אַ קלאַנג, אָדער אַ צייכן. וויל ער זיין אַ פערד, למשל, — הירזשעט ער. וויל ער זיין אַן אָקס — מו־ו־ו־קעט ער. וויל ער זיין עפּעס אַנדערש, העלפט ער זיך אַרויס מיט

אַ צייכן: זיין היטל העלפט אים אַרויס זייער אַ סך און אַמאָל אויך זיין קאַפּאָטקע.

פאַרדרייט ער דעם קאָזיראָק אינגאַנצן אויף הינטן איז ער — אַ סאָל־דאַט. פאַרדרייט ער דעם קאָזיראָק אויף אַ זייט איז ער — אַ קאָזאַק. פאַר־רייסט ער דעם קאָזיראָק אינגאַנצן אויף אַרויף איז ער אַ פּריסטאַוו, אַ פּאָליצמייסטער, אָדער גאָר אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר.

וויל ער זיך פאַרשטעלן פאַר אַ בלינדן, מאַכט ער צו די אויגן. וויל ער זיך פאַרשטעלן פאַר אַ הינקנדיקן, בויגט ער איין איין פוס. וויל ער זיך פאַרשטעלן פאַר אַ קיסר, דאַרף ער שוין אָנקומען צו זיין קאַפּאָטקע. ווען ער האָט ניט קיין קאַפּאָטקע איז שלעכט. אָן אינגל אָן אַ קאַפּאָטקע קען קיינמאָל קיין קיסר ניט זיין. אַזוי פירט זיך פון ימים קדמונים. האָט אַ אינגל אַ קאַפּאָטקע קען ער צו יעדער צייט ווערן אַ קיסר. ער דאַרף נאָר איבערקערן די קאַפּאָטקע אויף דער לינקער זייט און שוין — ער איז קיסר — כ׳מיין, ווען די איבעריקע אינגלעך ווילן אים. ווען זיי ווילן אים ניט, העלפט די קאַפּאָטקע אויך ניט. מיט אַ קאַפּאָטקע קען מען ווערן אַ קיסר — מען קען זיך איינבעטן, אָדער אפילו אויסוויינען. אין שטעטל איז געווען אַ אינגל, וואָס פלעגט אַזוי לאַנג וויינען, ביז וואַנען ער פלעגט אויסוויינען מען זאָל אים מאַכן פאַר אַ קיסר.

איצטער פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס בערעלע האָט געפרעגט:

— לייבעלע, וואָס ביסטו?

אוודאי האָט ער באַדאַרפט אַזוי פרעגן.

— לייבעלע, וואָס ביסטו? — האָט בערעלע איבערגעפרעגט נאָכאַמאָל, ווען ער האָט ניט באַקומען קיין באַלדיקן ענטפער.

לייבעלע האָט זיך אָנגעהויבן רירן אויפן אָרט. אַ פּאָר מאָל האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט די הענטלעך, אַזוי ווי מיט פליגלען, און מיטן צונג האָט ער אויסגעקלאַפּט עטלעכע קלאַנגען, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען ווי:

— קלו, קלו, קלו.

פאַר בערעלען איז די זאַך גלייך קלאָר געוואָרן. עס איז געוואָרן קלאָר, ווי דער טאָג, אַז לייבעלע איז אַ בושל, אָדער אַ שטאָרך, און זיצט אויף זיין נעסט.

דאָס איז געווען קלאָר ניט נאָר פאַר בערעלען, נאָר פאַר אַלע איבעריקע אינגלעך. עס איז געווען אָנהויב פרילינג, ווען די פויגל זיינען צוריקגע־קומען פון די ווייטע לענדער, וואו זיי האָבן געווינטערט, און האָבן זיך

גענומען צו בויען נעסטן, לייגן אייערלעך און אויספירן קליינע פייגעלעך. די בושלס זיינען געווען פון די ערשטע אנצוקומען יעדן פרילינג. זיי פלעגן קומען ווי אַלטע באַלעבאַטים צו זיך אַהיים. זיי האָבן געהאַט אַ שטענדיקן נעסט, אויף אַ הויכן אַלטן בוים, ביים גלח אין גאָרטן.

אַ גאַנצן טאָג פלעגט מען זען אַרומפליען, דאָס איינעם און דאָס דעם אַנדערן פון אַט די גרויסע, שיינע פויגלען, מיט די לאַנגע פיס, לאַנגע שנאָבלען און ברייטע פליגלען. געוויינלעך פלעגן זיי ניט פליען מיט ליי־דיקן. אַמאָל האָט איינע געטראָגן אין איר לאַנגן שנאָבל אַ טרוקענעם צווייגל אויף צו פאַרריכטן דעם נעסט און אַמאָל האָט די צווייטע געטראָגן אין שנאָבל אַ לאַנגן שוואַרצן שלאַנג, פון די אַרומיקע זומפּן, אויף אַנבייסן, אָדער אויף וואַרמעס. וועןביידע פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין נעסט, פלעגט זיך אַנהויבן אַ לאַנגער און אַ פריינטלעכער שמועס, וואָס איז באַ־שטאַנען פון עטלעכע קלאַנגען:

— קלו, קלו, קלו.

— קלו, קלו, קלו, — פלעגט זאָגן דער „ער״ צו דער „זי״, וואָס האָט געקענט מיינען: — וואָס מאַכסטו, מיין טייערינקע?

— קלו, קלו, קלו, — האָט געענטפערט די „זי״, וואָס האָט מסתם געמיינט: — אַ דאַנק פאַרן פרעגן, איך פיל זיך גוט.

און אַזוי פלעגן זיי קלוקען אַ צייט, ביז עס פלעגט זיי מיאוס ווערן און זיי פלעגן אַנטשוויגן ווערן.

די אינגלעך האָבן דרך־ארץ געהאַט פאַר די שטאָרכן, ווייל דאָס גאַנצע שטעטל, סיי גוים און סיי אידן, להבדיל, האָבן זיי געהאַלטן פאַר גוטע פויגל, הגם קיינער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס. דערפאַר האָבן זיך די אינגלעך נוקם געווען אין די שוואַלבן. עס איז געווען אַ מצווה צו צע־שטערן אַ שוואַלבן־נעסט און אַלע האָבן געוואוסט פאַרוואָס.

צווישן פאָלק גייט אַרום אַ לעגענדע, אַז בשעת דער בית־המקדש האָט געברענט, האָבן אַלע פויגל אין הימל געטראָגן וואַסער אין זייערע פּיסקעלעך און געגאָסן אויף די פלאַמען. נאָר די שוואַלבן האָבן צווישן זייערע פּיסלעך געטראָגן טרוקענע צווייגעלעך און שטרויעלעך און געוואָרפן זיי אויפן פייער. דערפאַר האָט גאָט געשטראָפט די שוואַלבן מיט רויטע פּיסעלעך און דערפאַר איז אַ מצווה צו צעשטערן זייערע נעסטן און צע־ברעכן זייערע געפינטלטע אייערלעך. דאָס איז די נקמה וואָס אידישע קינדער קענען פון זיי נעמען פאַרן חורבן בית־המקדש.

פאַרשטייט זיך, אַז קיין אינגל וואָלט ניט געקענט איינפאַלן צו פאַר־שטעלן זיך פאַר אַ שוואַלב, וואָס האָט געהאָלפן טיטוס הרשע, ימח שמו, צו חרוב מאַכן דעם בית־המקדש.

אַ שטאָרך, זעט איר, איז שוין עפּעס אַנדערש. ער איז אַ שיינער, ריינער און אָנשטענדיקער פויגל. ער האָט אוודאי באַדאַרפט זיין פון די ערשטע צווישן די פייערלעשער, וואָס האָבן געלאָשן די פלאַמען פון ברע־נענדיקן בית־המקדש.

אַכטער קאַפּיטל

לייבעלעס „קלו, קלו, קלו" איז געווען אַ קלאָרער ענטפער, אָבער בערעלע האָט באַדאַרפט וויסן מער.

נו, גוט, ער האָט שוין געוואוסט, אַז לייבעלע איז אַ שטאָרך און זיצט אויפן נעסט. ער האָט נאָך אָבער באַדאַרפט וויסן אויף וואָס ער זיצט. אַ שטאָרך זיצט דאָך ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין. ער דאַרף דאָך אויף עפּעס זיצן. ווען ער זיצט ניט, שטייט ער געוויינלעך אויף איין פוס.

— האָסט שוין געלייגט אייער? — האָט בערעלע אַרויפגעשריען זיין פראַגע.

— קלו, קלו, קלו, ניין, — האָט לייבעלע געענטפערט פון זיין נעסט.

— פאַרוואָס?

— קלו, קלו, קלו, עס איז נאָך צו פרי.

לייבעלע האָט געזאָגט דעם אמת. עס איז נאָך געווען צו פרי אין דעם פרילינג־סעזאָן צו לייגן אייער. קיין פויגל האָט נאָך ניט געלייגט קיין אייער און לייבעלע האָט דעריבער נאָך אויך ניט געקענט לייגן קיין אייער, אין דער פאַנטאַזיע, פאַרשטייט זיך.

בערעלע איז נאָך אָבער אַלץ ניט אָפּגעשטאַנען — ער האָט געוואָלט וויסן מער.

— וואָס ביסטו, — האָט ער ווייטער געפרעגט, — אַן „ער", צי אַ „זי"?

דאָס האָט בערעלע זייער נויטיק באַדאַרפט וויסן. אויב לייבעלע איז אַ שטאָרך האָט ער געקענט זיין נאָר איינס פון דיביידע — אַן „ער", אָדער אַ „זי". אויף אַזוי פיל האָט בערעלע געוואוסט, אַז פויגל זיינען, להבדיל, ווי מענטשן — זיי גייען אין פּאָרלעך — אַן „ער" מיט אַ „זי", אַ זכר מיט אַ נקבה, אַ מאַן מיט אַ ווייב.

אויף אַט דער פראַגע האָט בערעלע אויך באַלד באַקומען אַ קלאָרן ענטפער:

— קלו, קלו, קלו, אַן „ער", — האָט לייבעלע אַרונטערגעשריען.

— טאָ ווער איז דיין „זי"? — האָט בערעלע געפרעגט.

— קלו, קלו, קלו, איך בין אַן אלמן, — האָט לייבעלע געענטפערט.

מער קיין פראַגן האָט שוין בערעלע ניט געדאַרפט שטעלן, ווייל ער האָט שוין ניט געהאַט וואָס צו פרעגן. ער האָט שוין געוואוסט אַלץ, וואָס ער האָט באַדאַרפט וויסן.

ווי נאָר ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער פּלאַץ פון דער „זי" איז נאָך ניט פאַרנומען, האָט ער, ווי אַ קעצל, זיך אַרויפגעקלעטערט אויפן צווייטן הויכן סלופּ פון פּלויט און אין אַ רגע אַרום האָט ער שוין געקלוקעט אַלס די „זי" פון דער שטאָרך פּאָרל. לייבעלע האָט גאָרניט געהאַט קעגן. אדרבה, ער איז געווען צופרידן פון בערעלעס איינפאַל. עס איז דאָך פאַרשטענדלעך, אַן „ער" דאַרף האָבן אַ „זי".

אַ ווײַלע האָבן ביידע חברים געקלוקעט איינער צום אַנדערן אין פולער האַרמאָניע, אָבער באַלד איז דער שלום-בית צעשטערט געוואָרן.

געכומען האָט זיך עס דערפון, וואָס איינער האָט דעם אַנדערן ניט געוואָלט פאָלגן אַ גאַנג.

שטאָרכן, ווי איר ווייסט, קענען לאַנג ניט איינזיצן אויפן נעסט. אַלע ווײַלע פליט אַוועק איינער, אָדער דער צווייטער, צו ברענגען עפּעס. אונזערע אינגלעך-שטאָרכן האָבן אויך באַדאַרפט טאָן דאָס אייגענע.

— גיי ברענג מיר אַ שלאַנג, — האָט פלוצים לייבעלע באַפוילן, — מיר חלשט דאָס האַרץ.

— ניין, גיי דו, — האָט בערעלע געענטפערט.

— פאַרוואָס עפּעס איך? — האָט לייבעלע געפרעגט אַביסל פאַר-דראָסיק.

— ווייל דו האָסט אַליין געזאָגט, אַז דו ביסט דער „ער", — האָט בערעלע געענטפערט פאַרעקשנט.

לייבעלען האָט דאָס נאָך מער פאַרדראָסן, ווייל ער האָט געוואוסט אַז בערעלע האָט געהאַט רעכט. ער האָט אָבער ניט געוואָלט נאָכגעבן, ווייל ער האָט געפילט, אַז סוף-כל-סוף איז ער דאָך געווען דער יעניקער, וואָס האָט אויסגעטראַכט די שפּיל. ער האָט געזוכט אַן אויסוועג און באַלד געפונען.

— ניט גוט, — האָט לייבעלע אויסגעשריען, — אַז „ער" און אַ „זי" דאַרפֿן זיין אין נעסט.

די גערעכטיקייט פון אָט דער טענה האָט בערעלע אויך באַדאַרפֿט איינזען. ער האָט אָבער אויך ניט געוואָלט נאָכגעבן און ער האָט באַלד געפֿונען אַ תּירוץ:

— איך קען דאָך ניט אַרויפֿקריכן צו דיר אויפֿן סלופּ, — האָט זיך בערעלע פֿאַרענטפֿערט.

— ניט גוט, — האָט לייבעלע ווייטער געטענהט.

בערעלע האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן. דאָס מאָל איז שוין לייבעלע געווען גערעכט. אַזוי פֿירט זיך שוין פֿון ששת ימי בראשית אַז אַן „ער" און אַ „זי" פֿון דער שטאָרך־פֿאַמיליע דאַרפֿן זיצן אין איין נעסט.

און אַז עס איז ניט גוט, איז ניט גוט. מען קען דאָך ניט שפּילן אין עפּעס, וואָס איז ניט גוט. אַ שפּיל קען אָנהאַלטן כּל־זמן די אילוזיע איז דאָ; ווערט די אילוזיע צעשטערט, איז אויס שפּיל. און אַז עס איז אויס שפּיל איז שוין ניטאָ מער וואָס צו זיצן אויפֿן שפּיץ־סלופּ.

אין אַ רגע אַרום איז לייבעלע אַרונטערגעשפּרונגען און בערעלע נאָך אים. די שפּיל איז קאַליע געוואָרן פֿאַרביידן.

דער געווירבל אַרום יודע דעם אַלטנס פּלויט האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט ווי דורך אַ כּשוף. די אינגלעך, וואָס זיינען שוין אַראָפּגעשפּרונגען, זיינען געבליבן זיצן אויף דער ערד אויף די שפּיץ־פֿינגער. די וואָס זיינען געווען אויבן, און האָבן זיך געקליבן שפּרינגען, זיינען געבליבן פֿאַרגליווערט אין זייערע פּאָזן. די וואָס זיינען געקראָכן אַרויף זיינען געבליבן הענגען אויף די הענטלעך און פֿיסלעך. אַלע אינגלעך האָבן געוואוסט, אַז ווען בערעלע און לייבעלע קומען זיך צוזאַמען פּנים־אל־פּנים מוז עפּעס אַרויסקומען — אַ קריג, אָדער אַ געשלעג, — און קיינער האָט עס ניט געוואָלט פֿאַרפֿעלן. וועלכער אינגל האָט עס ניט ליב צו זען, ווי אַזוי אַנדערע שלאָגן זיך?

בערעלע און לייבעלע זיינען געווען, ווי רופֿט מען עס — אַ פּאָר הענער. אַזוי האָט מען אַמאָל גערופֿן יענע אינגלעך, וואָס זיינען אַלעמאָל באַשטאַנען אויף זייערס און ניט געוואָלט נאָכגעבן אויף אַ האָר איינער דעם אַנדערן. נו, אַז אַזעלכע אינגלעך באַגעגענען זיך, מוז שוין עפּעס אַרויסקומען.

דאָס מאָל האָבן אָבער די אינגלעך געמאַכט אַ טעות. בערעלע און לייבעלע האָבן נאָך ניט געהאַט פֿאַרוואָס צו קריגן זיך, אָדער צו שלאָגן

זיך. פאַרקערט, זיי האָבן געהאַט דעם מוט צו שפּילן זיך. עס איז געווען ביי זיי ניט מער ווי אַן אַנטראַקט, אָדער אַ הפסקה, צווישן איין שפּיל און אַן אַנדערער. אימיצער האָט נאָר באַדאַרפט עפּעס פאָרצושלאָגן.

בערעלע איז געווען דער ערשטער מיט אַ פאָרשלאָג:

— לאָמיר שפּילן שלי־שלך.

שלי־שלך איז געווען די בעסטע שפּיל אין שטעטל און בערעלע האָט אָט די שפּיל זייער ליב געהאַט.

עס איז טאַקע געווען זייער אַ שיינע שפּיל — אַ שפּיל אין קיסרים, גענעראַלן און חיילות. די שפּיל איז אָנגעגאַנגען אָט אַזוי:

די אינגלעך פלעגן זיך פאַרטיילן אין צוויי מחנות. יעדע מחנה האָט געהאַט איר קיסר. יעדער קיסר האָט געהאַט זיין גענעראַל און זיין אַרמיי.

ביידע מחנות פלעגן זיך אויסשטעלן איינע אַנטקעגן דער אַנד׳ערער און דאַן האָט דער קיסר פון דער ערשטער מחנה אויסגעשריען:

— שלי־שלך, מיינס איז דיינס.

— שלך־שלי, דיינס איז מיינס, — האָט דער קיסר פון דער צווייטער מחנה געענטפערט.

— שיק דיין פאָלק, — האָט נאָך דעם אויסגעשריען דער קיסר פון דער ערשטער מחנה.

— מיין פאָלק איז קראַנק, — האָט אויף דעם געענטפערט דער קיסר פון דער צווייטער מחנה.

— מיינער איז אַוועקגעפאָרן, — האָט פאַרענדיקט דער קיסר פון דער ערשטער מחנה.

און טאַקע באַלד נאָך דעם איז איינער פון זיין חייל אַוועקגעלאָפן אין דעם צווייטנס לאַגער.

די קונץ פון דער שפּיל איז באַשטאַנען אין אַנטלויפן צוריק. אַזוי גיך, ווי דער שליח פון דער ערשטער מחנה איז אָנגעקומען, פלעגן זיך די סאָלדאַטן פון דעם צווייטן קיסר זיך אויסשטעלן אין צוויי רייען און היטן זיין יעדן קער. דער שליח האָט באַדאַרפט פרעגן ביים קיסר, וואָס ער מאַכט, וואָס מאַכט זיין ווייב און זיינע קינדער און בשעת מעשה מאַכן הכנות אויף אַנטלויפן. באמת האָט ער באַדאַרפט זיך אַרויסרייסן, ווייל מיט גוטן האָט מען אים ניט געלאָזט. דאָס האָט זיך שוין געווענדט אָן דעם אינגל. איז ער געווען אַ פלינקער אינגל, אַ באַוועגלעכער און אַ שטאַרקער, האָט ער זיך געקענט אַרויסרייסן. אלא ניט, איז ער גענומען געוואָרן געפאַנגען.

דעמאָלט איז ער שוין פֿאַרבליבן אַ סאָלדאַט ביי דעם אַנדער קיסר.
נאָכן ערשטן שליח איז שוין געגאַנגען אַ צווייטער, אויף צוריק.
— שלי־שלך, האָט שוין געשריען דער צווייטער קיסר.
— שלך־שלי, — האָט געענטפֿערט דער ערשטער.
— שיק דיין פֿאַלק.
— מיינער איז קראַנק.
— מיינער איז אַוועקגעפֿאָרן.
און אַזוי האָט זיך די זאַך איבערגעחזרט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל און ווייטער אַמאָל. די שפּיל איז אַנגעגאַנגען אַזוי לאַנג ביז איין קיסר איז איינגאַנצן געבליבן אָן חייל, אָדער עס איז געוואָרן שפּעט און עס איז צייט געווען צו גיין מנחה דאַוונען.
עס האָט זיך אָבער געמאַכט ניט איינמאָל, אַז די שפּיל זאָל זיך אָפּבּרעכן אינמיטן צוליב דעם, וואָס אַ קיסר, ניט וועלנדיק אַרויסגיין אַ געשלאָגענער, פֿלעגט געפֿינען אַ תּירוץ און זי איבעררייסן אינמיטן.
אָבער ווי אַזוי די שפּיל האָט זיך ניט פֿאַרענדיקט איז אַלעמאָל געווען שווער זי אָנצוהויבן. דאָס איז געווען דערפֿאַר, וואָס אַלע אינגלעך האָבן געוואָלט זיין קיסר און קיינער האָט ניט געוואָלט זיין קיין פּראָסטער סאָלדאַט.
עס איז געווען זייער שווער צונויפֿצושטעלן אַן אַרמיי. מען קען דאָך ניט מאַכן אַן אַרמיי פֿון גאָלע קיסרים.
מען האָט דעריבער געמוזט אָנווענדן דיפּלאָמאַטיע און טאַקט. די קיסרים האָבן באַדאַרפֿט צוזאָגן די איבעריקע אַלע גליקן און אַמאָל אויך אונטערקויפֿן מיט עפּעס — מיט אַ קנעפּל, אָדער מיט אַ צוזאָג צו לאָזן זיך שפּילן מיט עפּעס אַ שפּילצייג.
געווען איין שטעטל אַ אינגעלע, וואָס האָט געהייסן אהרעלע. אָט דער אינגל איז אַ לאַנגע צייט געווען קיסר און ווייסט איר פֿאַרוואָס? ווייל ער האָט געהאַט אַ ליימענעם פֿערדעלע, וואָס האָט געפֿייפֿט פֿון הינטן. אָנשטאָט אַן עק האָט דאָס פֿערדעלע געהאַט אַ פֿייפֿל. ווען מען האָט גע־בלאָזן אין דעם האָט עס געפֿייפֿט. אָט דער אהרעלע האָט דאָס פֿערדל קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט פֿון זיינע הענט. ער פֿלעגט לאָזן אַ פֿייף טאָן נאָר דעמאָלט, ווען מען האָט אים צוגעזאָגט צו מאַכן אים פֿאַר קיסר. און אַז מען האָט צוגעזאָגט — האָט מען באַדאַרפֿט האַלטן וואָרט, אַז ניט וואָלט אהרעלע מער ניט געלאָזט בלאָזן אין דעם פֿערדלס עקעלע. בקיצור, אהרעלע איז געווען קיסר אַ לאַנגע צייט ביז וואַנען עס האָט אים אַן אומ־

גליק געטראָפן. ער איז געגאַנגען זיך באָדן מיט זיין פּערדעלע און ער האָט עס, דאָס פּערדעלע, דערטרונקען. אהרעלע האָט געוויינט עטלעכע טעג מיט ביטערע טרערן. ער האָט ניט נאָר פאַרלאָרן זיין פּערדעלע, נאָר אויך זיין קרוין.

אהרעלע האָט זיך אפילו ניט געוואָלט אונטערגעבן. ער האָט גע־האַלטן די אינגלעך אין איין צוזאָגן, אַז באַלד וועט אים זיין מאַמע ברענגען אַ צווייט פּערדעלע, אויך מיט אַ פייפערל, און אַז ער וועט זיי ווייטער לאָזן פייפן. די אינגלעך האָבן אים אָבער ניט געוואָלט גלויבן. אהרעלע האָט געסטראַשעט. ער האָט געזאָגט, אַז די וואָס ווילן אים ניט גלויבן, וועט ער שוין קיינמאָל ניט לאָזן פייפן פון זיין נייַ פּערדעלע. דאָס האָט אָבער אויך ניט געהאָלפן און אהרעלע איז געבליבן אויס קיסר.

ווי איר קענט זען דערפון האָט געמוזט נעמען אַ סך צייט ביז וואַנען מען האָט געקענט צוזאַמענשטעלן די אַרמייען. עס האָט זיך געמאַכט ניט איינמאָל, אַז די הכנות צו דער שפּיל האָבן גענומען לענגער, ווי די שפּיל גופא. אָבער אַז מען האָט זיך שוין אַמאָל אויסגעקליבן פלעגט געוויינלעך אויסקומען, אַז בערעלע איז געווען קיסר אויף איין זייט און לייבעלע אויף דער צווייטער.

עס האָט אַנדערש ניט געקענט זיין, ווייל בערעלע און לייבעלע האָבן בשום אופן אַנדערש ניט געוואָלט שפּילן, ווי נאָר זיין קיסר. אַזוי פירט זיך געוויינלעך אין לעבן, ביי קליינע ווי ביי גרויסע — די וואָס זיינען מער פאַרעקשנט און קענען אויסהאַלטן לענגער, יענע פירן אויס.

יענעם שבת נאָכן טשאָלנט איז אָבער ניט באַשערט געווען, אַז די שפּיל זאָל זיך אפילו אָנהויבן. און שולדיק אין דעם איז געווען — טרעפט ווער?

איר האָט ווייטער געטראָפן — דאָס ו ו י י ס ע ציגעלע. דאָס ווייסע ציגעלע האָט אפילו געפירט דערצו, אַז בערעלע מיט לייבעלען זאָלן זיך צעשלאָגן און נאָך ווי — זיי זיינען ביידע אַרויס מיט צעבלוטיקטע פנימער.

גענומען האָט זיך עס דערפון, וואָס בערעלען האָט זיך דאָס מאָל איינ־געגעבן אַ סך גרינגער צונויפשטעלן אַן אַרמיי. אַלע אינגלעך האָבן זיך געקלעפּט צו אים. ער האָט נאָר באַדאַרפט זיי צוזאָגן, אַז ער וועט זיי לאָזן זיך שפּילן מיט דער ווייסער ציגעלע, ניט מער ווי אַ גלעט טאָן, אָדער אפילו אַ קוק טאָן אויף דער ווייסער ציגעלע, און די אינגלעך זיינען שוין געווען זיינע.

פאַר לייבעלען איז שוין כמעט קיינער ניט געבליבן. עס זיינען גע־בליבן ניט מער ווי אַ פּאָר פון די קלענערע און די שוואַכערע אינגלעך, וועלכע בערעלע האָט אים בכיוון איבערגעלאָזט און מיט וועמען עס איז געווען פּשוט אַ חרפּה אַרויסצוגיין אין פעלד.

לייבעלען האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן. עס איז אים ניט אָנגעשטאַנען דער עסק. פון פאַרדרוס האָט ער זיך צוריק אַרויפגעכאַפּט אויפן פּלויט און צוריק זיך אַוועקגעזעצט אויפן העכסטן סלופּ.

בערעלע, פאַרקערט, האָט זיך געפילט זייער געהויבן.

— פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן ? — האָט ער אַרויפגעשריען צו לייבעלען.

— איך וויל זיך מיט דיר ניט שפּילן, — האָט לייבעלע געענטפערט מיט אַ געמאַטערטער רואיקייט. אים איז ניט אָנגעשטאַנען צו באַווייזן, אַז עס פאַרדריסט אים.

בערעלע האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט געוואָלט פייערן זיין נצחון ביז צום סוף. בערעלע האָט געהאַט געצנוג אַלטע קריוודעס קעגן לייבעלען און דאָס מאָל האָט ער אין אים געקענט זיך נוקם זיין.

— האָסט מורא פאַר מיר ? — האָט בערעלע געפרעגט מיט אַ שטאָך.

— ניין, איך האָב פאַר דיר קיין מורא ניט, — האָט לייבעלע געענט־פערט פאַרריסן.

—ער פאַרגינט דיר ניט, — האָט זיך אָפּגערופן אברהמעלע, לייבע דעם שניידערס, וועמען בערעלע האָט אויסגעקליבן פאַר זיין גענעראַל, — ער פאַרגינט דיר ניט דיין ווייסע ציגעלע.

אַזעלכע רייד האָבן זייער געפּאַסט פאַר אברהמעלען, וואָס איז געווען אַ אינגל אַ צולהכעיסניק.

לייבעלע האָט זיך נאָך אַלץ געמאַכט, אַז עס אַרט אים ניט.

— אַ טייערע מעציאַטשע (מציאה), — האָט ער געענטפערט מיט אַ גע־לעכטערל — אויך מיר אַ מציאה ! — און צו דעם האָט ער צוגעגעבן גאַנץ קאַלט :

— מ׳וועט זי באַלד קוילענען.

בערעלען האָבן די לעצטע ווערטער דערלאַנגט ווי מיט אַ שפּיז אין האַרצן.

— ווער וועט זי קוילענען ?! — האָט ער אויסגעשריען מיט אַ פאַר־שטיקט קול.

— מיין טאַטע, — האָט לייבעלע רואיק געענטפערט, שטאַרק צופרידן וואָס זיינע ווערטער האָבן אַזוי טיף דערלאַנגט בערעלען.

בערעלען האָט אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז. ער האָט געוואוסט, אַז לייבעלע זאָגט דעם אמת. ער האָט אָבער ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן און ער האָט דעריבער אָנגעהויבן זאָגן, וואָס עס איז אים דעמאָלט געווען אויפן האַרצן:

— כ׳וועל אים, כ׳וועל אים, — האָט ער אָנגעהויבן שרייען מיט אַ וויינענדיק קול, — איך וועל אים אויסרייסן די באָרד!

מער האָט לייבעלע ניט באַדאַרפט. שנעל ווי אַ בליץ איז ער אַראָפּ־געשפּרונגען פון זיין הויכן זיץ־פּלאַץ גלייך אויף בערעלען און איידער בערעלע האָט צייט געהאַט צו קומען צו זיך, האָט ער דערפילט לייבעלעס שאַרפע נעגל אין זיין פּנים.

ניינטער קאַפּיטל

דער געשלעג צווישן לייבעלען מיט בערעלען האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע שטעטל. מען האָט וועגן קיין אַנדער זאַך ניט גערעדט יענעם שבת נאָכמיטאָג, ווען דער עולם איז אויפגעשטאַנען פון זיין עונג־שבת שלאָף, און אפילו אין בית־מדרש צו מנחה דאַוונען.

אַ סך פון די שטעטלדיקע אידן זיינען אויפגעריסן געוואָרן פון שלאָף פון די קולות און געוואַלדן פון דעם געשלעג. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען ברוגזע, אַנגעכמורעטע, אַזוי ווי באַעוולהטע. אָט די אידן האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף אָט די צוויי אינגלעך צעפּאַסעווען אויף שטיקער. מען האָט זיי באַדאַרפט געבן אַזאַ חלק, אַז זיי זאָלן געדענקען צו פאַרזאָגן זייערע קינדס־קינדער. שלאָגן זיך גאָר — און נאָך ווי? ווען מען וועט זיי אַזוי אָפּלאָזן, וועלן זיי נאָך הרגענען מענטשן אין די גאַסן!

דער איבעריקער עולם האָט גענומען די זאַך אַביסעלע גרינגער. זיי האָבן זיך איבערגעוואונקען און צוגעשמייכלט איינער צום אַנדערן:

— וואָס זאָגט איר עפּעס וועגן דעם מלמדס בן יקיר און דעם שוחטס תכשיט? — מיר האָבן נחת פון זיי! — האָט געזאָגט איינער.

— זיי וועלן שוין קריגן, וועלן זיי! — האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייטער.

— זיי האָבן שוין גענוג געקראָגן, — האָט צוגעשטעלט אַ דריטער, — מען זאָגט, אַז בערעלע איז אַרויס אָן אַן אויג און אַז לייבעלע האָט זיך צעבראָכן אַ פוס.

דאָס איז געווען שוין איבערגעכאַפּט די מאָס. דער אמת איז, אַזביידע אינגלעך, אַ חוץ צעריסענע פּנימער און צעריסענע קאַפּאָטקעס, זיינען אַרויס מיט גאַנצע ביינער. אָבער פונדעסטוועגן איז עס געווען דאָס ערגסטע גע־שלעג צווישן זיי — ניט דאָס ערשטע, נאָר דאָס ערגסטע. אָט די צוויי אינגלעך האָבן זיך געשלאָגן פריער אויך און ניט איינמאָל, אָבער קיינמאָל ניט אַזוי ביטער און מיט אַזויפיל רציחה, ווי דאָס מאָל. ווען ברוך דער

שוסטער וואָלט זיי ניט פאַנאַנדערגעריסן מיט געוואַלד, צולייגענדיק דערביי זיין שווערע האַנט, וואָלטן זיי טאַקע אפשר איינער דעם אַנדערן צעמזיקט. ברוכן האָבן פשוט אויסגעפּעלט ווערטער אויסצומאָלן די רציחה פון די צוויי אינגלעך. ער האָט נאָר געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— ווי די משוגענע הינט, ווי די משוגענע הינט!

אָבער דאָס איז געווען גענוג. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, וואָס דאָס האָט געמיינט.

די אינגלעך גופא, די שולדיקע אין דעם גאַנצן טומל, האָבן געטאָן דאָס קליגסטע, וואָס זיי האָבן געקענט טאָן — זיי האָבן זיך באַהאַלטן.

וואו? — אַ דאגה וואו! אין שטעטל זיינען געווען גענוג פּלעצער, וואו אַ אינגל, וואָס האָט זיך געפילט שולדיק, האָט זיך געקענט אויסבאַהאַלטן פון דעם געררעכטן גרימצאָרן פון זיין טאַטע־מאַמע.

מען האָט זיך געקענט באַהאַלטן הינטער די שטאַלן, אָדער אין די שטאַלן; אין די היי־זאַסיקעס, אָדער גאָר אין אַ גויאישן שייער. באַרי־טאָנס שייער איז געווען דער עיר־מקלט פון אַלע פאַרשולדיקטע אינגלעך. ער איז געווען נעענטער פון אַלע, כמעט אין שטעטל, באַלד נאָך דער באָד, און מען האָט אים געקענט דערגרייכן אומבאַמערקטערהייט, קריכענדיק היג־טער די פּלויטן.

שווער איז נאָר געווען זיך אַריבערכאַפּן ביז אויף יענער זייט באָד, וואָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, די גרענעץ־ליניע פון דעם אידישן ישוב. ביז דער באָד האָט אַ אינגל ניט געקענט זיין זיכער ניט באַמערקט צו ווערן פון אַ אידיש אויג. אויף יענער זייט באָד איז שוין געווען פרייע טעריטאָריע. אַ אידיש אויג האָט אַהין זעלטן דערגרייכט, בפרט נאָך שבת נאָכן טשאָלנט. אַ אידיש אויג גייט ניט אַ סך ווייטער פון אַ אידישן פּוס און אַ אידישער פּוס האָט ניט געהאַט קיינע עסקים אויף יענער זייט באָד אין שבתדיקע, אָדער יום־טובדיקע טעג. דאָרט האָט מען זיך ניט באַדאַרפט היטן אפילו פאַר די מיידלעך, וואָס פלעגן געוויינלעך גיין שפּאַצירן שבת נאָכמיטאָג. די מיידלעך פלעגן גיין שפּאַצירן אויפן ברייטן שליאַך, דאָרט וואו די גרויסע זאַמדן ציען זיך. דער צווייטער עק שטעטל, וואו די באָד איז געשטאַנען, איז געווען דער שמוציקער טייל פון שטעטל, און מיידלעך, אַלס אַ כלל, האָבן ליב צו שפּאַצירן דאָרט, וואו עס איז שיין און ריין.

עס זיינען אויך געווען אַנדערע באַהעלטעניש־פּלעצער, וואָס זיינען גאָרניט געווען אַזוי באַהאַלטן. זיי זיינען גראָד געווען אָפענע פּלעצער. די

מעלה זייערע איז געווען, וואָס זיי זיינען געווען אָן אַ זייט, אַביסל ווייטער, און די גאָר קליינע אינגעלעך און מיידעלעך האָבן מורא געהאַט אַהין צוצו־קומען.

די גרעסטע שונאים פון אַ פאַרשולדיקטן אינגל זיינען די גאָר קליינע אינגעלעך און מיידעלעך. וואָס קלענער זיי זיינען, אַלץ גרעסערע צולהכעיס־ניקעס זיינען זיי. זיי וואַקסן אויס דאָרט, וואו מען זייעט זיי ניט. אַלץ וויסן זיי און אַלעמען שפּיאָנירן זיי. ווען זיי וויסן אַז אַ אינגל באַהאַלט זיך, וועלן זיי אים נאָכלויפן, ווי בייסנדיקע פליגן, און שרייען:

— אָט איז ער! אָט איז ער!

איר קענט זיי ניט פאַרטרייבן אפילו מיט שטעקנס. איין סגולה איז נאָר דאָ קעגן זיי — אַנטלויפן! און איר דאַרפט ניט ווייט לויפן כדי פּטור צו ווערן פון זיי — זיי וועלן ווייט ניט נאָכלויפן. איר דאַרפט נאָר אַרויס־לויפן פון די גרענעצן פון שטעטל און זיי וועלן בלייבן פון הינטן. זיי זיינען גרויסע פּחדנים, אָט דאָס קליינוואַרג. זיי האָבן מורא אַוועקצוגיין צו ווייט פון דער היים. זיי האָבן מורא פאַר הינט, זיי האָבן מורא פאַר צי־גיינער און זיי זיינען אַנגעשראָקן פאַר ניט־גוטע. יעדער קליינער אינגעלע, אָדער מיידעלע זיינען אַנגעשראָקן פאַר די ניט־גוטע. זיי האָבן געהערט, אַז אויף יענער זייט שטעטל איז דאָ אַ גאַנצע מחנה פון שדים מיט רוחות, וואָס כאַפּן קליינע קינדערלעך און עסן זיי אויף, אַזוי גיך ווי זיי באַווייזן זיך. אין שטעטל האָבן זיי קיין שליטה ניט, ווייל זיי האָבן מורא פאַר דער שול. אויף יענער זייט שטעטל איז פול מיט זיי.

אַזאַ אָפענע באַהעלטעניש איז געווען די וואַסער־מיל, וואָס איז שטענ־דיק געווען באַלאַגערט מיט פויערשע פורן, מיט גרויסע ווייסע אָקסן, וואָס האָבן פויל געקייעט טרוקענע און שניידנדיקע היי, שאַרף ווי אַ ראַזיר־מעסער. ווען אַ אינגל האָט זיך אַריינגעכאַפּט צווישן אָט די פורן איז ער שוין געווען געראַטעוועט. דער חסרון איז נאָר געווען, וואָס דאָרט איז ניט געווען וואָס צו טאָן. וואָס קענט איר טאָן מיט גרויסע אָקסן, שטומע באַ־שעפענישן?

אָבער באַלד דערביי איז געווען אַ בעסער פּלאַץ, וואו אַ אינגל האָט זיך געקענט באַהאַלטן און אויך פאַרברענגען זיין צייט מיט הנאה. דאָס איז געווען דער „פּראָפּוסק", אָדער דער פאַרצוימטער דורכגאַנג פון דעם טייך, אַרום דער מיל. אָט דעם „פּראָפּוסק" האָט מען אינגאַנצן געקענט פאַר־מאַכן, ווען דאָס וואַסער אין טייך איז געוואָרן נידעריק און מען האָט באַ־

דאָרפט אָפּוועגדן דאָס גאַנצע וואַסער פון טייך פאַר דער מיל, צו דרייען זיינע רעדער.

אין די זומער־חדשים איז דער „פּראָפּוסק" געווען אַ טויטע באָשע־פעניש. ער איז געווען פאַרמאַכט אויף אַלע „זאַסטאַווקעס" און איז געווען טרוקן. אַהין פלעגן קומען נאָר שקצים צו כאַפּן „סאָמען", אָדער קעץ־פיש, און פרייטיק פאַרנאַכט פלעגן אַהין קומען אידן זיך טובל זיין לכבוד שבת. אַהין פלעגן קומען נאָר דערוואַקסענע אידן און גוטע שווימער, ווייל דאָס וואַסער דאָרט איז געווען זייער טיף. עס איז דאָרט געווען אַ גרויסער טיפער גרוב און די קליינע אינגלעך האָבן מורא געהאַט פאַר אָט דעם גרוב. אויב זיי פלעגן זיך דאָרט אַמאָל באָדן איז עס געווען, ווען די דער־וואַקסענע האָבן זיך דאָרט געבאָדן און דאָס איז געווען נאָר פרייטיק פאַר־נאַכט.

אַ גאַנצע וואָך, און נאָך מער שבת נאָכן טשאָלנט, איז דאָרט געווען שטיל ווי אויף אַ בעת־עולם. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס רוישן פון די קליינע שטרעמלעך וואַסער, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די שפּאַלטן פון די „זאַסטאַווקעס". אָבער אָט דאָס רוישן פון דעם וואַסער האָט אָנגע־וואָרפן נאָך אַ גרעסערן אומעט.

דערפאַר איז אָבער דאָרט געווען זייער לעבעדיק אין די ערשטע פרי־לינג־וואָכן, ווען דאָס וואַסער איז געווען הויך, דער „פּראָפּוסק" אָפן, ווען די פליטן זיינען געגאַנגען וואַסער־אַראָפּ.

אַלע פליטן האָבן באַדאַרפט דורכגיין דעם „פּראָפּוסק" און אַ סך פון זיי פלעגן פאַרכאַפּט ווערן אין דעם דריי פון דעם געשווינטן וואַסער־שטראָם און פלעגן זיך דאָרט אַרומדרייען אַמאָל שטונדן־לאַנג.

די פּויערים, וואָס האָבן געטריבן די פליטן, פלעגן זיך אַרומדרייען בשעת־מעשה איבער זייערע פליטן מיט לאַנגע שאָסטן אין די הענט, צע־טומלטע, צעשראָקענע און ניט געוואוסט וואָס פריער צו טאָן. דאָס איז געווען די בעסטע צייט פאַר די אידישע קינדער זיך אָפּצורעכענען מיט די גוים פאַר אַלע היסטאָרישע עולות און דאָס האָבן זיי ניט פאַרפעלט צו טאָן. ווען די פּויערים האָבן זיך אַזוי אַרומגעדרייט איבער זייערע פליטן צעשראָקענע און צעטומלטע זיינען די אידישע קינדער געשטאַנען אַרום „פּראָפּוסק" און געריצט זיך מיט זיי, אָדער געמאַכט חוזק פון זיי.

— טשעלאָוויטשי, טשעלאָוויטשי, שיר המעלות נאַ פּליעטשי", — האָבן די אידישע קינדער געשריען צו די פּויערים. אָדער:

— טשעלאָוויטשי, טשעלאָוויטשי, קאַליעסאָ קרוטשיטסאָ".

דער טייטש דערפון איז געווען דער דאָזיקער:

— מענטש איינער, מענטש איינער, ביי דיר איז אַ שיר המעלות אויפן פּלייצע. אָדער: — מענטש איינער, מענטש איינער, אַ ראָד דרייט זיך.

די אָרימע, צעשראָקענע פּויערים, מיינענדיק אַז מען גיט זיי עצות, זיינען נאָך מער צעטומלט געוואָרן. אייניקע פון זיי האָבן זיך געדרייט קוקן אויף די פּלייצעס, מיינענדיק אַז עס איז דאָ טאַקע עפּעס, און דאָס פלעגט אַרויסרופן אַ גרויס געלעכטער. די פּויערים פלעגן ווערן שטאַרק אין כעס און האָבן געסטראַשעט מיט די קולאַקעס, אָדער פלעגן שפּייען מיט גיפט. די אינגלעך האָבן אָבער פאַר זיי קיין מורא ניט געהאַט. די פּויערים האָבן ניט געקענט זיי דערגרייכן און עס איז דעריבער געווען פאַר זיי זייער אַ גוטער שפּאַס.

אַט אַזוי האָבן געקענט פאַרשולדיקטע אינגלעך פאַרברענגען אַ פּאָר אַנגענעמע שטונדן און דערביי זיך אויסבאַהאַלטן פון דעם כעס פון טאַטע־מאַמע.

די אינגלעך האָבן געוואוסט, אַז וואָס לענגער זיי וועלן זיך קענען אויסבאַהאַלטן פון דעם כעס, אַלץ מער וועט ער זיך אָפּקילן. טאַטע־מאַמע, פון זייער זייט, האָבן זיך אויך ניט געאיילט וואָס גיכער אויסצעגיסן זייער כעס. זיי האָבן אים געקענט האַלטן אין זיך און עס האָט זיי שטאַרק ניט געאַרט, וואָס ער קילט זיך אָפּ.

זיי האָבן זיך אפילו ניט געזאָרגט וועגן די פאַרשוואונדענע אינגלעך. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי באַהאַלטן זיך און אַז זיי זיינען דעריבער גאַנץ.

עס איז געווען אַ מין שטילע פאַרשטענדעניש צווישן די אינגלעך מיט זייערע טאַטע־מאַמעס — די אינגלעך האָבן געוואוסט, אַז זיי דאַרפן זיך באַהאַלטן און די טאַטע־מאַמעס האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי דאַרפן וואַרטן און זיך אָפּקילן.

צענטער קאַפּיטל

אָבער — פאַרוואָס? — וועט איר פרעגן.

אַט ערשט האָבן די אינגלעך אַזוי שיין זיך געשפּילט און מיטאַמאָל זיינען זיי געוואָרן אַזעלכע דם־שונאים? וואָס איז אַזוינס פאָרגעקומען? זיי האָבן זיך דאָך ניט מער ווי צעווערטלט?

יאָ — צעווערטלט!

אַלץ הייסט זיך צעווערטלט!

ווען איינער זאָגט דעם אַנדערן, אַז ער איז אַ נאַר און דער אַנדערער וואָלט געענטפערט דעם ערשטן, אַז ער איז אַ שוטה, וואָלט עס געהייסן זיך צעווערטלט.

דאָ האָבן זיי אָבער אַריינגעזאָגט איינער דעם אַנדערן, וואָס האָט דער־לאַנגט ביז דער זיבעטער ריפּ. עס האָט ביי זיי ביידן אויפגעקאָכט דאָס בלוט. אַ וואָרט צו אַ וואָרט איז ניט גלייך!

עס איז אַמאָל געגוג נאָר איין וואָרט, אַז עס זאָל אַרויסרופן פאַר אייערע אויגן אַ גאַנצן גיהנם־בילד.

נעמט דאָס וואָרט — קוילענעץ. אַ גאַנץ געוויינלעך וואָרט, דאַכט זיך, אַ וואָרט וואָס מען האָט געהערט אויף שריט און טריט אין אַלע קליינע שטעטלעך. איר האָט געקענט גאַנץ אָפט הערן, ווי אַ איד זאָל זיך צעשרייען אויף קולות: „געוואַלד, אידן, ער האָט מיך געקוילעט!" אָדער: „געוואַלד, אידן, ער קוילעט מיך!" אָדער: „אידן, ער האָט מיך געקוילעט אָן אַ מעסער!" וואָס האָט דאָס געמיינט? — עס האָט געמיינט, גאָרנישט! עס האָט נאָר געמיינט, אַז דער שרייער האָט זיך געפילט באַעולהט. מען איז פון דעם שטאַרק ניט נתפעל געוואָרן. מען איז צו דעם געווען געוואוינט.

אַ וואָרט האָט אָבער ניט אַלעמאָל דעמזעלבן מיין. איינמאָל מיינט ער איין זאַך און אַן אַנדערש מאָל — עפּעס אַנדערש. ווען מען זאָגט קוילענעץ בדרך משל איז איין זאַך און ווען מען זאָגט קוילענעץ אין דעם ריכטיקן

זין פון וואָרט — איז אַ גאַנץ אַנדער זאַך. לייבעלע האָט באַנוצט דאָס וואָרט אין דעם ריכטיקן זין און דערפאַר האָט עס בערעלען אַזוי טיף דערלאַנגט. ער האָט פאַר זיך דערזען אַ בילד, וואָס האָט אים געשלאָגן צו אַנגסטן.

בערעלען איז גאַנץ גוט געווען באַקאַנט דאָס בילד, ווייל ער האָט עס ניט איינמאָל געזען מיט זיינע אויגן.

די סצענע איז אַלעמאָל געווען ביי ר׳ זישעלע דעם שוחט אין פאָדער־שטוב, אָדער אויפן הויף.

אין צענטער פון דעם בילד איז אַלעמאָל געווען ר׳ זישעלע, דער שוחט, אַ מיטלגעוויקסיקער איד, מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ און מיט אַ חלף צווישן די ציין. אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַן עוף, אַ גאַנז, אָדער אַ קאַטשקע, מיטן קעפּל פאַרדרייט אויף הינטער און מיטן העלזל אויסגע־צויגן שטייף. ר׳ זישעלע, דער שוחט, פלעגט מיט זיינע שאַרפע נעגל אויס־פליקן אַ שטיקל פון העלזל און באַלד נאָך דעם אַרויסנעמען דעם חלף פון צווישן די ציין און מאַכן „כיק״, הין און צוריק, איבערן העלזל. נאָך דעם פלעגט ער זיך איינבויגן, געלאָזט אַפּרינען אַ פּאָר טראָפּן בלוט פון דעם איבערגעשניטענעם העלזל אויף אַ בערגעלע אַש, וואָס איז געווען אָנגע־גרייט פאַר זיין הייליקער מלאכה און תיכף ומיד געגעבן אַ שליידער דאָס עוף פון זיך אויף דער ערד.

אַרום אים איז געשטאַנען אַ גאַנצע מחנה פון ווייבער, מיידלעך און אויך אינגלעך, מיט לעבעדיקע עופות אין די הענט און געוואַרט ביז וואַנען ר׳ זישעלע וועט זיי טאָן זייער רעכט נאָך דעם אידישן דין. פּאַרטיק געוואָרן מיט איין עוף האָט זיך ר׳ זישעלע גלייך גענומען צו דער צווייטער. ער איז געווען זייער פלינק אין דער הייליקער, בלוטיקער מלאכה און זי איז ביי אים געגאַנגען זייער גיך. אין אַ פּאָר מינוט איז זיין פאָדערשטוב, אָדער זיין הויף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכטפעלד, פול מיט טויטלעך פאַרוואונדעטע, וואָס האָבן זיך געראַנגלט אין זייער לעצטער גסיסה. די געקוילעטע הינער, קאַטשקעס און גענז האָבן זיך געוואָרפן און געשליידערט מיט זייערע ניט געבונדענע פליגלען אין די לעצטע גסיסה־אַנשטרענגונגען. עס איז געווען אַ שרעקלעך בילד און אַ בלוטיק בילד.

נאָך שרעקלעכער איז געווען דאָס בילד, ווען מען האָט געשאָכטן דקות, אָדער גסות, וואָס מיינט — ציגעלעך און קעלבלעך, אָדער בהמות און אָקסן.

דעמאָלט האָט ר׳ זישעלע געשניטן די העלזער ניט מיט זיין קליינעם מעסער, דעם עופות־חלף, נאָר מיט אַ לאַנגן, גלאַנציקן מעסער. ער פלעגט איבער־שניידן דעם האַלז פון אַן אָקס מיט אַזאַ קאַלטקייט, ווי דאָס העלזל פון אַן עוף. דאָס בלוט פלעגט זיך אַ גאָס טאָן פון דעם איבערגעשניטענעם האַלז, ווי אַ שטראָם — הייס לעבעדיק בלוט. ניסל דער קצב, וואָס פלעגט געווייג־לעך האַלטן דעם קאָפּ פון דער בהמה, האָט ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט גע־האַלטן אַזוי לאַנג ביז די בהמה האָט אויסגעבלוטעט צום טויט; אַז ניט וואָלט די פעל פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט און עס וואָלט ניט געטויגט.

דאָס בלוט האָט געגאָסן, דער איבערגעשניטענער גאָרגל האָט גע־כאָרכלט — די לונגען האָבן געפּאָדערט לופט — אָבער ניסל האָט ניט אָפּגעלאָזט. ערשט ווען די געשאָכטענע בהמה האָט געגעבן דעם לעצטן גסיסה־ציטער און אירע געבונדענע פיס האָבן זיך אויסגעצויגן שטייף מיט אַ טויט־שטייפקייט, האָט ניסל אָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אָבער באַלד נאָך דעם האָט ער זיך גענומען צום מעסער — שינדן.

דאָס שטעטל איז געווען אַ קליינס און בהמות האָט מען געשאָכטן דאָרט גאַנץ ווייניק, דאָס רוב סוף הערבסט, ווען די פּויערים האָבן פאַרקויפט יענע בהמות, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט האַלטן איבערן ווינטער. אָבער פונדעסט־וועגן איז דאָס שטעטל באַזאָרגט געוואָרן מיט פלייש אויף אַלע יום־טובים און אַמאָל אויך אויף אַ געהויבענעם שבת, ווי למשל — אַ שבת נחמו. דאָס האָבן באַזאָרגט דריי אידן פון אַ דערבייאיקן דאָרף, וואָס האָבן געהייסן — משה, ניסל און אַנצעל.

אַנצעל איז געווען דער עלטסטער און דער נידעריקסטער פון זיי. עס איז געווען אַ געל אידל, מיט אַ געל־גרויער באָרד און מיט אַ געלן פּנים. זיינע קליידער האָבן אויך געהאַט אַ געלן אויסזען. ער איז אַלעמאָל געגאַנגען אין דערזעלבער געלער קאַפּאָטע און מיט עפּעס אַ געלער שמוי־סענער קוטשמע אויפן קאָפּ.

משה איז געווען דער אינגסטער און דער העכסטער. ער איז געווען שוואַרץ — מיט אַ שוואַרצן פּנים און מיט אַ שוואַרצער באָרד, אָבער די באָרד האָט ער שטענדיק געהאַלטן צוגעבונדן אונטער דעם קין־באַק מיט אַ קאָלירט טיכל. ער איז געגאַנגען גלייך, ווי אַ ווירע — אַ זעלטנקייט צווישן קליינשטעטלדיקע אידן, וואָס טראָגן כסדר דעם גלות אויף די פּלייצעס.

ניסל איז געווען פון מיטעלן וואוקס און אן א באשטימטן קאליר, דער־פאר איז ער אבער געווען בלינד אויף אן אויג. דאס בלינדע אויג איז ביי אים געווען איינגאנצן צוגעמאכט.

ניסל איז געווען דער שטארקסטער פון אלע דריי. ער פלעגט דערפאר ניט נאר האלטן די קעפ פון די בהמות, ביים שעכטן, נאר ער פלעגט אויך אנבלאזן די „ריאה" (די לונגען), ווען ר' זישעלע פלעגט בדקענען. ניסלס באקן פלעגן זיך אנבלאזן אזוי שטייף, ווי די אנגעבלאזענע „ריאה". מיט זיין זעענדיק אויג פלעגט ער נאכפאלגן אלע באוועגונגען פון ר' זישעלעס איידעלע פינגער, וואס האבן מיט זייערע שארפע נעגל פארזיכטיק געצויגן די סרכות פון דער „ריאה". זיין זעענדיק אויג איז געווען אזוי שארף, אז עס האט זיך געדאכט, אז אט און ער וועט מיט איר דורכשטעכן ר' זישעלען אויף דורך און דורך. ר' זישעלע אליין האט זיך פון אנהויב געשראקן פאר ניסלס שארף אויג. אים האט זיך געדאכט, אז ניסל וועט חלילה אים דערהרגענען, ווען ער וועט געפינען די בהמה טריף. ער האט אבער באלד אויסגעפונען זיין טעות. ניסל איז געווען א גוטער פרומער איד, ווי זיינע שותפים און עס וואלט אים קיינמאל ניט איינפאלן צו ווערן א מאכיל טרפהניק.

אט די דריי אידן זיינען געווען ג י י ע ר. זיי זיינען געגאנגען ביי טאג און ביי נאכט. זיי זיינען שטענדיק געווען אויף די פיס. ווען זיי האבן ניט געהאט וואו צו גיין, זיינען זיי געשטאנען. זיצן האט מען זיי קיינמאל ניט געזען.

זיי האבן קיינמאל ניט גענעכטיקט אין שטעטל, סיידן אן ערב־יום־טוב. ווי שפעט עס זאל ניט זיין און וואס פאר א וועטער עס זאל ניט זיין, זיינען זיי דאס רוב געגאנגען אהיים. געגאנגען זיינען זיי אלעמאל אין א שורה, מיט די פאלעס פארשטעקט אין גארטל — אפריער פלעגט שפאנען משה, מיט זיינע לאנגע פיס, נאך אים ניסל מיט ברייטע שפאנען און פון הינטן האט זיך נאכגעשלעפט דער אלטער אנצעל, וואס האט באדארפט שפאנען גיך־גיך מיט זיינע קליינע פיסעלעך כדי אנצוהאלטן מיט זיינע אינגערע און גרעסערע שותפים.

ווען אט די אידן פלעגן זיך באווייזן אין שטעטל האט מען שוין גע־וואוסט, אז עס וועט זיין פלייש אויף שבת, אדער יום־טוב. זיי פלעגן קיינ־מאל ניט קומען מיט ליידיקן, נאר מיט עטלעכע בהמות, געפירט פאר שטריקלעך פארבונדן אויף די הערנער.

אינגאַנצן אָפּהענגיק פון זיי איז אָבער דאָס שטעטל ניט געווען. יעדער איינער אין שטעטל איז אין אַ געוויסער מאָס געווען זיין אייגענער קצב. כמעט יעדער איינער אין שטעטל האָט געהאַט אַ בהמה, וואָס פלעגט אים מזכה זיין כמעט יעדן יאָר מיט אַ קעלבל און אָט דאָס קעלבל האָט מען באַדאַרפט שעכטן אויף פסח, געוויינלעך, אויב ניט אויף די ערשטע טעג, איז אויף די לעצטע. אויב אַ איד האָט ניט געהאַט קיין בהמה האָט ער לכל הפחות געהאַט אַ ציג און די ציג פלעגט אים אָפּציגלען ציגעלעך, וואָס האָבן מיט זייער זיס פלייש פאַרזיסט דעם אידישן באַפרייאונגס יום־טוב. דאָס רוב אידן זיינען געווען זייערע אייגענע קצבים און בערעלען איז ניט איינמאָל אויסגעקומען צו העלפן דעם טאַטן זיינעם, פישל דוד דעם מלמד, אין אָט דעם בלוטיקן עסק.

אָבער דאָס איז אַלץ געווען פריער, ווען זייער ציג פלעגט זיך ציגלען מיט געוויינלעכע ציגעלעך.

דאָס מאָל איז אָבער געווען אַנדערש. עס איז געווען ניט קיין געוויינ־לעכע ציגעלע, נאָר אַ ווייסע — אַ ציגעלע, צו וועלכער בערעלע האָט זיך צוגעבונדן מיט לייב און נשמה. דער געדאַנק, אַז מען וועט זיין ווייסע ציגעלע אויך שעכטן האָט אים אויפגעטרייסלט. ער האָט געוואוסט דעם ריכטיקן מיין פון דעם וואָרט קוילענען. דאָס האָט געמיינט, אַז מען וועט דאָס ציגעלע בינדן, ברענגען זי צו ר׳ זישעלען, וואָס וועט איר איבערשניידן דאָס העלזל, פון וואַנען עס וועט זיך גיסן אַ סך בלוט, וואָס וועט פאַרפלעקן איר שיין, ווייס פעלכל.

אָט דאָס בילד האָט זיך אויסגעמאָלט פאַר זיינע אויגן, ווען לייבעלע האָט דערמאָנט דאָס וואָרט קוילענען. דאָס בילד האָט אויף אים ארויפגע־וואָרפן אַ שרעק און אַ ציטער. ער האָט אויפגעציטערט מיט אַלע אברים. אָט דערפאַר האָט ער אויסגעשריען:

— כ׳וועל אים, כ׳וועל אים, כ׳וועל אים אויסרייסן די באָרד!

ער האָט ניט געקענט זאָגן עטוואָס ווייניקער.

עלפטער קאַפּיטל

אָבער פאַרוואָס האָט זיך לייבעלע אַזוי אָנגעצונדן?

אויב איר קענט פרעגן אַזאַ פראַגע איז אַ סימן, אַז איר ווייסט ניט און איר פאַרשטייט ניט, וואָס עס מיינט באמת — רייסן די באָרד.

פאַר לייבעלען זיינען אָבער אָט די עטלעכע ווערטער געווען גענוג אויסצומאָלן אַ בילד ניט פון שרעק, אמת, אָבער דערפאַר — פון טיפער באַליידיקונג. רייסן די באָרד — דאָס איז די גרעסטע באַליידיקונג, דער גרעסטער נקמה־אַקט אין אַ קליין שטעטל.

איר ווייסט ווען מען רייסט די באָרד?

די באָרד רייסט מען אין דעת׳ לעצטער ברירה, ווען אַלע אַנדערע מיטלען העלפן שוין ניט. דאָס טוט מען דעמאָלט, ווען עס איז באַגאַנגען געוואָרן אַ גרויסע עולה — אַן עולה וואָס מען קען שוין ניט פאַרריכטן. מען רייסט די באָרד ערשט דעמאָלט, ווען געשרייען ווירקן שוין ניט און פעטש קענען שוין אויך ניט העלפן. דעמאָלט ווענדט מען אָן דעם לעצטן מיטל — מען רייסט די באָרד.

האָט איר אַמאָל געזען ווי אידן שלאָגן זיך?

איך מיין דאָ פאַרצייטיקע אידן, אידן מיט בערד און פאות, מיט קאַפּאָטעס און יאַרמולקעס אונטער די היטלען; אידן וואָס דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג אין שול, וואָס פאַסטן אַלע געבאָטענע תעניתים, וואָס גייען יום־כפור און תשעה באב אין שול אין זאָקן און צום סדר זעצן זיי זיך אין קיטלען. אָט די אידן, ווען עס קומט צו „מרור״ עסן זיי אויף אַ גאַנץ קעפּל כריין, אפילו ווען זיי וועלן זיך דאַרפן פאַרהוסטן נאָך דעם אויף אַ האַלבער שעה.

האָט איר געזען ווי אַזוי אַזעלכע אידן שלאָגן זיך?

אַזעלכע אידן שלאָגן זיך ניט. אַזעלכע אידן פאַטשן זיך.

שלאָגן קען מען נאָר מיט אַ קולאַק און דאָס פּאַסט פּאַר אַ גוי. אַ איד האָט פיינט אַ קולאַק. אַ איד, אַז ער דערלאַנגט אַמאָל אַ מתנת־יד איז דאָס מיט אָפענע פינגער. אַ פּאַטש הילכט אָפּ, אָבער ער טוט ניט קיין גרויס שאָדן. אַ שטאַרקער פּאַטש קען איבערלאָזן נאָר פינגער אויפן באַק, אָבער ער וועט ניט אונטערהאַקן אַן אויג, אָדער אַרויסשלאָגן אַ צאָן.

עס זיינען אפילו געווען אַ פּאָר אידן אין שטעטל, וואָס האָבן געקענט אַראָפּלאָזן אַזאַ פּאַטש, וואָס האָט געקענט אַוועקלייגן אויפן אָרט, אָבער פּאָר יענע אידן האָט מען זיך געהיט און זיי אַליין האָבן זיך נאָך מער געהיט. זיי האָבן שוין ניט באַדאַרפט פּאַטשן — זייערס אַ וואָרט איז שוין געווען גענוג.

פּאַטשן האָבן זיך געפּאַטשט אידן דאָס רוב פּאַר עליות, פּאָר אתה הראתה צו הקפות און אַמאָל אויך פּאַר פּרנסה. ווען איינער איז אַריינ־געקראָכן דעם אַנדערן אין דער גרגרת אַריין האָט ער אים דערלאַנגט אין באַק. אָבער דאָס האָט געטראָפן זייער זעלטן. געוויינלעך פלעגן זיי אָפּ־קומען מיט געשרייען. זיי פלעגן מאַכן געוואַלדן ביז צום הימל. אויף די געשרייען פלעגן זיך צונויפלויפן ניט נאָר די אידן, נאָר אפילו די גוים, להבדיל. די גוים פלעגן שטיין, אָנקוועלן און נאָכקרימען די אידן אויף זייער גויאישקן שטייגער:

— „גער, גער, גער“.

נאָך זעלטענער האָט געטראָפן, אַז איין איד זאָל אַריינפּאָרן דעם אַנ־דערן אין באָרד אַריין. לייבעלע האָט עס צוגעזען נאָר צוויי מאָל ביי זיין טאַטען אין שטוב, וואָס איז געווען אַ זאַמל־פּונקט פאַרן גאַנצן שטעטל און דאָס האָט זיך גאַנץ טיף איינגעקריצט אין זיין זכרון.

דאָס ערשטע מאָל איז עס פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן:

איין איד האָט יאָרן לאַנג געהאַט תביעות צו אַ צווייטן. ער האָט אים געשלעפּט צו אַ דין תורה, אָבער יענער האָט זיך אַרויסגעמאַכט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ סך געלט — עטלעכע הונדערט רובל.

אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז וואַנען דער קלעגער האָט איינמאָל געפּאַקט דעם אַנגעקלאָגטן טאַקע ביי ר׳ זישעלען אין שטוב. ער האָט אים גלייך גערופן צו אַ דין־תורה, צו ר׳ זישעלען טאַקע, ווייל ר׳ זישעלע איז ניט נאָר געווען דער שוחט, נאָר אויך דער רב פון שטעטל. דער אַנגעקלאָגטער האָט, ווי געוויינלעך, געלייקנט שטיין און ביין — ער האָט מיט דעם קלעגער קיינמאָל ניט געהאַנדלט און ווייסט ניט פון וואָס צו

זאָגן. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און מיט יעדן וואָרט זיינען די קולות געוואָרן אַלס העכער און שרייענדיקער, ביז וואַנען דער קלעגער האָט אַנגעכאַפּט דעם אָנגעקלאָגטן פאַרן באָרד און האָט געליאַרעמט, אַז ער וועט אים אויס־רייסן ביז איין האָר, אויב ער וועט אים ניט מודה זיין גלייך אויפן אָרט.

וואָס דער סוף איז געווען, האָט לייבעלע ניט געזען. מען האָט אים, מיט אַלע איבעריקע קינדער, אַרויסגעשטופּט פון שטוב. אַביסל שפּעטער, ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געזען, ווי ר׳ ברוך — אַזוי האָט דער איד געהייסן — איז געזעסן ביים טיש און געטרונקען טיי מיט זיין טאַטן. לייבעלע האָט זיך גוט איינגעקוקט און האָט באַמערקט, אַז ר׳ ברוכס באָרד איז געווען אַ גאַנצע — אַ סימן אַז מען האָט אים די באָרד ניט אויסגעריסן. אָבער ר׳ ברוך האָט אויסגעזען זייער בלייך און דערשראָקן. ער האָט אויסגעזען טיף באַליידיקט.

אַ צווייטן מאָל איז דאָס באָרד־רייסעניש פאָרגעקומען נאָך מער דראַ־מאַטיש.

עס איז געווען אַ פרייטיק נאָכמיטאָג, נאָכן מרחץ.

ר׳ זישעלע איז געזעסן, ווי זיין שטייגער איז געווען, אויבן־אָן ביים טיש. אויף זיין בלייכן, איידעלן פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַן ערב־שבתדיקע, נאָכן מרחץ מידקייט. אין זיינע געקרייזלטע פּאות האָבן גע־פינקלט אין דער זון־שיין טראָפּנס פון מקוה וואַסער.

ר׳ זישעלע האָט געוואָרט אויפן סאַמאָוואַר, וואָס האָט געהוזשעט ווי אַ גזלן אין פאָדער־שטוב, כדי צו דערקוויקן זיך דאָס האַרץ מיט אַ גלעזל טיי. אַ פריש גלעזל טיי נאָכן מרחץ איז דאָך מחיה נפשות. ר׳ זישעלע האָט אַלע מאָל געטרונקען טיי, אָבער פרייטיק נאָכן מרחץ האָט ער געמוזט.

איבערן שטוב האָט זיך אַרומגעדרייט יואל דער בורדאָווער, פון דעם דאָרף בורדאָווע, אַ צען ווערסט פון שטעטל.

דאָס איז געווען אַ איד, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט פּריצים און האָט זיך אַליין אויך זויפגעפירט מעשה פּריץ. ער פלעגט אַרומפאָרן אין אַ ברידזשקע, מיט אַ פּאָר גוטע פערד. געהאַט האָט ער אויך אַלעמאָל אַ שמייסער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ אידן אַ פּריץ.

און ווייל ער האָט געהאַט אַלעמאָל צו טאָן מיט פּריצים, האָט ער זיך אויך אָנגעטאָן ווי אַ שטיקל פּריץ. ער האָט שוין ניט געטראָגן קיין לאַנגע קאַפּאָטע, נאָר אַ פּידזשאַק. זיינע שטיוול זיינען געווען ווי צוגעבאַקט צום פיס און זיי האָבן אַלעמאָל געגלאַנצט. אויפן האַלז האָט ער געטראָגן

אַ קראַגן מיט אַ שניפּס. אויף זיין ברוסט האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע גאָלדענע קייט, פון איין זשילעט־קעשענע ביז דער אַנדערער.

אַ חוץ דעם איז דאָס געווען אַ איד ווי אַלע אידן — מיט אַ ברייטער, שוואַרצער באָרד און אפילו מיט פּאות. זיין באָרד איז אפילו געווען אַלעמאָל שיין פאַרקעמט און זיינע פּאות האָבן אַלעמאָל געקענט פאַרשווינדן הינטער די אויערן, ווען יואל האָט באַדאַרפט גיין צו אַ פּריץ. דערפאַר אָבער האָבן זיי געקענט זיין וואו מען דאַרף, ווען יואל איז געקומען צווישן אידן. יואל האָט אַכטונג געגעבן, אַז זיי זאָלן זיין וואו מען דאַרף, ווען מען דאַרף. ווען ער איז געקומען צווישן אידן האָט ער זיי אַרויסגעשאַרט פון הינטער די אויערן און זיי זיינען ביי אים אַראָפּגעהאַנגען איבער די שלייפן, וואו זיי דאַרפן זיין ביי אַ אידן.

גערעדט האָט יואל הויך און געלאַכט אַ סך. עס איז געווען אַ איד, וואָס איז געווען שטאַרק צופרידן מיט זיך און מיט דער וועלט.

צוליב זיינע עסקים מיט פּריצים האָט ער באַדאַרפט אַ סך אַרומפאָרן. ער איז אויסגעווען, זאָגט מען — וואו די וועלט האָט אַן עק — אין אַלע גרויסע שטעט — אין ווילנע, אין וואַרשע, אין קיעוו און אפילו אין אָדעס. יואל האָט אַלעמאָל געהאַט אַ סך חדושים צו דערציילן פון זיינע נסיעות.

און ווייל ער פלעגט אַ סך אַרומפאָרן, האָט ער ניט געקענט איינזיצן. ווען ער פלעגט קומען אַמאָל צו ר׳ זישעלען אין שטוב, פלעגט ער אַרומלויפן אין זיינע גלאַנצנדיקע שטיוול הין און צוריק, הין און צוריק, איבערן שטוב, רעדן הויך, לאַכן נאָך העכער און דערציילן חדושים פון זיינע נסיעות.

דרויסן, אַרום ר׳ זישעלעס גאַניק, האָט אויף יואלן געוואַרט זיין ברידזשקע, מיט די פּאָר פערד. אויף דער קעלניע איז געזעסן דער שמייסער, מיט דיקע לעדערנע לייצעס אין איין האַנט און מיט אַ לאַנגן בייטש־שטעקל אין דער צווייטער. יואל האָט אויך געוואַרט אויף אַ גלעזל טיי, איידער ער לאָזט זיך אין וועג אַריין.

לייבעלע און עטלעכע אַנדערע אינגלעך זיינען געשטאַנען אין דרויסן און געקוקט מיט גרויס קנאה אויף דער ברידזשקע, אויף די פערד און מער פון אַלעמען — אויפן שמייסער. עס איז לייבעלען אויסגעגאַנגען דער חיות זיך אַריינצוכאַפּן אויף אַ ווילע אין דער ברידזשקע און אַ האָטשקע טאָן זיך אויף אירע פּרוזשינעס. דער שמייסער האָט אים אָבער עטלעכע מאָל אַן צערעמאָניעס אָפּגעטריבן מיט דער בייטש. עס איז גראָד געווען

אַ אידישער בחור, אָבער אַ בייזער און אַ שלעכטער, וואָס האָט ניט פאַר־גונען אידישע קינדער אַביסל פאַרגעניגן. אַלץ וואָס לייבעלען איז געווען דערלויבט איז אַרומדרייען זיך אַרום די פערד, גלעטן זיי איבער די ברייטע, וואַרעמע נעזער, אָדער פּרובירן דרייען די שטאָל־געשמידטע רעדער פון דער ברידזשקע.

לייבעלע איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרטאָן מיט דער ברידזשקע, מיט די פערד און מיט דעם שמייסער, אַז ער האָט גאָרניט באַמערקט, ווי שלמהקע דער אַלטער, מיט זיין כאַלאַסטרע, זיינען אָנגעקומען פון אַרויף גאַס. ער האָט זיי אָפּריער דערהערט, איידער דערזען, ווייל דער אַלטער שלמהקע האָט געשריען הויך אויפן קול:

— עס וועט אַ רוח אַריין אין זיין געפּגרטן טאַטען! אַזאַ הולטאַי, אַזאַ כל־בוניק!

לייבעלע האָט פאַר זיך דערזען שלמהקעס גאַנצע געזינט.

אין פאָראויס איז געגאַנגען דער אַלטער שלמהקע. נאָך אים, זיין איי־דעם, מאָשקע. נאָך מאָשקען — זיין ווייב, שרה אָן אַ ליפּ — אַזוי האָט זי טאַקע געהייסן — שרה אָן אַ ליפּ. נאָך שרהן, גאָר פון הינטן, האָט זיך נאָכגעשלעפּט שלמהקעס צווייטע טאָכטער, ריווצע, מיט איר ממזר אויף די הענט.

די גאַנצע כאַלאַסטרע האָט זיך צוזאַמען אַריינגעוואָרפן צו ר׳ זישעלען אין שטוב און באַלד האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ סצענע, וואָס האָט אויפגע־רודערט דאָס גאַנצע שטעטל. עס איז געווען זייער אַ קורצע, אָבער זייער אַ שטורעמדיקע סצענע. באַלד נאָך דעם האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל דער־וואוסט, אַז שלמהקע דער אַלטער האָט אויסגעריסן ביי יואלן דעם בורדאָווער די באָרד.

לייבעלע האָט אַריינגענומען די סצענע מיט אַלע איינצלהייטן, ווייל מיטן חוש האָט ער דערשמעקט, אַז עפּעס וועט דאָ פאַרקומען. ער האָט זיך דעריבער אַריינגעכאַפּט אין שטוב נאָך פריער פון די איבעריקע.

און פאַרגעקומען איז אָט וואָס:

ווי נאָר שלמהקע מיט זיין הויז־געזינט זיינען אַריין אינעווייניק, צו ר׳ זישעלען אין שטוב, האָט דער אַלטער שלמהקע אַ כאַפּ געטאָן דעם ממזר פון ריווצעס הענט און אים אַ וואָרף געטאָן יואלן אין די הענט אַריין:

— נאַ, נעם אים, ס׳איז דיינס! — האָט ער זיך צעשריען מיט קולי קולות.

יואל האָט אויך אָנגעהויבן שרייען:

— שגץ איינער, מערזאַוועץ, אַלטער הולטאַי — אַ ממזר־בלבול ווילסטו אויף מיר אויסטראַכטן!

דער ממזר וואָלט געוויס אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, ווען מאַשקע כאַפּט אים ניט אונטער. אָבער אַזוי ווי יואל האָט זיך צעשריען איז דער אַלטער שלמהקע אַריינגעפאָרן אין אים מיט ביידע הענט. מיט איין האַנט האָט ער אָנגעכאַפּט יואלס שיין פאַרקעמטע באָרד און מיט דער אַנדערער — זיין גאָלדענע קייט אויפן ברוסט. עס איז פאָרגעקומען אַ ברוטאַלער געראַנגל אין מיטן פון הילכיקע קולות. אַלע האָבן געשריען — עס האָט געשריען שלמהקע דער אַלטער, עס האָט געשריען יואל דער בורדאָוועד, עס האָט געשריען מאַשקע און אפילו שוזה אָן אַ ליפּ. מער פון אַלעמענס קולות האָט זיך געהערט שרהס קול — זי האָט ניט געשריען, נאָר זי האָט געשיפּעט ווי אַ שלאַנג.

מיטאַמאָל האָט יואל זיך אַרויסגעריסן פון שלמהקעס הענט. ווי אַ פייל פון בויגן האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט פון ר׳ זישעלעס שטוב און גלייך אין ברידזשקע אַריין. דער שמייסער האָט אַ צי געטאָן די לייצעס און אין איין אויגנבליק און די ברידזשקע מיט יואלן האָט זיך אַוועקגעקייקלט אַראָפּ גאַס. שלמהקע איז געבליבן שטיין מיט אַ שטיק יואלס באָרד אין איין האַנט און מיט דער גאָלדענער קייט אין דער צווייטער.

לייבעלע האָט עס אַלץ צוגעזען אַ צעשראָקענער, מיט ברייט־געעפנטע אויגן. ער איז נאָך געווען צו יונג צו פאַרשטיין דעם גאַנצן ענין. דער איינדרוק איז אָבער געבליבן, דער איינדרוק איז געווען, אַז רייסן אַ באָרד האָט צו טאָן מיט אַ ממזר — זייער אַ שלעכטע פאַרבינדונג.

ווי נאָר בערעלע האָט אויסגעזאָגט די ווערטער: „כ׳וועל אים אויס־רייסן די באָרד" — האָט אין לייבעלעס זכרון גלייך אויפגעלעבט דאָס בילד, ווי אַזוי דער אַלטער שלמהקע האָט געריסן די באָרד ביי יואלן דעם בורדאָוועד און דערצו נאָך געוואָרפן אים אַ ממזר אין פנים. אויפן הייסן מאָמענט האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, אַז בערעלע גייט וואָרפן ישראליק דעם ממזר זיין טאַטען אין פנים.

זיין טאַטען!

צוועלפטער קאַפּיטל

איר דאַרפט וויסן אַביסל מער וועגן לייבעלעס טאַטען כדי צו פאַרשטיין פאַרוואָס לייבעלע איז געוואָרן אַזוי ווילד פון כעס.

נו געוויס, לייבעלע האָט געוואוסט, אַז בערעלע וועט זיין טאַטן, ר׳ זישעלען, די באָרד ניט רייסן. ניט נאָר וואָלט ער אים די באָרד ניט גע־ריסן, נאָר ער וואָלט אפילו ניט געוואַגט צו זאָגן אים עפּעס קרום אין אויג. ר׳ זישעלע איז ניט געווען פון יענע אידן, וואָס מען רייסט די באָרד. מען האָט אים אפילו ניט געקענט סתם באַליידיקן. אדרבה, מען האָט זיך באַצויגן צו אים מיטן גרעסטן דרך־ארץ און מיטן גרעסטן כבוד.

אָבער דער געדאַנק אַליין — די חוצפּה דערפון.

ר׳ זישעלע איז געווען דער אַריסטאָקראַט פון שטעטל און פון דעם אַרומיקן ישוב — דער גייסטיקער אַריסטאָקראַט. ער האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גרויסן למדן און פאַר אַ גרויסן חכם, וואָס וואָלט געקענט זיין רב אין אַ סך אַ גרעסערער שטאָט. די אידן פון שטעטל און פון גאַנצן ישוב האָבן מיט אים שטאָלצירט. ער איז געווען אַ צירונג פאַר זיי.

ניט נאָר אידן, נאָר אפילו גוים, להבדיל, פלעגן קומען צו ר׳ זישעלען זיך האַלטן עצות. וואו עס איז נאָר געווען אַ צרה, אַ מחלקה, אַ סכסוך איז מען גלייך געלאָפן צו ר׳ זישעלען. ער האָט שוין געפונען אַן אויס־וועג, אַ פשרה, אָדער לכל הפחות אַ טרייסט־וואָרט. עס איז ניט געווען קיין ספק אין זיין ערלעכקייט און אָרנטלעכקייט. צו דעם איז ער געווען אַ מזג טוב — אַ מענטש אָן אַ גאַל. ער האָט זעלטן ווען זיך געבייזערט און נאָך זעלטענער אויפגעהויבן זיין קול הויך. ער האָט שטענדיק גערעדט רואיק און געלאַסן און פאַר אַלעמען האָט ער געהאַט אַ גוטן שמייכל, אָדער אַ גוט וואָרט.

מחלוקות האָט ער שטאַרק פיינט געהאַט. ווען ס׳פלעגט זיך אַמאָל צונויפקלייבן אַן אסיפה ביי אים אין שטוב — אַלע אסיפות פלעגן דאָס

רוב פאַרקומען ביי אים אין שטוב — און דער עולם פלעגט זיך צעהיצן און צעשרייען, פלעגט ר׳ זישעלע בלייבן זיצן רואיק, שטענדיק אויבן־אָן, ביי זיין טיש, און וואַרטן ביז דער עולם וועט זיך איינשטילן. און אַז עס פלעגט ווערן שטיל פלעגט ער רואיק זיך אָפּרופן:

— נאַראָנים, וואָס איר זייט — וואָס האָט איר זיך געקאָכט? מען קען דאָך דאָס מאַכן שטילערהייט אַ סך בעסער.

נאָך דעם האָט ר׳ זישעלע אויסגעגליכן דעם סכסוך.

דאָס שטעטל איז געווען צעטיילט אין צוויי לאַגערן. פון איין זייט איז געשטאַנען דער בעלי־בתים קלאַס און פון דער צווייטער — די בעל־מלאכות. עס זיינען פאַרגעקומען אַ סך סכסוכים און מחלוקות צווישן אָט די צוויי קלאַסן. די בעל־מלאכות האָבן אַלע מאָל געטענהט, אַז די בעלי־בתים האַלטן זיך קעגן זיי גרויס, גאוהדיק.

די מיינסטע מחלוקות זיינען פאַרגעקומען אין בית־מדרש. די בעלי־מלאכות האָבן ניט געקענט פאַרגעבן די בעלי־בתים למאי זיי האָבן פאַר זיך פאַרכאַפּט די פעטע עליות, איבערלאָזנדיק פאַר זיי די רביעיס מיט די שביעיס. עס זיינען פאַרגעקומען בונטן, וואָס האָבן אפילו געפירט צו פעטש. ר׳ זישעלע האָט אָט די מחלוקות אָפּגעשטעלט. ער האָט פאַררופן אַן אסיפה און האָט געפּועלט, אַז מען זאָל די עליות אַלע שבת און יום־טוב פאַרקויפן אויף „טאַרגעס״.

ער האָט אויך אויסגעגליכן אַ סך אַנדערע סכסוכים — געלט־סכסוכים און פּערזענלעכע. ער האָט אפילו אויסגעגליכן דעם סכסוך צווישן שלמהקע דעם אַלטן און יואל דעם בורדאָווער. ווי אַזוי ער האָט דאָס אויסגעגליכן, האָט קיינער ניט געוואוסט. ער האָט עס געטאָן אין דער שטיל. ער האָט עס אָבער אויסגעגליכן. אַ ראיה האָט איר, נאָך דעם איז יואל דער בורדאָווער ווידער געקומען אין שטעטל און שלמהקע דער אַלטער האָט אים שוין מער ניט געריסן די באָרד און ניט געמאַכט קיינע סקאַנדאַלן. פאַרקערט, ער האָט אים צוריק אָפּגעגעבן די גאָלדענע קייט. ר׳ זישעלע האָט אים גע־הייסן אָפּגעבן.

— עס איז גזילה, — האָט ער אים געזאָגט.

און אַז ר׳ זישעלע האָט געהייסן האָט אפילו דער אַלטער שלמהקע געפאָלגט. אַזאַ כח האָט געהאַט ר׳ זישעלע.

שלמהקע דער אַלטער איז געווען פון די ערשטע תושבים אין שטעטל. ער איז געווען אַ שטיקל בעל־העגלה און אַ גרויסער אָרימאַן. געוואוינט

האָט ער מיט זיין אידעם, מאַשקע, און מיט זיין טאָכטער, שרה אָן אַ ליפּ, אין אַ קליין שטיבל, הינטערן שטעטל, צווישן די גוים. צו דער עלטער האָט ער אויך צוגעקראָגן דעם ממזר. אָט די מתנה האָט אים געבראַכט זיין אינגערע טאָכטער, ריווצע, וואָס האָט עטלעכע יאָר געדינט ביי יואל דעם בורדאָוועך אין שטוב.

נאָך דעם סקאַנדאַל ביי ר׳ זישעלען אין שטוב איז ריווצע פאַרשוואונדן. זי איז אַוועק אין אַ גרעסערער שטאָט אויף אַ שטעל. דעם ממזר האָט זי איבערגעלאָזט אין שטעטל, וואו ער איז געוואָקסן אינאיינעם מיט שרהס קינדער.

ווען דער ממזר איז אויסגעוואָקסן גרויס גענוג צו קענען אַליין אַחומלויפן האָבן אים אַלע קינדער גערופן — ממזר. דאָס האָט אַרויסגערופן נייע מחלוקות. שלמהקע דער אַלטער האָט געשריען, אַז ער וועט ברעכן פענצטער. שרה אָן אַ ליפּ האָט געשאָלטן און געוואָגלט. דאָ האָט זיך ר׳ זישעלע ווייטער אַריינגעמישט. ער האָט אָנגעזאָגט די עלטערן, אַז זיי זאָלן אָנזאָגן זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן דאָס מער ניט טאָן.

— עס איז אַ גרויסע עבירה, — האָט ער געפּסקנט, — עס איז שפיכת דמים.

דאָס האָט געווירקט, ווייל פאַר אַן עבירה האָבן אפילו די קליינע קינדער זיך געשראָקן. אַלע קינדער, סיי אינגלעך און סיי מיידלעך, האָבן געוואוסט פון יענער וועלט. זיי האָבן געוואוסט אַז אויף יענער וועלט וועט מען שמייסן פאַר עבירות — מען וועט קאָטעווען, ברענען און בראָטן! — און פאַר אַזעלכע עבירות, וואָס מען באַגייט מיטן מויל, וועט מען אויף יענער וועלט הענגען אויפן צונג. ר׳ זישעלעס רייד האָבן דעריבער געהאָט אַ ווירקונג — ווער וויל דאָס הענגען אויפן צונג? עס איז עפּעס אַ מאכל צו הענגען אויפן צונג?! — ווי דענקט איר?

מען האָט דעם ממזר דעריבער געלאָזט צורו. אויב מען האָט באַדאַרפט האָט מען אים גערופן ביי זיין אידישן נאָמען — ישראליק. דאָס רוב האָט מען זיך אויף אים ניט אַרומגעקוקט.

דער ממזר אַליין האָט זיך אויך צופיל ניט געשטופּט. ער איז געווען צופרידן, וואָס מען לאָזט אים צורו. ער האָט אַליין געוואוסט, אַז ער איז ניט גלייך מיט אַלעמען.

געוועזן איז עס אַ אינגל אַ קליינס, אַ דאַרס, מיט אַ געשטופּלט פּנים. ער האָט דורכגעמאַכט אַלערליי קראַנקהייטן אין דער וועלט און האָט זיי

אַלע איבערגעלעבט. קיין סך נחת און קיין וואוילטיק האָט ער ביי זיין מומען, שרה אָן אַ ליפּ, ניט געהאַט. קלעפּ האָט ער געקראָגן פון איר אַ סך מער פון די איבעריקע קינדער און עסן — ווייניקער.

לייבעלע האָט זיין טאַטן פאַרגעטער'ט. ער איז געווען גרייט צו גיין פאַר אים אין פייער און אין וואַסער. איין פּיפּס פון ר' זישעלען און לייבעלע איז געווען גרייט צו פאָלגן.

געווען איז דאָס גראָד אַ אינגל ניט קיין פאָלגער און אַ גרויסער עקשן. די מאַמע זיינע, די שוחטקע, האָט פון אים, ווי זי פלעגט זאָגן, געקילט די ערד. זי האָט מיט אים גאָרנישט געקענט מאַכן. דאָס איז געווען אַ אידענע אַ קאָזאַק, וואָס האָט געהערשט ביד חזקה. אַלע קינדער האָבן פאַר איר מורא געהאַט און געלאָזט זיך פון איר פירן, נאָר ניט לייבע־לע — ער האָט ניט געפאָלגט.

פאַרן טאַטן האָט אָבער לייבעלע געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ. ער פלעגט אים פאַרלויפן דעם וועג, אַלעמאָל געזוכט עפּעס טאָן פאַר אים, ניט פאַר מורא, נאָר פאַר ליבע.

ר' זישעלע האָט לייבעלען אויך ליב געהאַט, אויף זיין שטייגער. ער האָט עס אָפן ניט אַרויסגעוויזן. אידן פון זיין גראַד ווייזן ניט אַרויס קיין אָפענע ליבע צו זייערע קינדער. פאַרקערט, זיי האַלטן זיך פון זיי וואָס מער פון וויטן, אָדער פון אויבן אַראָפּ. אָבער לייבעלע האָט גע־פילט, אַז עס איז דאָ עפּעס אַ נאָענטקייט צווישן אים און זיין קאַלטן טאַטן — ער האָט עס געפילט מיטן חוש.

ר' זישעלעס נאָענטקייט צו לייבעלען איז אפשר געווען ניט מער ווי אַן ענטפער אויף דער האַרטער און שטרענגער האַלטונג צו אים פון זיין מוטער. וואָס מער לייבעלע האָט ניט געפאָלגט, אַלץ האַרטער און שטרענגער איז געוואָרן צו אים זיין מאַמע. מיט זיין יושר־געפיל וואָלט ר' זישעלע, קען זיין, אַרויסגעצייגט, אין אַזאַ פאַל, אַזויפיל נאָענטקייט צו אַ פרעמדן אינגל. דער צען־יאָריקער לייבעלע האָט אָבער ניט געקענט זיך פאַנאַנדערקלייבן אין אַזאַ שווערן ענין. אַ יונגער אינגל פילט מער, ווי ער דענקט. ער האָט געפילט דעם טאַטנס נאָענטקייט און איז אים געווען זייער דאַנקבאַר.

פאַר די אינגלעך איז ר' זישעלע געווען זייער אַ גוטער טאַטע. ער האָט ניט געשטערט און האָט זייער ווייניק זיך געמישט, אָבער ער האָט שטענדיק געהאַלטן אַן אויג אויף זיי. זיין קוק איז געווען גענוג, אַז די

אינגלעך זאָלן גלייך שטיל ווערן, ווען זיי האָבן זיך געקריגט אָדער אפילו זיך געשלאָגן. איין קוק פון זיינע מילדע אויגן, וואָס האָבן געקענט צייטנ־ווייז קוקן זייער ביסטרע און בייז, איז געווען גענוג, אַז די אינגלעך זאָלן זיך אַרויסרוקן פאַרשעמטע און שולדיקע פון שטוב.

און ווען אַ אינגל האָט זיך פאַרשולדיקט, שטאַרק פאַרשולדיקט, האָט ער געשטראָפט זייער מילד.

לייבעלע, דער גרעסטער שטיפער פון אַלע, וואָס פלעגט זיך פאַר־שולדיקן אַ סך אָפטער פון די איבעריקע, האָט געדענקט נאָר צוויי מאָל, ווען זיין טאַטע האָט אים באַשטראָפט. איינמאָל האָט ער אים אָפּגעשמיסן מיט זיין יאַרמולקע, ווען לייבעלע איז נאָך געווען אַ קליינינקער. אַ צווייטן מאָל האָט ער אים אַ פּאָר מאָל דערלאַנגט איבער די פּלייצעס מיט זיין זיידענעם, געפלאָכטענעם גאַרטל. ביידע מאָל איז די שאַנד געווען אַ סך גרעסער, ווי דער ווייטיק. ר׳ זישעלע האָט ניט געהאַט אין זיך אַזוי פיל אכזריות, אַז ער זאָל בכיוון אימיצן וויי טאָן.

אָט אַזאַ טאַטע איז געווען ר׳ זישעלע!

היינט גיי און נעם זיך ניט אָן פאַר אַזאַ טאַטן, ווען אַזאַ עזות־פּנים, ווי בערעלע, פישל דוד דעם מלמדס, באַרימט זיך, אַז ער וועט אים רייסן די באָרד!

פאַר אַזאַ חוצפה האָט לייבעלע באַדאַרפט אים באַצאָלן אויפן אָרט און ווי עס האָט אים געקומט.

דרייצנטער קאַפּיטל

אָבער אַזאַ מזל האָבן שוין אַזעלכע אינגלעך ווי לייבעלע — היציקע, פּולבלוטיקע, קעמפּפער פון נאַטור; אַפּריער! נעמען זיי זיך אָן פאַרן כבוד פון זייער טאַטע־מאַמע, שלאָגן זיך פאַר זיי ביז בלוט, און צום סוף דאַרפן זיי אָפּגעבן דין־וחשבון פאַר זייערע טאַטע־מאַמע, וואָס ווילן ניט ליידן אַזעל־כע זאַכן.

לייבעלע האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער וועט ניט קריגן קיין גלעט איבערן קעפּעלע פאַר זיין געשלעג מיט בערעלען. די מעשה איז שוין גע־וויס אָנגעקומען צו דער מאַמען און זי וועט שוין אַזאַ זאַך ניט לאָזן פאַר־בייגיין.

לייבעלע האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, וואָס עס וואַרט אויף אים.

ווען עס וואָלט געווען אַ וואָכעדיקער טאָג, וואָלט געווען אַ האַלבע צרה. אינדערוואָכן איז די מאַמע געווען זייער אַ פאַרנומענער מענטש מיט דער שטוב, מיט די קינדער — זי האָט געהאַט קיין עין־הרע גאַנצע אַכט. זי האָט זעלטן געהאַט אַ פרייע מינוט.

דערצו איז די שטוב אין דערוואָכן געווען אַלעמאָל פול מיט מענטשן — פרעמדע מענטשן — און די מאַמע איז געווען צו קלוג אָנצוהייבן עפּעס, ווען פרעמדע זיינען געווען דערביי. אַלץ וואָס לייבעלע האָט באַדאַרפט טאָן אין אַ וואָכעדיקן טאָג — און עס איז זעלטן אַריבער אַ טאָג, אַז ער זאָל זיך ניט פאַרזינדיקן — איז אָפּצוהיטן ווען די שטוב איז געווען פול מיט מענטשן, ווען די מאַמע איז געווען זייער שטאַרק פאַרנומען און דעמאָלט זיך אַריינכאַפּן אין שטוב אומבאַמערקט, מיט אַן אומשולדיק פּנים און אַ תמעוואַטן אויסזען. ווען די מאַמע האָט אים דערזען — אַ ברירה האָט זי געהאַט אים דערזען — פלעגט זי אים צוּוואַרפן אַ בייזן בליק, אָדער אַ סטראַשע טאָן מיט דעם פינגער צו דער נאָז. ווען ער וואָלט צוגעקומען צו נאָענט, וואָלט אים די מאַמע געוויס מכבד געווען מיט אַ ברענעדיקן קניפּ

אין אַ ווייכן אָרט, אָבער לייבעלע האָט געוואוסט, אַז ער דאַרף זיך היטן צוקומען צו נאָענט.

שווער איז נאָר געווען די ערשטע באַגעגעניש. איינמאָל איז אָבער אָט די ערשטע באַגעגעניש אַריבער בשלום איז שוין נאָך דעם געווען ניט געפערלעך. די מאַמע וואָלט זיך אפשר געקענט דערמאָנען וועגן דעם ביים טיש, צום עסן, אָבער אפילו דעמאָלט וואָלט עס נאָר געמיינט אַ פאַרמעסטן זיך פון איר האַנט אין לייבעלעס באַק אַריין. לייבעלע וואָס האָט געהאַלטן אַ שאַרף אויג אויף דער מאַמעס הענט וואָלט געקענט אין צייט אַרונטער־בויגן דעם קאָפּ אונטערן טיש. עס איז אים אַלעמאָל אויסגעקומען צו זיצן אַנטקעגנאיבער דער מאַמען, און ניט אַרום איר. דער מאַמעס האַנט וואָלט דאַן אַראָפּגעפאַלן אויף זיין אַקסל און דערמיט וואָלט זיך די זאַך פאַרענ־דיקט. די מאַמע וואָלט אויסגעלאָזט דעם כעס און לייבעלע וואָלט עס אפילו ניט געפילט.

די הויפּט־מעלה פון אַ וואָכעדיקן טאָג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די מאַמע האָט קיין צייט ניט געהאַט איבערצורעדן מיטן טאַטן און אים „אָנסטראָיען“. די מאַמע אַליין האָט באַדאַרפט דורכפירן דעם פסק־דין.

שבת איז אָבער די לאַגע געווען אינגאַנצן אַנדערש.

שבת איז ניט געווען די געוויינלעכע וואָכעדיקע מאַמע, נאָר אַ שבת־דיקע. זי איז געווען אַ רואיקע און אַן אויסגערוטע. פון איר פנים האָט געשטראַלט די שבתדיקע שכינה. שבת האָט די מאַמע זיך ניט געכעסט, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז כעס איז עבודה־זרה. שבת האָט זי זיך ניט געבייזערט און אוודאי ניט געשאָלטן — ווייל דאָס וואָלט געווען חלול־שבת. שבת האָט זי נאָר געמוסרט און, ערגער פון אַלץ — שבת האָט זי צייט געהאַט „אָנ־סטראָיען“ דעם טאַטן און אים דערמאָנען אָן זיין חוב פון גדול־בנים.

איר מוסר האָט געשניטן ווי מיט מעסערס:

— אַ שיינעם נחת האָב איך פון דיר, — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ תחינה־טאָן, — דו פאַרשוואַרצסט מיר די אויגן, פאַרשוואַרצסטו מיר. שלאָגן זיך גאָר — ווי אַ בור, ווי אַן עם־הארץ, ווי אַ שייגעץ! און נאָך מיט וועמען? — מיט בערעלע, פישל דודס!

די מאַמע איז געווען אַ גרויסע מיוחסטע. זי האָט זיך געהאַלטן העכער פון אַלעמען און האָט געוואָלט, אַז אירע קינדער זאָלן זיך אויך אַזוי האַלטן.

אַ ווײַלע האָט די מאַמע געוואַרט אויף אַן ענטפער, אָבער לייבעלע האָט געוואוסט, אַז ענטפערן טויג ניט און ער האָט דעריבער געשוויגן. די מאַמע האָט ווייטער אָנגעהויבן:

— דו ווייסט, ווער דו ביסט? דו ווייסט, נאָך וועמען דו ביסט אַ נאָמען? דו ביסט אַ נאָמען נאָך מײַן זיידן, לייבעלע דער האַראַדאָקער — אַ גרויסער צדיק געווען, זכותו יגן עלינו. איך האָב געמיינט, אַז עס וועט פון דיר אויסוואַקסן אַזאַ למדן און אַזאַ צדיק, ווי ער איז געווען און צום סוף?

דאָ האָט די מאַמע אָנגעהויבן אויסרעכענען אַלע זײַנע זינד:

—לערנען ווילסטו ניט. דאָס דאַוונען כאַפּסטו אָפּ פון יוצא וועגן. און נאָך דעם — גייסטו זיך שלאָגן! אַ שיינעם נחת האָב איך פון דיר!

— איך האָב פון דיר ניט די וועלט און ניט יענע וועלט!

און צום סוף האָט זי פאַרענדיקט מיט דער דאָזיקער וואָרנונג:

— אָבער דו זאָלסט ניט מיינען, אַז עס וועט דיר אַזוי גלאַט אַראָפּגיין. איך וויל נאָר ניט פאַרשטערן דעם שבת. וואַרט, אימירצעשעם נאָך הבדלה, וועט זיך דער טאַטע צו דיר נעמען. דאָס מאָל וועט ער דיך שוין צעקאָ־טעווען. ער וועט דיר ניט שענקען!

דעם שבת האָבן דער מאַמעס מוסר־רייד אָנגעהאַלטן אַביסל לענגער און אירע וואָרנונגען זײַנען געווען אַביסל שטרענגער. לייבעלע האָט שוין לאַנג אַזוי זיך ניט פאַרזינדיקט, ווי יענעם שבת נאָכמיטאָג. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אויף. ער האָט געוואוסט, אַז עס וועט שוין אים גלאַט ניט אָפּגיין.

צו שלוש־סעודות איז לייבעלע געזעסן ווי אויף הייסע קוילן.

אַלע קינדער האָבן געמוזט זײַן ביים טיש צו שלוש־סעודות און העלפן זינגען זמירות און לייבעלע אויך צווישן זיי. דאָס איז געווען אַ חוק ולא יעבר. ניט קומען צו שלוש־סעודות און ניט זינגען קיין זמירות וואָלט נאָך געווען אַ גרעסערער פאַרברעכן, ווי אפילו שלאָגן זיך. וויפיל לייבעלע האָט זיך ניט אויסגעבאַהאַלטן, אָבער צו שלוש־סעודות האָט ער געמוזט קומען.

יענעם שלוש־סעודות האָט די מאַמע אויף אים געקוקט, ווי אויף איינעם, וואָס איז פאַרמשפּט צו דער תליה. טאַמער האָט לייבעלע אויף אַ ווייל פאַרגעסן אויף זײַן זינד, האָט זי אים גלייך דערמאָנט:

— וואַרט, וואַרט — ביז נאָך הבדלה. עס וועט דיר גלאַט ניט אַריבער!

די איבעריקע קינדער האָבן אויף אים געקוקט מיט שאָדן־פרייד. זיי האָבן אָנגעקוואָלן פון גרויס נחת, וואָס לייבעלע וועט „קריגן". זיי האָבן געהאַט מיט אים זייערע חשבונות.

—עס וועט היינט זיין אַ באָד און אַ הייסע, — האָט זיך איינער אָפּ־גערופן גלאַט אין דער וועלט אַריין. אַלע האָבן אָבער געוואוסט, וואָס דאָס מיינט.

דער טאַטע האָט גאַרכישט געזאָגט — ער וועט דאָך אוודאי זיך ניט פאַרשטערן זיין שבת, אָבער פון צייט צו צייט האָט ער צוגעוואָרפן לייבעלען אַ בייזן בליק. ווען די ערד וואָלט זיך אונטער אים געעפנט און וואָלט אים איינגעשלונגען ווי קרחן מיט זיין עדתו, וואָלט פאַר לייבעלען געווען אַ סך ליבער. לייבעלע האָט פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע האָט דאָס מאָל געסטראַ־שעט ניט אומזיסט. זי האָט שוין „אַנגעסטראַיעט" דעם טאַטן.

די ערגסטע זאַך אויף דער וועלט איז צו וואַרטן אויף אַ שטראָף, וואָס מוז קומען. דאָס וואַרטן איז אַ סך ערגער, ווי די שטראָף אַליין.

די צייט צווישן שלוש־סעודות ביז נאָך הבדלה האָט זיך פאַר לייבעלען אויסגעצויגן, ווי אַן אייביקייט. דער מאַמעס לאַנגער מוסר, די וואָרנונגען פון זיינע ברידער און שוועסטער, אַז „עס וועט זיין אַ באָד און אַ הייסע" און דעם טאַטנס בייזע בליקן האָבן קיין גוטס ניט פאָראויסגעזאָגט. ר' זישעלעס בליקן זיינען דאָס מאָל געווען בייזער און ביסטרער, ווי אַלעמאָל. דאָס האָט באַוויזן, אַז ר' זישעלע האָט שוין געוואוסט פון אַלץ און אפשר נאָך מער, ווי עס איז געווען.

לייבעלע האָט געהערט, אַז פישל דוד דער מלמד איז געקומען צו ר' זישעלען, זיין טאַטן, נאָך פאַר מנחה און ער האָט, ווי ער וואָלט מחילה געבעטן פאַר זיין בערעלען.

אַ מלמד, נעבעך, האָט מורא, בפרט נאָך פאַר אַזאַ חשוב, ווי ר' זי־שעלע. פישל דוד האָט פאַרזיכערט, אַז ער האָט שוין זיין בערעלען אָנגע־לערנט, אַז ער וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן. ער האָט עס געמאָלן אַ סך ערגער, ווי עס איז געווען.

פישל דוד האָט דערציילט, אַז ער האָט זיין בערעלען אַוועקגעלייגט, אַראָפּגעלאָזט די הויזלעך און אים אַריינגעצעלט מיט זיין רימענעם פאַסיק גאַנצע פערציק מלקות.

דער אמת איז געווען, אַז פישל דוד האָט דאָס נאָר געמיינט צו טאָן. בערעלע איז ניט געווען פון די אינגעלעך, וואָס זאָלן זיך לייגן מיט גוטן

און פישל דוד האָט נעבעך קיין כח ניט געהאַט אים אָוועקצעלייגן מיט געוואַלד.

פון אַראָפּלאָזן די הויזלעך האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין. בער־רעלע איז ניט געווען פון יענע אינגלעך, וואָס זאָלן לאָזן זיך אַראָפּלאָזן די הויזלעך. ביי אים האָט מען באַדאַרפט אַראָפּרייסן מיט געוואַלד. דאָס וואָלט פישל דוד ניט געטאָן, ווען ער וואָלט אפילו געקענט — ער וועט דאָך ניט גיין רייסן אום שבת. אָבער בערעלע וואָלט געוויס זיך ניט געלאָזט אַראָפּרייסן די הויזלעך. ער וואָלט זיך אַרויסגעריסן און געמאַכט פּליטה אַ סך פריער.

וואָס אמת איז אמת — פישל דוד האָט געהאַלטן דעם רימענעם פּאַסיק אין האַנט — ער האָט נאָך אים אָנגעגרייט פון פריער — און ווען בערעלע האָט זיך באַוויזן האָט ער אים גלייך, אָן קיינע שאלות, דערלאַנגט מיטן פּאַסיק איינמאָל, אָדער אפשר צוויי מאָל, איידער בערעלע האָט געשטעלט פיס. ער האָט דערציילט די גאַנצע מעשה פאַר ר׳ זישעלן, ווייל ער האָט געוואָלט פאַר אים זיך אויספיינען — ר׳ זישעלע זאָל אים חלילה ניט חושד זיין, אַז ער איז ניט מדריך זיינע קינדער, ווי עס געהערט צו זיין.

פישל דודכע האָט אין דער ווייבערשער שול געמאַכט די זאַך אַביסל שטאַרקער. זי האָט זיך כלומרשט באַקלאָגט פאַר די ווייבער, אַז בערעלע ליגט אין שטוב אַ צעקיילטער און צעביילטער, איינגאַנצן אַרומגעוויקלט מיט נאַסע האַנטיכער — אַזוי שטאַרק האָט אים פישל דוד געשלאָגן.

— איר קענט ניט מיין פישל דודן, — האָט זי זיך ווי באַרימט, — אַז ער ווערט אין כעס איז דאָך סכנת־נפשות.

דאָס האָט שוין צוגעמאַכט אַלע מיילער. קיינער האָט שוין גאָרנישט געקענט זאָגן קעגן פישל דודן. ער האָט געטאָן זיינס. עס איז נאָר געבליבן צו זען, וואָס ר׳ זישעלע וועט טאָן. ער וועט דאָך ניט קענען אָפּלאָזן זיין בנאָק מיט גאָרנישט.

ר׳ זישעלע אַליין האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז ער וועט דאַרפן עפּעס טאָן, ווי פיינט ער האָט ניט געהאַט אַזעלכע סצענעס. די אויגן פון גאַנצן שטעטל זיינען דאָך געווען געווענדט אויף אים. ער האָט באַדאַרפט ווייזן אַ ביישפּיל פאַר די איבעריקע. אָט דערפאַר האָט ער געוואָרפן אַזעלכע בייזע בליקן אויף לייבעלען. זיין פאַרדרוס קעגן לייבעלען איז אפשר ניט געווען אַזוי פאַר זיין געשלעג מיט בערעלען — דאָס וואָלט ער אים אפשר געקענט

מוחל זיין — נאָר וואָס ער צווינגט אים זיך אויפצורעגן און טאָן זאַכן, וואָס זיינען אים דערווידער.

לייבעלע האָט פון די בליקן פאַרשטאַנען, אַז אַ שטורעם קומט אָן און דער שטורעם איז טאַקע אָנגעקומען — באַלד נאָך הבדלה.

דאָס מאָל האָט שוין די געפלאַכטענע, וואַקסענע הבדלה געהאַלטן ניט לייבעלע, וואָס האָט שוין געהאַט אַ חזקה אויף דעם, נאָר זיינער אַ יינגערער ברודער. לייבעלע האָט ניט געקענט צוקומען צו נאָענט צום טיש. ער איז געווען אַ פאַרמשפּטער, וואָס האָט געוואַרט אויף זיין שטראָף.

באַלד נאָך הבדלה איז ר׳ זישעלע אַריין אויף אַ ווייל אין זיין אַלקער, וואו ער האָט איבערגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע און די שבתדיקע היטל אויף די וואָכעדיקע. די גאַנצע הויז־געזינט איז געווען פאַרזאַמלט, קיינער האָט ניט געפעלט.

די מאַמע האָט זיך אויסגעזעצט ברייטלעך אויף איר געוויינלעכן פּלאַץ ביים טיש, אָבער מיטן פּנים צום שטוב. זי האָט געוואַרט געדולדיק — זי האָט שוין אירס אָפּגעטאָן. זי האָט שוין געקראָגן אַ צוזאָג פון ר׳ זי־שעלען, אַז ער וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען. די איבעריקע פון ר׳ זי־שעלעס הויז־געזינט האָבן זיך אויסגעשטעלט אין באַזונדערע ווינקעלעך, ווי זיי זיינען גאָרניט געווען אויסן, אָבער צווישן זיך האָבן זיי זיך איבער־געוואונקען. לייבעלעס עלטערער ברודער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים טיר און האָט געהיט, אַז לייבעלע זאָל ניט מאַכן אַ ויברח. ער האָט געהאַט זיינע חשבונות מיט לייבעלען און ער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל קריגן וואָס אים קומט, אויב ניט פאַר היינט איז פאַר נעכטן, פאַר אייערנעכטן, פאַר פאַראַיאָרן און פאַר צוויי־יאָרן.

לייבעלע האָט זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל און איז געזעסן ווי אַ צוגע־שמידטער, ווי אַ געליימטער. די מאַטערניש פון לאַנגן וואַרטן האָבן ביי אים אויסגעשעפּט אַלע כחות. אים האָט שוין ניט אויסגעמאַכט, וואָס מיט אים וועט זיין.

איין פראַגע האָט אים נאָר געעגבערט אין מוח. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן — צי זאָל ער זיך ל אָ ז ן, אָדער נ י ט ל אָ ז ן. דאָס איז זייער אַ וויכטיקע פראַגע פאַר יעדן אינגל, וואָס ווייסט, אַז ער האָט פאַרדינט שמיץ. עס איז אַ פראַגע פון אייגנליבע.

אין חדר פלעגט לייבעלע זיך ניט לאָזן. ווען דער רבי פלעגט אים וועלן שמייסן פלעגט לייבעלע מיט אים זיך שטאַרק ראַנגלען און גאַנץ אָפט פלעגט ער דעם רבין אַזוי אויסמאַטערן, אַז ער פלעגט אים אָפּלאָזן. מיטן טאַטן איז אָבער געווען אַנדערש. דעם טאַטן האָט ער ליב געהאַט. דערצו האָט אים דער טאַטע כמעט קיינמאָל ניט געשמיסן. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. ער האָט ניט געוואָלט פאַרשעמט ווערן פאַר אַלע זיינע ברי־דער און שוועסטער, אָבער ער האָט אויך ניט געוואָלט דערצאָרענען דעם טאַטען.

באַלד נאָך דעם האָט זיך באַוויזן דער טאַטע פון דעם פינצטערן קאַמער און די עקזעקוציע האָט זיך אָנגעהויבן.

— ר׳ לייבעלע, — האָט זיך דער טאַטע אָנגערופן, ווען דער טאַטע איז געווען בייז אויף אים האָט ער אים אַלע מאָל געאירצט און אים גערופן מיטן טיטול „ריב״ — ר׳ לייבעלע, קומט נאָר אַהער!

לייבעלע קען זיך ניט רירן פון אָרט. ער איז פּאַראַליזירט. דער טאַטע ווערט שטרענגער. זיין קול קלינגט מער באַפוילעריש:

— ר׳ לייבעלע, זייט זיך מטריח. איר ווילט דאָך ניט איך זאָל קומען צו אייך — איר וועט ערגער מאַכן.

לייבעלע הויבט זיך אָן רירן. עטלעכע פּאָר וויליקע הענטלעך, פון זיינע ברידער און שוועסטער, זיינען גרייט אים אונטערצושטופּן. לייבעלע טרייסלט זיך אָפּ פון זיי מיט איין באַוועגונג. ער גייט פּאַמעלעך און אומ־זיכער, ווי אַ פאַרמשפּטער צו דער תליה. ער בלייבט שטיין, ווי פאַרגלי־ווערט, אַ דריי־פיר טריט פון ר׳ זישעלען.

— ר׳ לייבעלע, קומט צו נאָך אַביסעלע, — באַפוילט ר׳ זישעלע וויטער.

לייבעלע דערנעענטערט זיך איין קליין טריטעלע.

— נאָך אַ טריטעלע, ר׳ לייבעלע.

ר׳ זישעלע איילט זיך ניט. ער נעמט זיך צייט.

לייבעלע קוקט זיך אַרום. זיין בליק פאַלט אויף דער מאַמען. די מאַמע זיצט מיט אַ האַרטן, קאַלטן אַנטשלאָסענעם אויסדרוק אויף איר פּנים. לייבעלע דערפילט מיטאַמאָל, אַז עס ווערט אים הייס אין אַלע אברים. דער עקשן אין אים צעפלאַקערט זיך. ער זעט ווי אימיצער רוקט צו אַ שטול און ר׳ זישעלע זעצט זיך. עס איז שוין מער קיין ספק ניט, אַז עס

מיינט שמיץ. לייבעלע גיט אַ ציטער. ער פאַרלירט דעם קאָנטראָל איבער זיך.

— ר׳ לייבעלע, נו?! — האַלט ר׳ זישעלע אין באַפוילן.

לייבעלע רירט זיך אָבער ניט פון אָרט. ער ווייסט שוין, אַז ער וועט זיך ניט לאָזן. ווען די מאַמע וואָלט ניט געווען דערביי וואָלט אפשר געווען אַנדערש. איצט איז ער אָבער זיכער, אַז ער וועט זיך ניט לאָזן.

ער וועט זיך ניט לאָזן אויף צולהכעיס דער מאַמען.

לייבעלעס הייסע בליקן באַגעגענען זיך מיט ר׳ זישעלעס. זיי קוקן בייז איינער אויפן אַנדערן. ר׳ זישעלע ווערט מער אין כעס. לייבעלע ווערט מער פאַרעקשנט. עס קומט צו אַ קריזיס. ר׳ זישעלעס כבוד שטייט דאָ אין קאָן. וואָס הייסט, אים ניט פאָלגן?

ר׳ זישעלע קען ניט נאָכגעבן. אים מוז מען פאָלגן, אויב ניט מיט גוטן, איז מיט בייזן.

ר׳ זישעלע ציט אויס די האַנט. לייבעלע שפרינגט אויף צוריק.

ר׳ זישעלע הויבט זיך אויף. איצטער איז שוין ר׳ זישעלע זיכער, אַז ער וועט מוזן שמייסן, צי ער וויל, צי ער וויל ניט, לייבעלע האָט פאַר־דינט די שמיץ נאָר פאַר זיין עקשנות.

צו קיין שמיץ איז אָבער ניט געקומען, אפילו ניט צו פעטש. דער זכות פון לייבעלעס זיידן, דעם צדיק, וויזט אויס, איז אים בייגעשטאַנען. די ישועה איז געקומען פון אַ זייט און גאָר אומגעריכטערהייט.

ווי נאָר ר׳ זישעלע האָט זיך אויפגעהויבן און איז געווען גרייט צו נעמען לייבעלען מיט געוואַלד, האָט זיך די טיר אויפגעעפנט און נחמן דער סטאָליער מיט זיינע בנים זיינען אַריינגעקומען מיט אַ רעש און אַ טומל. אין זייערע הענט האָבן זיי געהאַלטן נייע צעבערס מיט עמערס.

נחמן מיט זיינע בנים האָבן זיך אַריינגעריסן אין מיטן און האָבן געשאַפן אַ מחיצה צווישן ר׳ זישעלען און לייבעלען. די עקזעקוציע איז איבערגעריסן געוואָרן אינמיטן דערינען. לייבעלע איז אָפּגעשטופּט געוואָרן אָן אַ זייט און ר׳ זישעלע האָט אים נאָר צוגעוואָרפן אַ לעצטן בייזן בליק.

באַלד האָט זיך דערהערט נחמנס קאָמאַנדע:

— מצה־וואַסער!

די קאָמאַנדע האָט ווי עלעקטריזירט אַלעמען אין שטוב.

מצה־וואַסער! — עפּעס אַ קלייניקייט — מצה־וואַסער! מאָרגן דאַרף

מען זיך שטעלן באַקן מצות און עס איז אַ מצוה צו שעפּן מצה־וואַסער גלייך נאָך הבדלה.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און אַלע מאַנסביל האָבן פאַרלאָזן די שטוב. אַלע, מיט ר׳ זישעלען בראש, זיינען אַוועק שעפּן מצה־וואַסער.

אָן לייבעלען האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן.

פערצנטער קאַפּיטל

ווען דאָס שטעטל האָט געבאַקט מצה, האָט דאָס גאַנצע שטעטל גע־באַקט מצה.

נאָר די בעל־מלאכות זיינען געווען פריי פון דעם. די שוסטער און די שניידער האָבן באַדאַרפט באַשוכן און באַקליידן דאָס גאַנצע שטעטל לכבוד דעם הייליקן יום־טוב, פסח. יאָ, דער שמיד אויך. אַ שמיד, ווי באַוואוסט, האָט כסדר צו טאָן מיט גוים און גוים דאַרפן ערב־פסח האָבן אַקער־אייזנס, צו אַקערן די ערד. פאַרן שמיד איז אויך דער טאָג געווען צו קורץ און ער האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון זיין קוזניע און זיין קאָוואַדלע.

אַלע איבעריקע אין שטעטל האָבן אָבער קיין אַנדער זאַך ניט געטאָן, ווי באַקן מצה.

דאָס מצה־באַקן האָט געדויערט אַ קיילעכדיקע וואָך. עס האָט זיך אָנגעהויבן זונטיק און האָט זיך פאַרענדיקט דאָנערשטיק, ווען די ווייבער האָבן זיך געמוזט נעמען גרייטן דעם שבת.

די וואָך פון מצה־באַקן איז געווען אַ וואָך פון פרייד אין שטעטל — אַ פרייד פון אַרבעט. אַלע זיינען געווען פאַרנומען, פון קליין ביז גרויס, אַלע האָבן זיך געפילט ניצלעך און וויכטיק.

מער פון אַלעמען האָבן זיך געפרייט די חדר־אינגלעך. עס איז געווען אַ בין־הזמנים וואָך, ווען אַלע אינגלעך זיינען געווען פריי פון חדר און האָבן ניט געהאַט וואָס צו טאָן מיט זיך.

דער חדר איז ניט געווען איבעריק ליב — דאָס ווייסן אַלע. גיי פאַר־ברענג אַ גאַנצן טאָג אויף אַזעלכע האַרבע ענינים, ווי „ביצה שנולדה ביום טוב", אָדער „שנים אוחזין בטלית", אָדער "שור שנגח את הפרה" ? אוודאי זיינען דאָס געווען זייער וויכטיקע פראַגן, אָבער ווען זיינען זיי געקראָכן אין קאָפּ אַריין ? דער קאָפּ פון דעם חדר־אינגל איז געלעגן ערגעץ אַנדערש־וואו — אויפן טייך, אויפן גליטש, אָדער אויף שיפלעך, אָדער גאָר ביי אייזיק

דעם שמיד אין קוזניע, אָדער ביי יודע דעם אַלטנס פלויט, וואו עס האָט זיך אַלעמאָל עפּעס געטאָן און גערודערט. עס פלעגט דעריבער טרעפן גאַנץ אָפט, אַז ווען אַ אינגל האָט זיך געשאָקלט איבער דער גמרא, זאָלן זיינע מחשבות אַוועקפליען אין דרויסן און ער זאָל אפילו ניט וויסן, וואו ער האַלט, ווען דער מלמד זאָל אים פרעגן.

און די מלמדים האָבן געפרעגט. זיי האָבן געהאַלטן אַ שאַרף אויג אויף די אינגלעך און אַכטונג געגעבן, אַז זייערע קעפּ זאָלן זיין דאָרט, וואו זייער גוף איז געווען — אין חדר. אַז אַ מלמד האָט באַמערקט, אַז אַ אינגלס קאָפּ האָט אַוועקגעוואַנדערט אין דער פרעמד האָט גלייך אָפּגע־הילכט אַ פּאַטש פון ביינערדיקע פינגער. דאָס איז געווען צו דערמאָנען דעם אינגל, אַז זיין קאָפּ באַדאַרף זיין, וואו ער האָט געזאָלט זיין — ביי דער גמרא, ביים חומש, אָדער תנ״ך.

דאָס איז געווען דער חדר.

דער בין־הזמנים איז אויך ניט געווען אַ סך בעסער.

אַ גאַנצן זמן האָבן די אינגלעך געוואַרט און געהאָפט אויפן בין־הזמנים. עפּעס אַ קלייניקייט — פּטור ווערן פון רבין, פון דעם פאַרשטיקטן חדר און פון די שווערע, אומאינטערעסאַנטע למודים!

אָבער אַז דער בין־הזמנים איז שוין געקומען האָבן די אינגלעך ערשט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. דאָס הייסט, זיי וואָלטן יאָ געוואוסט, ווען מען לאָזט זיי, אָבער מען האָט ניט געלאָזט.

בין־הזמנים האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די שטרענגע השגחה פון טאַטע־מאַמע. מען האָט זיי באַדאַרפט אָפּגעבן דין־וחשבון פאַר יעדן טריט, פאַר יעדער מינוט און רגע. עס איז אויסגעקומען — פון איין גלות אַרויס און אין דעם אַנדערן אַריין.

די וואָך פון מצה־באַקן איז פאַר די חדר־אינגלעך דעריבער געווען אַ גרויסע דערלייזונג. זיי האָבן קיין חשבון ניט באַדאַרפט אָפּגעבן. זיי האָבן געהאָלפן באַקן מצות.

עס איז געווען אַ טאָפּלטע באַפרידיקונג — אי זיין פריי פון דעם טאַטע־מאַמע גלות און אי זיין ניצלעך. דאָס האָט זיי געמאַכט פילן וויכטיק, אָדער לכל הפחות ניט איבעריק. געוויינלעך האָבן טאַטע־מאַמע כסדר זיי געלאָזט פילן, אַז זיי זיינען אַן אָנשיקעניש אויף זייערע קעפּ.

אין דער וואָך פון מצה־באַקן האָבן אַלע אינגלעך געהאַט וואָס צו טאָן — קליין ווי גרויס. יעדער איינער האָט, נאָך זיין עלטער נאָך, געהאַט אַ

באַזונדער עובדה. דאָס איז שוין געווען באַשטימט פון דור־דורות — אַ מנהג, וואָס מען האָט ניט געקענט ברעכן.

די אינגלעך אַליין האָבן שטרענג אָפּגעהיט דעם מנהג. די עלטערע האָבן ניט צוגעלאָזט די קלענערע צו די פּאָזיציעס, וואָס זיינען געווען פאַר די עלטערע באַשטימט. יעדער אינגל האָט זיך באַדאַרפט אויסדינען, איידער ער האָט געקענט שטייגן צו אַ העכערן ראַנג.

אַ דרדקי־אינגל האָט געמוזט אָנהויבן פון מעל־שיטן. די צווייטע מדרגה איז שוין געווען — גיסן וואַסער. דאָס איז שוין געווען אַ ריינערע און אַ גרינגערע עובדה. דער וואַסער־גיסער איז שוין ניט געווען אַזוי צוגעשמידט צום פּלאַץ, ווי דער מעל־שיטער. דער וואַסער־גיסער האָט געקענט וואַרפן אַ בליק אין דער גרויסער שטוב, וואו די מיידלעך האָבן געוועלגערט די מצה, אָדער אפילו צום פּלאַקערדיקן אויוון, וואו די מצה האָט זיך געבאַקט. דער מעל־שיטער, אָבער, האָט די גאַנצע צייט באַדאַרפט זיצן אַרום דער קנעטערין, אויסגעשמירט, ווי גרויס ער איז, אין מעל, און האָט זיך ניט געטאָרט רירן פון אָרט. ער האָט געקענט גלייך חמצדיק ווערן און ניט נאָר ער אַליין — נאָר די גאַנצע בעקעריי חמצדיק מאַכן. עפּעס אַ קליייניקייט — אַ מעל־שיטער! עס איז ניט קיין גרויסע אַרבעט, אָבער דערפאַר זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכע.

דערפאַר אָבער זייער אַ נודנע און נאָר די גאָר קליינע אינגלעך, וואָס מען האָט צו קיין אַנדער זאַך ניט צוגעלאָזט, האָבן זיך צו דעם גענומען — אַלץ בעסער ווי גאָרנישט.

נו, געוויס, זיי האָבן דאָס ניט געטאָן אומזיסט. דער מעל־שיטער איז געווען פון די עטלעכע באַצאָלטע אַרבעטער ביים מצה־באַקן. מען האָט אים געצאָלט ניט מיט געלט, נאָר מיט ניס אויף פּסח. מען האָט עס אים געמוזט צוזאָגן און נאָך דעם האָט ער שוין דאָס אויפגעמאָנט. ער פלעגט זיך ניט פוילן. ער פלעגט גיין אַזוי לאַנג מאָנען, ביז ער האָט אויפגעמאָנט. אָבער די ניס זיינען ניט געווען די הויפּט־זאַך. די הויפּט־זאַך איז געווען די האָפנונג, אַז ער וועט זיך מיט דער צייט דערדינען צו עפּעס בעסערס און עפּעס העכערס.

די גרעסטע אינגלשע מדרגה אין מצה־באַקן איז געווען דאָס רעדלען. יעדער אינגל, אַזוי גיך ווי ער איז איבערגעוואַקסן דעם מעל־שיטן און וואַסער־גיסן עלטער האָט זיך געריסן צום רעדל. דער חסרון איז נאָר געווען, וואָס עס זיינען געווען מער אינגלעך, ווי רעדלעך.

אָך, דער רעדל — וויפיל קינדערשע טרערן ער האָט פאַרגאָסן!

דער רעדל — דאָס איז געווען די העכסטע אמביציע פון אַלע פּאָר בר־מצוה אינגלעך אין דער וואָך פון מצה־באַקן.

דאָס מיינט נאָך ניט, אַז די בר־מצוה אינגלעך האָבן שוין דעם רעדל אויפגעגעבן — ווייט דערפון. דאָס מיינט נאָר, אַז אַלע פּאָר בר־מצוה אינגלעך האָבן זיך צום רעדל זייער שטאַרק געריסן.

און ווייל מען האָט זיך צו אים זייער שטאַרק געריסן האָט מען דעם רעדל קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט. איר האָט קיינמאָל ניט געקענט זען, אַז אַ רעדל זאָל ליגן פריי. ער איז אַלעמאָל געווען אין אַן אינגלשער האַנט.

ווען אַ קלענערער אינגל האָט זיך אַמאָל איינגעבעטן ביי אַן עלטערן, אַז ער זאָל אים כאָטש איינמאָל לאָזן אַ רעדל טאָן, האָט אים דער עלטערער דערלויבט צו האַלטן דעם רעדל נאָר פון אויבן ביים הענטל און אַליין האָט ער אים געהאַלטן פון אונטן. פון האַנט האָט ער אים ניט אַרויסגעלאָזט — דאָס איז געווען אַ חוק ולא יעבור.

דער רעדלער איז געווען זייער אַ וויכטיק שרייפל אין דער גרויסער און קאָמפּליצירטער מאַשין פון מצה־באַקן. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומלויפן. ער איז געווען דער פאַרמיטלער צווישן די מצה־וועלגערינס און דעם מצה־זעצער. ער האָט באַדאַרפט זען, אַז דער אויוון זאָל ניט שטיין ליידיק. אויב עס איז ניט געווען קיין מצה צום זעצן אין אויוון האָט דער רעדלער באַדאַרפט — שרייען. דאָס שרייען איז אויך געווען אַ טייל פון זיין עובדה. דער עיקר איז אָבער געווען דאָס רעדלען גופא.

עס זיינען געווען רעדלער — קינסטלער, ווירטואָזן אין דעם פאַך. זיי האָבן איך געקענט אויסרעדלען אַ „כשר לפסח", ווי געדרוקט. יעדער רעדלער האָט אָבער באַדאַרפט קענען אויסרעדלען אַ „מגן דוד" מיט זעקס שפּיצן, אַז ניט איז ער געווען אַ קאַליקע און ניט קיין רעדלער.

מער פון אַלץ האָט זיך געפאָדערט פון רעדלער — שנעלקייט. אַן אויסגעוועלגערטע מצה טאָר לאַנג ניט ליגן אויפן רעדלער־טיש, אַז ניט ווערט זי חמצדיק. אויב אַ אינגל איז ניט געווען שנעל גענוג איז ער געפּסלט געוואָרן און קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן.

דאָס שטעטל איז געווען אַ פרומע און גאָטספאַרכטיקע. עס האָט זייער שטרענג אָפּגעהיט אַלע אידישע דינים און פון חמץ האָט עס זיך געהיט ווי פון טרפה.

דאָס שטעטל האָט געהאַלטן אין איין כשרן זיך לכבוד פּסח. עס האָט געכשרט די אויוונס, די בענקלעך, די טישן, די קופּערנע כלים און די לעפל.ביים מצה־באַקן האָט זי אַלע ווילע געכשרט די קאַטשעלקעס מיט די וועלגער־טישן. מען האָט אָט די מכשירים ·געהאַלטן אין איין שאָבן מיט געבראָכענעם גלאָז.

מיט יאָרן צוריק האָט דאָס שטעטל אפילו געכשרט די וואַסער־מיל, וואו מען האָט געמאָלן די פּסחדיקע מעל. דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען מען האָט נאָך ניט געקענט קריגן קיין געביילטלטע, ווייסע מעל, כשר לפּסח, פון בראָדסקיס וואַלץ־מילן אין קיעוו. דעמאָלט האָט דאָס שטעטל אַליין געשניטן דעם ווייץ אויפן פעלד, אים געטריקנט אויף דער זון און אויסגעהיט אַז עס זאָל חלילה ניט פאַלן אויפן ווייץ אַ טראָפּן רעגן. שפּעטער איז דאָס שוין ניט געווען נויטיק. בראָדסקי און ביעמעץ האָבן שוין באַזאָרגט דאָס אידישע פאָלק מיט מצה־מעל אונטער דער השגחה פון רבנים. אָבער איבער דעם כשרות פון מצה־באַקן האָט דאָס שטעטל אַליין באַדאַרפט זאָרגן און איז געווען זייער שטרענג אין דעם.

דעם מצה־טייג האָט מען געקנאָטן אין אַ באַזונדער אַלקער, וואָס איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ ווייסער ליילעך. די קנעטערין האָט ניט געטאָרט אַריינגיין אין שטוב, וואו מען האָט געוועלגערט די מצות. ווען זי איז פאַר־טיק געוואָרן מיט דער „מיירע" האָט זי אויסגעשריען און דער "מיירע"־האַלטער, געווײנלעך אַ גמרא־אינגל, וואָס איז נאָך ניט דערוואַקסן צו ווערן אַ רעדלער, פלעגט אַרויסקומען און באַגעגענען זי העלפט־וועג און צונעמ־מען די „מיירע" פון אירע הענט. דאָס איז אַלץ געטאָן געוואָרן כדי צו פאַרהיטן די סכנה פון חמץ. פאַר חמץ, האָבן אַלע געוואוסט — קומט כרת יאָרן און ווער וויל דאָס אַוועק פאַר דער צייט פון דער וועלט?

אָבער ניט קוקנדיק אויף דער גאַנצער שטרענגקייט און אָפּגעהיטקייט איז דאָס מצה־באַקן געווען זייער אַ פריילעכע זאַך אין שטעטל. דאָס מצה־באַקן האָט פאַראייניקט דאָס שטעטל. מען האָט געבאַקט אין קהל — איינער האָט געהאָלפן דעם אַנדערן. מיידלעך מיט בחורים האָבן זיך געקענט פריי אויסמישן. מען האָט געלאַכט, געשפּאַסט און אפילו געזונגען.

עס איז געווען אַ שווערע אַרבעט, אָבער אַ פריילעכע — אַן אמתער יום־טוב פון אַרבעט.

פופצנטער קאַפּיטל

אַ מצה־בעקעריי אין שטעטל האָט געהייסן „פּאָדריאַד" און דער בעס־טער „פּאָדריאַד" אין שטעטל איז געווען ביי נחמנען דעם סטאָליאַר.

ער איז ניט געווען דער גרעסטער — ניין. ביי משה נאָטע דעם גאַרבער איז געווען אַ גרעסערער. ביי משה נאָטען האָט געבאַקט מצות אפשר אַ האַלבע שטעטל.

ער איז אויך ניט געווען דער קלענסטער, ווייל עס זיינען געווען קלע־נערע פון אים, ווי, למשל, ביי אברהם יאַנקלען דעם מילנער, וואו עס האָבן געבאַקן נאָר די גרעסטע אָרימעלייט אין שטעטל.

נחמנס „פּאָדריאַד" איז געווען דער בעסטער און דער שענסטער צוליב צוויי טעמים. דער בעסטער דערפאַר, ווייל דאָרט האָט געבאַקט מצות ר' זישעלע אַליין און במילא איז אויסגעקומען, אַז דאָרט האָט מען מקפּיד געווען אויף כשרות אַ סך שטרענגער, ווי אַנדערשוואו. דער שענסטער איז ער געווען, ווייל ער איז געווען ביי נחמן דעם סטאָליאַר אין שטוב.

נחמן דעם סטאָליאַרס שטוב איז ניט געווען קיין גרויסע, אָבער דערפאַר אַ שיינע. ער האָט זי אַליין געבויט און האָט זי אָוועקגעשטעלט אויף הויכע סטאַנדאַרעס. אַריינגיין אין שטוב האָט מען באַדאַרפט איבער אַ הויכן גאַניק, מיט טרעפּ.

גלייך ביים אַריינגאַנג איז געווען די קיך און אויך נחמנס ווערקשטאַט. די גרויסע שטוב, וואו די פאַמיליע האָט געלעבט, האָט אַרויסגעקוקט אין אַ גאָרטן און ס'איז דאָרט אַלעמאָל געווען ליכטיק און זוניק, סיידן עס האָט געגאָסן אַ רעגן, אָדער געשאָטן אַ שניי. אין אָט דער שטוב איז געווען אַ מחיה צו וועלגערן מצות.

נחמן דער סטאָליאַר האָט געהאַט די בעסטע מכשירים פאַר מצה־באַקן. זיינע קאַטשעלקעס זיינען אַלעמאָל געווען דיקע און שווערע, געמאַכט פון

אַלכע־האַלץ. זיי האָבן געוועלגערט פון זיך אַליין. מען האָט אויף זיי ניט באַדאַרפט זיך אָנלייגן. אַזוי פלעגן זאָגן די מיידלעך.

נחמן האָט אויך געהאַט ביי זיך אַלעמאָל אַ גרויסן זאַפּאַס פון ברעטער. אָט די ברעטער פלעגט ער אָפּהובלען מיט זיינע הובלס, פלעגט זיי אויס־לייגן פאַר טישן און פון זיי האָט געשמעקט מיט פרישקייט און עס האָט פון זיי געגלאַנצט מיט ריינקייט. ר׳ זישעלע פלעגט זאָגן, אַז פאַר זיינע ברעטער אַליין קומט נחמנען אַ חלק לעולם הבא.

נחמן איז געווען אַ איד אַ שטרענגער, אַ בייזער, מיט אַ פּאָר אויגן, ווי ביי אַ גזלן. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ שטים פון אַ לייב און אַ האַנט פון אַ בער. יעדער פינגער זיינער איז געווען גראָב ווי אַ קלאָץ און שווער ווי אַ שטיין. ווען ער האָט אויפגעהויבן אַ קול איז איינגעפאַלן דער מאַמעס מילך און ווען ער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט —

אָבער קיינער האָט ניט געוואַרט ביז וואַנען נחמן וועט אויפהויבן אַ האַנט. עס איז געווען גענוג, אַז ער זאָל נאָר אויפהויבן דאָס קול און אַלע זאָלן אים אָפּטרעטן דעם וועג. ווער האָט עס געוואָלט איינשטעלן דאָס לעבן?

געוועזן איז ער אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, וואָס האָט אָפּגעדינט פאַניען גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר. הינטער די אויגן פלעגן אידן צווישן זיך רעדן: „אַ חידוש אַ גרויסער, וואָס ער איז אַזאַ גבור — ווייניק חזיר־מלעך ליגן אין אים״? אין די אויגן, פאַרשטייט זיך, האָט קיינער ניט געוואָגט צו געבן אפילו די קלענסטע אָנצוהערעניש וועגן דעם. ווער האָט עס געוואָלט אַריינפאַלן צו נחמנען אין מויל און אַ פּשיטא אונטער זיין האַנט?

געקומען איז ער אין שטעטל נאָך מיט יאָרן צוריק, באַלד נאָך דער דינסט, און געבראַכט מיט זיך אַ ווייב און עטלעכע קינדער.

זיין ווייב איז געווען אַ סך אַנדערש פון אַלע אידישע ווייבער. זי איז געווען קליין, דין, ציכטיק און דערצו האָט זי גערעדט עפּעס אַ מאָדנעם אידיש. אויף צוקער האָט זי געזאָגט „שוגאַר״ און וועטשערע האָט זי גע־רופן — „אַבענד־ברויט״. איר אויסזען און איר מאָדנער רעדן האָט אויף די קליינשטעטלדיקע געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זי איז גאָר ניט קיין אי־דישע. רכילות־טרייבער האָבן אָנגעהויבן שמועסן, אַז זי איז גאָר אַ גויע, וואָס האָט זיך מגייר געווען. די רייד זיינען אָנגעקומען צו נחמנען און דאָס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. ער איז אַוועק מיט אַ קלאָגע צו ר׳ זי־שעלען, למאי מען האָט אויסגעטראַכט אַ שם רע אויף אים און זיין ווייב.

— אַ גויע גאַר! — האָט נחמן געדונערט און האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, ווי ביי אַ גזלן, — מער פעלט אים ניט, ווי נאָר אַ גויע! ווייניק עבירות איז ער באַגאַנגען אָן דעם — מחלל שבת געווען, געגעסן טרפה, ניט געדאַווענט און ניט געלייגט קיין תפילין. אַנשטאָט דינען גאָט, ווי יעדער איד דאַרף טאָן, האָט ער גאַר געדינט פּאַניען. אַ גויע פעלט אים נאָך!

ר' זישעלע האָט אים באַרואיקט. ער האָט אים פאַרזיכערט אַז פאַר זיינע עבירות וועט אים גאָט ניט שטראָפן. ער איז זיי באַגאַנגען בשוגג און ניט במזיד. אַ איד איז נעבעך אַריינגעפאַלן אין גויאישע הענט, וואָס האָט ער געקענט טאָן? אַבי ער איז איצטער אַ גוטער און פרומער איד, וועט אים שוין גאָט מוחל זיין פאַר אַלץ און זיין שכר אויף יענער וועלט וועט זיין טאָפּלט גרויס.

דעמאָלט האָט נחמן דערציילט פון וואַנען עס נעמט זיך צו זיין וויב איר מאָדנער לשון. זי איז אַ קורלענדערין, קומט פון קורלאַנד, וואו אַלע אידן רעדן אַזוי. ער האָט דאָרטן געדינט, האָט זיך דאָרטן מיט איר באַקענט און דאָרטן מיט איר חתונה געהאַט מיט חופה און קדושין.

די אידן אין שטעטל האָט זיך דאָס עפּעס ניט געגלויבט. וואָס, קור־לאַנד, גאָר? זיי האָבן אויף זייער לעבן ניט געהערט פון אַזאַ אָרט. נחמן האָט זיך אָבער געשוואוירן מיט טויטע שבועות און מען האָט אים געמוזט גלויבן.

דאָס איז אָבער געווען אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, באַלד ווי נחמן איז אָנגעקומען אין שטעטל. מיט דער צייט האָט זיך נחמן איינגעזעסן, געוואָרן אַ תושב און אַ שטאָט־באַלעבאָס, מיט אַ דעה אין בית־מדרש און, להבדיל, אין באָד. דער אינגערער דור האָט פון דער גאַנצער מעשה ניט געוואוסט און די עלטערע האָבן מורא געהאַט דאָס אַרויפצוברענגען אויף די ליפּן, נחמן זאָל זיך חלילה ניט דערוויסן. מער וואָלט זיי ניט געפעלט!

נחמן האָט זיך געהאַלטן אַביסעלע פונדערווייטנס פון די איבעריקע אידן. ווי אַלע אידן, וואָס לעבן אַ צייט לאַנג צווישן גוים, האָט נחמן ניט געקענט פאַרטראָגן אַ סך אידישע גאַנגען. ער איז געווען אַ מענטש פון דיסציפּלין, האָט געפאָדערט רעספּעקט פאַר עלטערע און העכערע — פּאַניעס תורה פאַרגעסט זיך ניט אַזוי גיך.

די אינגלעך אין שטעטל האָבן פאַר נחמנען געציטערט ווי פאַר פייער. עס איז געווען גענוג, אַז ער זאָל אָנשטעלן אויף זיי זיינע גזלנישע אויגן

און זיי פלעגן אַנטלויפן, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. ער האָט די אינגלעך ניט געלאָזט זיך צורירן צו זיינע סטאַליאַרסקע געצייג.

אָבער אַזוי שטאַרק ווי די אינגלעך האָבן מורא געהאַט פאַר אים, אַזוי שטאַרק האָט זיי געצויגן צו אים. גאַנץ אָפט האָט זיך געמאַכט, אַז אַ אינגל, גייענדיק אין חדר אָדער פון חדר, זאָל זיך אָפּשטעלן אַ ווײַלע אַרום נחמנס שטוב און קוקן ווי די סטרוזשקעס פליען פון זיין הובל. מער פון אַלץ האָבן זיי ליב געהאַט צוקוקן, ווי נחמן אַרבעט מיט זיין אַפּענגאַנעק. דאָס איז געווען אַ לאַנגער הובל און די סטרוזשקעס, וואָס ער פלעגט אַרויס־געבן, זיינען געווען לאַנגע, דינע, געקרויזטע, ווי לאַנגע פאות. אינגלעך האָבן ליב געהאַט אָט די סטרוזשקעס אונטעררוקן אונטערן היטל און לאָזן זיי אַראָפּהענגען, ווי לאַנגע געקרויזטע פאות, ווי ביי אַ גוטן אידן.

די לעצטע יאָרן האָט נחמן שוין ווייניק וואָס געאַרבעט. ער איז שוין געווען אַלט און זיינע ביינער האָבן אים וויי געטאָן. געאַרבעט מיט די הובלס, מיט די דלאָטעס און די זעגן האָבן זיינע פיר זין — אַלע געזונטע פעסטע יונגען. נחמן אַליין פלעגט נאָר מעסטן און צייכנען.

ווען עס איז אָבער געקומען די צייט פון מצה־באַקן פלעגט נחמן פאַר־געסן זיינע יאָרן און זיינע אַלטע ביינער און פלעגט זיך נעמען גאַנץ גע־שמאַק צו דער אַרבעט. דאָס איז געווען אַ מצוה און נחמן האָט געוואָלט זיך אָנגרייטן מיט וואָס מער מצוות פאַר יענער וועלט. ער האָט דאָך געהאַט אויף זיך אַזאַ גרויסן פּאַק עבירות!

דעמאָלט איז ער אויך געווען זייער געדולדיק צו די אינגלעך. ער האָט זיי ניט געטריבן פון זיך און אפילו ניט אָנגעשטעלט אויף זיי זיינע גרויסע גזלנישע אויגן. די אינגלעך האָבן געקענט קוקן מיטביידע אויגן, ווי אַזוי נחמן הובלט די קאַטשעלקעס און ווי אַזוי די דינע, זייד־איידעלע סטרוזשקעס פליען פון זיין הובל.

מער פון אַלץ האָבן די אינגלעך ליב געהאַט צוצוקוקן, ווי אַזוי נחמן פיילט אויס דאָס רעדל. יעדן יאָר האָט ער באַדאַרפט מאַכן אַ ניי רעדל — דאָס איז שוין געווען אַ חוק אַזאַ. ער פלעגט נעמען אַן אַלטן קופּער־נעם דרייער, אַוועקלייגן אים אויפן „אָבוד“ פון אַ האַק און מיט אַ האַמער אים אַרומשמידן ביי די זייטן ביז ער פלעגט זיך אויסציען און ווערן דין. די שוחטקע פלעגט אים צושטעלן אָט די דרייערס — דאָס איז געווען איר מצוה. נאָך דעם ערשט פלעגט נחמן אָנטאָן זיינע שפּאַקולן, אַריינ־

שרויפן דעם אויסגעצויגענעם דרייער אין אַ שרויף און זיך אָוועקזעצן פּיילן.

די אַרבעט איז געווען אַ לאַנגע און אַ שווערע, אָבער ניט נחמן און ניט די אינגלעך פלעגן מיד ווערן. די אינגלעך האָבן געציילט יעדן נייעם ציינדל — „נאָך אַ ציינדל, נאָך אַ ציינדל", פלעגן זיי איינער דעם אַנדערן איבערגעבן. זיי האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט ביז וואַנען אַלע ציינדלעך זיינען אויסגעפיילט געוואָרן. דער לעצטער ציינדל פלעגט אַלעמאָל ביי נחמנען אַרויסקומען אַ קליינער — אַזוי פלעגט אַרויסקומען. ווען עס פלעגט קומען צום סוף פלעגט זיך אַרויסצייגן אַז עס איז געבליבן צופיל פון דעם דרייער פאַר איין ציינדל און צו ווייניק פאַר צוויי. נחמן פלעגט דאַן מאַכן אַ פּשרה. ער פלעגט מאַכן איינעם אַ גרויסן און איינעם אַ קליין ציינדל. אַלע נחמנס רעדלעך האָבן געהאַט אַ קליין ציינדל און דאָס האָט זיי צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן.

און אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן פּיילן האָט נחמן זיך גענומען מאַכן אַ הענטל צום רעדל. ער האָט גענומען אַ טרוקן שטיקל האָלץ, עס פאַרשניצט פון אויבן און געמאַכט אַ שניט פון אונטן און עס איז אַרויס־געקומען אַ הענטל. באַלד נאָך דעם האָט ער אויסגעהאַקט אַ לאָך אין מיטן פון דעם רעדל און אים אַריינגעזעצט אין הענטל, אויף אַ דין טשוועקל. דאָס רעדל איז דאַן געווען פאַרטיק.

די אינגלעך איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות. זיי האָבן געוואָרט אויף דעם מאָמענט מיט דעם גרעסטן אומגעדולד. די מער געוואַגטע פון זיי פלעגן ניט אויסהאַלטן און פלעגן זיך אָנהויבן בעטן:

— ר׳ נחמן, איין ווייליקע — גיט נאָר אַ קוק טאָן!

נחמן פלעגט אפילו ניט ענטפערן. ער האָט ניט געהאַט קיין צייט און קיין געדולד פאַר נאַרישקייטן. אַ רעדל האָט ער געמאַכט ניט פאַר שפּילן זיך. ער פלעגט זיך אויפהויבן, צוגיין צו דער העכסטער פּאָליצע און דאָרט אָוועקלייגן דאָס רעדל, מיט די גלאַנצנדיקע ציינדלעך צו דער וועלט — אויף צעפּוקעניש אַלע אינגלעך.

דאָס רעדל פלעגט אַרונטערקומען פון זיינע הויכן ערשט אין דער ריכטיקער צייט, ווען מען האָט עס באַדאַרפט. אפילו דער באַשטימטער רעדלער האָט עס אַ מינוט פריער ניט געקענט קריגן.

די ריכטיקע צייט איז געווען, ווען מען האָט דערלאַנגט די ערשטע אויסגעוועלגערטע מצה צום רעדלער־טיש. דאַן פלעגט נחמן אַליין צוגיין

צו דער פּאָליצע, אַרונטערנעמען דאָס רעדל און אַפּריער אַליין עס אויס־פּרובירן צי עס רעדלט, ווי עס באַדאַרף צו זיין. ערשט דעמאָלט האָט ער איבערגעגעבן דאָס רעדל צו דעם באַשטימטן רעדלער — ניט פריער.

אַזאַ מענטש איז געווען נחמן — אַ מענטש פון אייזערנער דיסציפּלין און שטרענגער אָרדנונג.

ניט אומזיסט האָט ער געדינט ביי פּאָניען גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר.

זעכצנטער קאַפּיטל

אויף מאָרגן האָבן בערעלע מיט לייבעלען זיך געפעדערט אויפצושטיין אַ סך פריער ווי געוויינלעך. זיי האָבן אויף גיך אָפּגעדאַוונט דעם דאַוונען — דאָס האָבן זיי ניט געטאָרט פאַרפעלן — און נאָך גיכער האָבן זיי אָפּגעזופּט דעם אָנבייסן, און גלייך אַוועקגעלאָפן צו זייערע „פּאַדריאַדן". בערעלע האָט זיך נאָר פאַרגונען צו שפּילן זיך מיט זיין ווייסער ציגעלע בשעתן עסן אָנבייסן. באַלד נאָך דעם האָט ער זי פאַרטריבן אונטער זיין מאַמעס בעט און איר אָנגעזאָגט אויף אַ שטרענגען אופן, אַז זי זאָל זיך ניט דערוואַגן אַרויס אין דרויסן. אין אַ רגע איז ער שוין געווען אויף יענער זייט טיר.

ביידע אינגלעך האָבן שוין אינגאַנצן פאַרגעסן זייער נעכטיקן געשלעג, זייער באַהאַלטן זיך פון טאַטע־מאַמע און שפּעטער — די מורא פאַר דער שטראָף. זייער קאָפּ איז געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש. זיי האָבן געפלאַקערט מיט אַמביציע.

זיי זיינען געווען ביידע — קאַנדידאַטן אויף רעדלער.

דאָס מיינט ניט, אַז זיי זיינען שוין געווען זיכער צו ווערן רעדלער. אַ, ניין — גאַנץ וועיט דערפון! דאָס מיינט נאָר, אַז ביידע האָבן געפילט, אַז זיי האָבן שוין דאָס פולע רעכט צו מאָנען דאָס רעדל.

דאָס רעדל איז מער פון אַלץ געווען אַ מזל־זאַך. אַמאָל איז געווען שווער צו אים צוקומען, אַמאָל גרינגער און אַמאָל האָט מען גאָר אינגאַנצן ניט געקענט צו אים צוקומען. עס האָט זיך געווענדט אָן דעם, וויפיל אינגלעך עס זיינען געווען צוגעבונדן צו אַ „פּאַדריאַד". וואָס מער אינגלעך, אַלץ שווערער איז געווען צוקומען צום רעדל.

שווערער, ווי אומעטום, איז געווען צוקומען צום רעדל אין נחמן דעם סטאָליאַרס פּאַדריאַד. נחמן האָט געהאַט פיר זין און יעדער איינער פון זיי האָט זיין צייט געמוזט אָפּרעדלען. אַזוי גיך ווי איינער איז איבערגע־

וואַקסן דאָס רעדל איז גלייך אונטערגעוואַקסן אַ צווייטער, וואָס האָט איבער־געגומען ביי אים די רעדל־ירושה. נחמנס עלטערע זין האָבן זיך שוין אויסגעדינט פאַר סאָלדאַטן, האָבן שוין חתונה געהאַט און אפילו קינדער געהאַט און דאָך איז נחמנס רעדל נאָך אַלץ געווען אין דער אייגענער משפחה. עס איז געווען אין דעם רשות פון זיין אינגסטן זון, אַרטשע, וואָס איז נאָך אַלץ געווען דער ממונה איבערן רעדל ביי נחמנען אין „פּאָדריאַד". אַרטשע איז אָבער געווען אַ גוטער און אַז מען איז צו אים שטאַרק צוגע־שטאַנען האָט מען זיך ביי אים געקענט איינבעטן.

ווען עס וואָלט זיך נאָר געווענדט אָן אַרטשען, וואָלט געווען גאָר גוט. אַרטשע איז ניט נאָר געווען אַ גוטער, נאָר אויך אַ פוילער און עס איז גרינג עפּעס צו פּועלן ביי גוטע, פוילע מענטשן. עס זיינען אָבער געווען עטלעכע אַנדערע בעלנים אויפן רעדל און צווישן זיי טאָקע לייבעלעס צוויי עלטערע ברידער.

לייבעלע האָט פונדעסטוועגן געהאַט האַפנונגען. זיין עלטערער ברו־דער זאַליע, האָט נאָך פאַראַיאָרן זיך אַביסל אָפּגעקילט צום רעדל. ער האָט נאָך אַלץ גערעדלט, אָבער שוין ניט מיט אַזאַ התמדה. ער האָט שוין אָנגעהויבן וואַרפן בליקן אויף מיידלעך און אַ כלל זאָלט איר האָבן, אַז ווען אַ אינגל הויבט אָן וואַרפן בליקן אויף מיידלעך קען שוין אים דאָס רעדל שטאַרק ניט ליגן אין קאָפּ. פאַראַיאָרן האָט זאַליע גערעדלט נאָר פון יוצא וועגן. ער האָט זיך געפונען מער אַרום די וועלגער־טישן, איידער אַרום דעם רעדל־טיש. ער איז געשטאַנען אַרום ביילקען, דעם גבירס טאָכטער, און פאַר איר געקנאַטן טייגלעך. אַ אינגל קען זיך דאָך ניט אָוועקשטעלן אַרום אַ מיידל סתם אין דער וועלט אַריין — ער דאַרף דאָך האָבן אַן אויסרייד.

זיין צווייטער ברודער, נאָמיע, האָט נאָך אויף מיידלעך ניט געקוקט. ער איז געווען פונקט אין דעם עלטער, ווען אַ אינגל קען זיין פאַרליבט אין רעדל ביז צו משוגעת. נאָמיע איז אָבער ניט געווען קיין געוויינלעכער אינגל. ער האָט געהאַט אויף זיך זייער אַ גוטן קאָפּ, מיט אַ שאַרפער תפיסה און איז געווען אַ וואוילער קענער. ער איז געווען דער עילוי פון שטעטל — די קרוין און דער שטאָלץ פון ר' זישעלעס הויז־געזינט.

דאָס איז געווען אַ אינגל, וואָס איז אַלעמאָל געווען פאַרטראַכט אין עפּעס — אין אַ ספר, אין אַ בוך, אָדער גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. „אַ פאַרטראַכטער מלאך", האָט מען אים גערופן. אַז ער האָט זיך פאַר־טראַכט האָט פאַר אים די אַרומיקע וועלט ניט עקזיסטירט. ער איז געווען,

ווי אין שלאָף. מען האָט אים באַדאַרפט וועקן. מען האָט אים אַלעמאָל באַדאַרפט אויפוועקן צום עסן. ווען מען וועקט אים ניט, פלעגט זיך די שוחטקע באַקלאָגן, וואָלט ער אויסגעגאַנגען פון הונגער.

צום רעדל גראָד האָט מען אים ניט באַדאַרפט וועקן. צום רעדל האָט ער געהאַט אַ גאַנץ נאַרמאַלן חשק. צו דעם איז ער געווען אַ קינסטלער אַ רעדלער. זיינע מגן דודס האָבן געהאַט אַ שם. אָבער אפילו ביים רעדלען האָט זיך אָפט געמאַכט, אַז ער זאָל זיך פּלוצלונג פאַרטראַכטן — אַזאַ טבע האָט ער געהאַט. און אַז נאָמיע האָט זיך פאַרטראַכט האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט איינגעשלאָפן שטייענדיק.

מען האָט נאָר באַדאַרפט אָפּהיטן דעם מאָמענט. דאָס איבעריקע איז שוין געווען זייער גרינג. מען האָט נאָר באַדאַרפט צוגיין זייער שטיל — כדי אים ניט אויפוועקן — און אַרויסנעמען דאָס רעדל פון זיין האַנט. נאָמיע האָט זיך ניט געשטעלט אַנטקעגן. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

אַז ער פלעגט זיך אויפכאַפּן פון זיין פאַרטראַכטעניש האָט מען פון אים געקענט קריגן אַ מיאוסן פסק. ער האָט אפילו געקענט דערלאַנגען אין באַק, אָט דער פאַרטראַכטער מלאך. דערוויל אָבער האָט מען געקענט אָפּרעדלען אַ מצה, אָדער צוויי, און וואָס וועט אַ אינגל ניט טאָן פאַר אַזאַ זאַך?

הכלל, לייבעלע האָט געהאַט האָפנונגען און מען קען זאָגן אפילו גאַנץ גוטע האָפנונגען. אָבער אפילו ווען די האָפנונגען וואָלטן געווען אַ סך שוואַכערע, וואָלט ער אויך געווען ביי נחמנען אין „פּאַדריאַד" פון די ערשטע. ער האָט באַדאַרפט זען, ווי אַזוי מען צעשטעלט די טישן, ווי אַזוי מען הובלט אָפּ די קאַטשעלקעס און ווי אַזוי מען הייצט דעם אויוון — ער האָט דאָס ניט געקענט פאַרפעלן.

בערעלע האָט געהאַט מער ווי האָפנונגען — ער האָט געהאַט כמעט ווי אַ צוזאָג פון אברהם יאַנקלען דעם מילנער.

אברהם יאַנקלס „פּאַדריאַד" איז געווען דער אָרימסטער און קלענסטער אין שטעטל. דאָרט האָבן זיך צוזאַמענגענומען עטלעכע פון די אָרימערע פאַמיליעס אין שטעטל, וואָס פלעגן אַלעמאָל בלייבן צום סוף אין די איבעריקע „פּאַדריאַדן" און זייער מצה־באַקן פלעגט זיך דעריבער פאַר־שלעפּן ביזן לעצטן טאָג און אַמאָל ביז שפּעט אין דער נאַכט. זייער מצה פלעגט געבאַקט ווערן אַן אַ טעם און אָן אַ געפיל און פלעגט טאַקע אַזוי

אַרויסקומען — אַרימעלייטסקע מצות. אַט די פאַמיליעס האָבן סוף־כל־סוף רעוואַלטירט און האָבן געמאַכט אַן אייגענעם „פאַדריאַד", ביי אברהם יאַנקלען דעם מילנער.

דער „פאַדריאַד" איז געווען אָרים אין מכשירים און נאָך מער אין מענטשלעכע הענט. עס איז דאָרט געווען אַ גרויסער דוחק אין פרויען און נאָך אַ גרעסערער אין מענער. געבאַקט האָבן דאָרט מיינסטנס בעל־מלאכות און די שוסטער און די שניידער האָבן זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון זייערע קאָפּולעס און שער און אייזנס. ווייבער איז דאָרט אויך געווען ווייניק. די מיינסטע בעל־מלאכות זיינען נאָך געווען יונגעלייט — זיי האָבן געהאַט קינדער, אָבער קליינע.

ביי אברהם יאַנקלען אין „פאַדריאַד" האָט זיך דאָס מצה־באַקן געצויגן ווי פון פעך. עס איז ניט געגאַנגען מיט אַ קנאַק, ווי ביי נחמנען דעם סטאָליאַר. דאָרט האָט מען באַדאַרפט זיך אויסקוקן די אויגן אויף אַ מצה.

אברהם יאַנקל איז געווען כמעט דער איינציקער מאַנסביל אין דעם גאַנצן „פאַדריאַד". אַזאַ אידן, למשל, ווי פישל דוד דעם מלמד, וואָס האָט אפילו ניט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט אָבער ניט געפּאַסט זיך אַרומצודרייען צווישן אַזוי פיל ווייבער. וואָס וועט זאָגן די וועלט? — אַ מלמד דאַרף האַלטן שטאַט! ער פלעגט זיך אַרומדרייען מער אַרום שטוב, ווי אין שטוב. ער פלעגט העלפן אַריינטראָגן האָלץ, אָדער ברענגען מצה־וואַסער — די שטוב אָבער האָט ער אויסגעוויכט.

אברהם יאַנקלען דעם מילנער איז דעריבער אויסגעקומען צו טאָן אַלץ. ער איז געווען דער מצה־זעצער — דאָס איז דאָך אָפּגערעדט. יעדער „פאַדריאַדטשיק" דאַרף זעצן די מצות אין אויוון, אַז ניט איז ער ניט קיין „פאַדריאַדטשיק". ער איז אויך אַליין געווען דער רעדלער, גאַנץ אָפּט. ער האָט אַליין גערעדלט, ווייל עס איז ניט געווען קיין אַנדערער, ווער עס זאָל דאָס טאָן. קינדער פון בעל־מלאכות, ווען זיי דערגרייכן דעם רעדל־עלטער, ווערן שוין אַליין בעל־מלאכות, אָדער לערן־אינגלעך ביי בעל־מלאכות. זיי דאַרפן ערב־פסח העלפן נייען שיך און קליידער פאַר די באַלע־באַטישע קינדער און האָבן קיין צייט ניט פאַרן רעדל.

בערעלע האָט פון דעם געוואוסט און ער האָט זיך נאָך באַצייטנס, מיט אַ פאָר וואָכן פריער, זיך אָנגעבאָטן צו אברהם יאַנקלען אַלס רעדלער. אברהם יאַנקל האָט אים אָנגעקוקט מיט זיינע לאַכעדיקע אויגן און האָט אים אַ קיצל געטאָן אונטערן פּאַכווע.

אזאַ טבע האָט ער געהאַט, אברהם יאַנקל דער מילנער — ער האָט ליב געהאַט קיצלען אינגלעך אונטערן פּאַכווע.

אַ איד איז דאָס געווען אַ גוטמוטיקער, אַ לאַכעדיקער און אַ קיצלער אונטערן פּאַכווע. ווען ער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער מיל איז ער געווען אינגאַנצן ווייס פון מעל, אפילו זיין געלע באָרד און געלע ברעמען זיינען געווען ווייס פון מעל. זיין פּנים האָט אָבער שטענדיק געלאַכט. ווען אַ אינגל איז געקומען צו אים עפּעס פרעגן, אָדער סתם אָנקוקן, ווי אַזוי די מיל־רעדער דרייען זיך, האָט אים אברהם יאַנקל די ערשטע זאַך אַ קיצל געטאָן אונטערן פּאַכווע. אויב דער אינגל איז באַלד ניט אַנטלאָפן האָט ער אים אַ קיצל געטאָן אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל. אברהם יאַנקל איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן פון קיצלען אונטערן פּאַכווע. ער פלעגט זיך אפילו אונטעררגנבענען פון הינטן און אַ קיצל טאָן.

די אינגלעך האָבן דאָס געוואוסט און זיך געהיט פאַר אים. אברהם יאַנקל פלעגט זיי אָבער אַלעמאָל איבערקליגן. ער גייט פאַרביי און קוקט, דאַכט זיך, גאָרניט אויפן אינגל — ער איז פאַרטאָן מיט עפּעס אַנדערש. אָבער פלוצלינג גיט ער זיך אַ דריי ווי אַ קאַץ און איידער דער אינגל האָט צייט זיך אַרומצוקוקן איז ער שוין אַ געקיצלטער.

מען האָט זיך פון אים ניט געקענט אויסהיטן מיט טויזנט אויגן.

— איז וואָס זאָגסטו ? — האָט אברהם יאַנקל איבערגעפרעגט בע־רעלען, ווען יענער איז אָפּגעשפּרונגען פון אים נאָכן ערשטן קיצל אונטער דער פּאַכווע, — דו ווילסט זיין אַ רעדלער ?

— יאָ, ר׳ אברהם יאַנקל, — האָט בערעלע אַנטשלאָסן געענטפערט.

—טאָ קום צו אַביסל נעענטער, — האָט זיך אברהם יאַנקל מיט אים גערייצט, — לאָמיך דיך בעסער אָנקוקן.

בערעלע האָט פאָרזיכטיק געמאַכט איין טריט אין פאָראויס, האַלטנ־דיק אַ שאַרף אויג אויף אברהם יאַנקלס רעכטע האַנט, מיט וועלכער ער האָט געקיצלט אונטער דער פּאַכווע. בשעת־מעשה האָט אָבער אברהם יאַנקל אָנגעשטעלט אַן אויער, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צום גערויש פון זיינע רעדער, אַזוי ווי עפּעס וואָלט זיך צעבראָכן. בערעלע האָט אַראָפּ־גענומען זיין אויג פון אברהם יאַנקלס האַנט און האָט זי אָנגעשטעלט אויף זיין אויער. מער האָט אברהם יאַנקל ניט באַדאַרפט. איין אויגנבליק און בערעלע איז נאָכאַמאָל אָפּגעשפּרונגען אַ געקיצלטער.

באלד אָבער האָט אברהם יאַנקל צוריק געווענדט זיין פּנים צו בע־רעלען, אַזוי ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען, און האָט צו אים ווייטער געזאָגט:

— נו, פאַרוואָס שטייסטו? פאַרוואָס קומסטו ניט צו? איך וויל דיך אָנקוקן!

אַ ווײַלע איז בערעלע געשטאַנען אומאַנטשלאָסן. ער האָט זייער מורא געהאַט פאַר קיצלען, אָבער דער חשק צום רעדל האָט גובר געווען. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט זיך ווידער דערנעענטערט אויף אַ טריט. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט זיך בעסער היטן פאַר אברהם יאַנקלס שמד־שטיק. חוץ דעם האָט ער זיך אויך באַוואָרנט — אַזוי האָט ער געמיינט. ער האָט צוגעדריקט די הענט שטייף צו ביידע זייטן און דערמיט באַשיצט די פּאַכוועס. אברהם יאַנקלס פּנים איז אויך געוואָרן ערנסטער. דאָס האָט נאָך מער דערמוטיקט בערעלען. ער האָט געמיינט, אַז אברהם יאַנקל איז שוין פאַרטיק געוואָרן מיטן שטיפן.

— ווילסט ווערן אַ רעדלער? — האָט אברהם יאַנקל איבערגעפרעגט.

— יאָ, — האָט בערעלע געענטפערט ערנסט.

— קענסט רעדלען?

— יאָ.

—נו, באַווייז, ווי אַזוי מען רעדלט.

בערעלען איז געוואָרן פאַרדעכטיק. ער האָט דערפילט אַ נייע פּאַסטקע. ער האָט אָבער אויך ניט געקענט איבערלאָזן דעם איינדרוק, אַז ער ווייסט ניט ווי צו רעדלען. צודריקנדיק די הענט נאָך שטייפער צו די זייטן האָט ער ניט זיכער אַ פרעג געטאָן:

—אויף וואָס?

— אויף גאַרנישט, אויף דער לופט, — האָט אברהם יאַנקל רואיק געענטפערט.

עס איז ניט געבליבן קיין אַנדער ברירה. בערעלע האָט געמוזט אויפ־הייבן די האַנט. ער האָט באַדאַרפט האַלטן עקזאַמען אין רעדלען פאַר אברהם יאַנקלען אין דער לופט. אַלץ וואָס ער האָט געקענט טאָן צו באַ־וואָרענען זיך איז אָפּצערוקן זיך אַביסל פון אברהם יאַנקלען.

אברהם יאַנקל האָט אָבער ניט באַדאַרפט דעם עקזאַמען. ער האָט נאָר באַדאַרפט אַ פרייע פּאַכווע צום קיצלען און ער האָט ווייטער געקיצלט. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער אונטעררייד צווישן אברהם יאַנקלען

מיט בערעלען. בערעלע איז אַרויס אַן אויסגעקיצלטער, אָבער מיט דעם איינדרוק, אַז אברהם יאַנקל האָט אים כמעט ווי צוגעזאָגט. אברהם יאַנקל האָט דאָך ניט געזאָגט — „ניין", און דאָס איז געווען אַלץ, וואָס בערעלע האָט באַדאַרפט.

דאָס מאָל האָט זיך בערעלע ניט אָפּגענאַרט. אברהם יאַנקל האָט אים געמאַכט פאַר אַ רעדלער און נאָך פאַרן הויפּט־רעדלער דערצו.

בערעלע איז געווען אין זיבעטן הימל. ער איז אַזוי געווען פאַרקאָכט אין רעדל, אַז ער האָט ניט געפילט ווי די צייט איז אַוועק.

אויף אַזאַ גליק האָט ער זיך ניט געריכט.

זיבעצנטער קאַפּיטל

דאָנערשטיק ביינאַכט האָט זיך בערעלען געחלומט אַ חלום. עס איז געווען זייער אַ מאָדנער חלום.

עס איז געווען דער לעצטער טאָג פון דער מצה־וואָך. דער עולם איז שוין געווען מיד און אויסגעמאַטערט פון דער גאַנצער וואָך און דאָס מצה־באַקן האָט זיך פאַרשלעפּט ביז שפּעט אין דער נאַכט. בערעלע איז געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן ווי אַ געטרייער סאָלדאַט. ער האָט ניט פאַרלאָזן דעם „פּאָדריאַד" ביז ער האָט אָפּגערעדלט די לעצטע מצה.

געקומען אַהיים איז ער שפּעט. כמעט דאָס גאַנצע הויז־געזינט איז שוין געשלאָפן. אויף איז נאָר געווען די מלמדקע, וואָס האָט געוואַרט ביז דאָס חלה־טייג וועט אויפגיין אין מולטער און זי זאָל עס פאַרקנעטן.

אין שטוב איז געווען טונקל. געברענט נאָר האָט אַ חלבנע ליכטל אויפן פּריפּעטשעק, וואָס האָט באַלויכטן אַ ווינקל פון אויוון, וואָרפנדיק דיקע, שוואַרצע שאָטנס אַרום.

פישל דודיכע איז געזעסן אויף אַ קליין בענקעלע אַרום פּריפּעטשעק, מיט אַ זיפּ אויף איר ברייטן שויס, און זי האָט געפּליקט פּעדערן. אָט די אידענע איז קיינמאָל ניט געזעסן ליידיק. זי האָט אַלעמאָל געהאַט עפּעס צו טאָן. זי האָט אָדער געשטריקט אַ זאָק, אָדער געצירעוועט אַ זאָק, אָדער געלייגט אַ לאַטע, אָדער געפּליקט פּעדערן.

אַריינקומענדיק האָט בערעלע שטיל פאַרמאַכט די טיר נאָך זיך. ער האָט קיינעם ניט געוואָלט אויפוועקן. זיין מוטער האָט אים אויך ניט גע־שטעלט די געוויינלעכע פראַגן. זי האָט געוואוסט פון וואַנען ער איז געקומען און וואָס ער האָט געטאָן. דאָס ווייסע ציגעלע איז געלעגן פאַרוואָרפן מיטן קעפּעלע אויף אירע פיסלעך און רואיק געשלאָפן אין אַ ווינקל פון שטוב, נעענטער צום אויוון, וואו עס איז געווען וואַרעמער. בערעלע איז געווען מער מיד, ווי הונגעריק, און אָן לאַנגע הכנות האָט ער זיך אויסגעטאָן און זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין געלעגער.

זיין געלעגער איז געווען אויף דער ברייטער באַנק, אויבן־אָןביים טיש, וואו פישל דוד פלעגט זיצן און קנעלן מיט די אינגלעך. עס איז געווען אַ האַרטער געלעגער. אַלץ וואָס בערעלע פלעגט קריגן איז געווען אַ קליין קישעלע צוקאָפּנס. אונטערן זייט פלעגט ער אונטערלייגן זיין מאַמעס אַלטן קעצענעם בורנעס, וואָס זי האָט זיך געמאַכט נאָך צו דער חתונה, און צו־דעקן זיך האָט בערעלע באַדאַרפט מיט זיין אייגענער קאַפּאָטקע. עס איז געווען אַ האַרטער און אויך אַ קאַלטער געלעגער, אָבער בערעלע איז צו דעם געווען געוואוינט. ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון בעסערס. ער איז געווען געוואוינט צו אַזאַ געלעגער פון קליינוויז אויף און ער פלעגט געוויינלעך זייער געשמאַק שלאָפן.

יונגע קינדער — יונגע ביינדלעך — קיין זאַך איז פאַר זיי ניט צו האַרט.

דאָס מאָל איז בערעלע ניט איינגעשלאָפן גלייך, ווי ער איז געווען גע־וואוינט. די שווערע אַרבעט און די אויפרעגונג פון אַ גאַנצער וואָך האָבן משמעות געווירקט אויף זיינע נערוון. ער האָט זיך געוואָרפן פון זייט אויף זייט, האָט זיך געדרייט און געקייקלט, אָבער דער שלאָף איז ניט געקומען.

די מאַמע האָט שוין די חלה פאַרקנאַטן, דאָס ליכטל אויסגעלאָשן און אַליין פאַרשוואונדן אונטערן פאַרהאַנג, אָבער בערעלע האָט זיך נאָך אַלץ געראַנגלט מיט זיין שלאָף.

אין שטוב איז געוואָרן שטאָק־פינצטער — אַזוי פינצטער, אַז מען האָט גאַרנישט געקענט זען אפילו מיט ברייט־געעפנטע אויגן. בערעלע האָט געעפנט די אויגן און מיט זיי לאַנג געקוקט אין דער ליידיקער פינצטער־ניש. ער האָט אַנגעשטעלט די אויגן אויף דעם ווינקל, וואו די ווייסע ציגעלע איז געשלאָפן און ער האָט אַזוי לאַנג געקוקט ביז עס האָט זיך אים אויס־געדאַכט, אַז ער האָט דערזען עפּעס אַ ווייסן פלעק אין דער געדיכטער פינ־צטערקייט. אים האָט זיך נאָר אַזוי אויסגעדאַכט, ווייל צווישן אים און דער ציגעלע איז געשטאַנען דער טיש, וואָס וואָלט די ציגעלע פאַרשטעלט אפילו אין דער ליכטיק. אין דער פינצטער האָט זיך אָבער בערעלען געדאַכט אַז ער זעט עפּעס אַ מין ווייסן שאָטן פון דער ציגעלע.

אַ לאַנגע צייט האָט ער אַזוי געקוקט אויפן ווייסן שאָטן און דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג. בערעלע האָט אָנגעהויבן איינדרימלען און אַז ער האָט איינגעדרימלט האָט זיך אים געגומען דאַכטן, אַז ער האָט אָנגעהויבן פליען.

דאָס איז ניט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס בערעלע איז געפּלויגן. ער פלעגט גאַנץ אָפט פליען אין דרימל, אַלע מאָל, ווען עס פלעגט אים אָנקומען שווער איינצושלאָפן.

און דאָס פליען, האָט זיך אים געדאַכט, איז געווען מער אויפן וואָר, ווי אין חלום. ווען ער פלעגט פליען האָט זיך בערעלען געדאַכט, אַז ער חלומט ניט, נאָר ער איז וואַך.

מיטאַמאָל, ווי פון זיך אַליין, האָט ער געקראָגן דעם כח צו פליען — אַזוי ווי פליגלען וואָלטן אים אָנגעוואַקסן. עס זיינען גאָר ניט געווען קיין פליגלען, נאָר זיינע אייגענע הענט. בערעלע פלעגט אַ מאַך טאָן מיט די הענט, ווי אַ פויגל מיט אירע פליגלען, און ער פלעגט זיך גלייך אויפ־הויבן און אַוועקפליען אין דער לופטן. וואָס ווייטער פלעגט ער זיך אויפ־הויבן אַלץ העכער, ביז ער פלעגט דערגרייכן די סטעליע. דעמאָלט פלעגט ער זיך אָנהויבן אַרומדרייען איבער אַלע פיר ווינקלען פון שטוב, ווי אַ פלעדערמויז. אַזוי פלעגט ער אַרומפליען ביז ער פלעגט געשמאַק איינ־שלאָפן. בשעת־מעשה פלעגט ער זיך פילן זייער גרינג און זייער גוט — עס איז דאָך אַזאַ פאַרגעניגן צו פליען!

דאָס מאָל איז בערעלע געפלויגן מער ווי געוויינלעך.

מאָדנע, ווי דאָס איז ניט געווען, אָבער אין שטוב איז מיטאַמאָל גע־וואָרן ליכטיק. די טיר איז געשטאַנען אינגאַנצן אָפן און דורך איר האָט אַריינגעשיינט אַ פרישע, אַ מחיהדיקע מאָרגן־זון. בערעלע האָט זיך אַביסל אַרונטערגעלאָזט אויף זיינע פליגל, האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, כדי ער זאָל זיך ניט אָפּשלאָגן אָן דעם אויסאַק און איז אַרויסגעפלויגן דורך דער אָפענער טיר אין דרויסן.

אין דרויסן איז שוין געווען העלער טאָג. די זון האָט באַשאָטן מיט גאָלדענע שטראַלן דאָס גאַנצע שטעטל, אָבער אַרום איז געווען אַזוי שטיל, אַזוי פאַרלאָזן. מען האָט ניט געזען קיין לעבעדיקן נפש אויפן גאַס. אַרום פישל דודס שטוב איז נאָר געשטאַנען די ציג, די מאַמע פון דער ווייסער ציגעלע. ווייטער איז קיינער ניט געווען.

„עס מוז נאָך זיין זייער פרי", האָט בערעלע אַ טראַכט געטאָן פאַר זיך אַליין, „עס איז נאָך מסתם פאַר דער טשערעדע".

ער האָט אַזוי געטראַכט, ווייל פליענדיק האָט ער ניט באַמערקט קיינעם אין שטעטל, וואָס זאָל טרייבן זיין בהמה אין טשערעדע אַריין. דאָס האָט אים אָבער ניט אויסגעמאַכט. זאָל זיין פרי — וואָס מאַכט עס אויס? ער

האָט נאָכאַמאָל אַ פּאַטש געטאָן מיט זיינע הענט־פליגל און איז אַוועקגע־פלויגן ווייטער.

ער איז אַריבערגעפלויגן דעם מאַרק, וואָס איז געווען אינגאַנצן פּוסט. ער האָט עטלעכע מאָל זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם שפּיץ קלויסטער און עס האָט זיך אים זייער שטאַרק געגלוסט זיך אַרויפכאַפּן אויפן שפּיץ־צלם און זיך אַוועקשטעלן מיט ביידע פיס אויף אים. ער האָט דאָס אָבער ניט געטאָן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז עס וועט זיך אים פאַרדרייען דער קאָפּ.

אַנשטאָט דעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווייל אויפן שפּיץ־דאַך פון דער שול אין שטעטל. דאָרט איז דאַך פּאַרט געווען אַ סך היימישער.

פון דעם שפּיץ־דאַך פון דער שול האָט ער געגעבן אַ שפּרונג — טאַקע ניט מער ווי איין שפּרונג, אַזאַ כח האָט ער געהאַט — צום שפּיץ־דאַך פון דער מיל. פון דער מיל האָט ער דערלאַנגט איין שפּרונג צוריק צום שפּיץ־דאַך פון דער שול — זיי זיינען געשטאַנען נאָענט איינע צו דער אַנדערער — די שול מיט דער מיל. בערעלע האָט זיך געפילט זייער גוט און צופרידן, וואָס ער קען אַזוי גוט און אַזוי גרינג שפּרינגען און אַזוי וויט דערצו.

מיטאַמאָל האָט זיך די סצענע אינגאַנצן געביטן.

בערעלע האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי און ווי אַרום, אָבער מיטאַמאָל האָט ער זיך געפונען אויפן ברייטן, זאַמדיקן שליאַך, וואָס האָט זיך געצויגן אויסער דער שטעטל. ער איז שוין מער ניט געפלויגן, נאָר געשטאַנען אויף די פיס און פאַר זיינע אויגן איז דורכגעגאַנגען אַזאַ מין בילד:

עס איז שוין געווען טונקל, בין השמשות טונקל. איבערן שליאַך האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע שורה פויערשע וועגענער, געשלעפּט פון אָקסן. די וועגענער זיינען געווען ליידיקע. קיין פויערים האָט מען אין זיי, אָדער פאַרביי זיי, ניט געזען. די אָקסן זיינען געגאַנגען אַליין, אָן אַנטרייבער און די וועגענער האָבן שטאַרק געסקריפּעט. בערעלע האָט זיך אַ ווײַלע געחידושט למאי מען זעט ניט קיין פויערים אַרום די וועגענער מיט די אָקסן. באַלד איז אָבער געוואָרן שטאַרק פינצטער און די וועגענער מיט די אָקסן זיינען אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

אַנשטאָט די פויערים מיט די אָקסן איז פאַר בערעלעס אויגן אויס־געוואַקסן עפּעס אַ נייע זאַך — אַ מאָדנע זאַך — אַ זאַך, וואָס בערעלע

האָט אין זיין לעבן נאָך קיינמאָל ניט געזען. עס האָט אויסגעזען, ווי עפּעס אַ מעשענע זאַך, ווייל עס האָט געשיינט ווי גוט אויסגעשייערט מעש.

אין דער פינצטער איז געווען שווער צו זען אַקוראַט, ווי אַזוי אַט די זאַך האָט אויסגעזען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די זאַך איז געווען געדרייט ווי אַ שלאַנג און האָט געהאַט אַ קאָפּ, אָבער דער קאָפּ איז ניט געווען פון אַ שלאַנג — דאָס האָט בערעלע גאַנץ קלאָר געזען אפילו אין דער פינצטער. דער קאָפּ האָט גיכער דערמאָנט דאָס מויל פון אַ ציג, פון אַ ציגענעם מויל וואָס קייעט. בערעלע האָט גאַנץ קלאָר געזען, אַז דאָס מויל האָט זיך געעפנט און פאַרמאַכט, געעפנט און פאַרמאַכט, גיך, גיך, ווי דאָס מויל פון אַ קייענדיקער ציג. עס איז אָבער ניט געווען קיין ציגן מויל, ווייל דאָס מויל איז געווען פון שיינענדיקן מעש. עס איז באמת געווען אַ פּאָר מע־שענע שפּיצן.

פון די שפּיצן זיינען אַרויסגעקומען פונקען — עפּעס אַזעלכע מאָדנע, גרינע פונקען.

פון די שפּיצן זיינען אויך אַרויסגעקומען קלאַנגען:

„גלין, גלין, גלין, גלין!“

עס זיינען געווען שאַרפע קלאַנגען, גרילצנדיקע קלאַנגען, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק.

אַנטקעגנאיבער, אויף אַ גאַנץ היפשן שטח ווייטער, האָט זיך באַוויזן אַ צווייטע, פּונקט אַזאַ מעשענע זאַך, ווי די ערשטע, וואָס האָט אויך גע־שפּריצט מיט גרינע פונקען און האָט אַרויסגעגעבן דיזעלבע קלאַנגען.

„גלין, גלין, גלין, גלין!“

בערעלען איז געוואָרן זייער אומהיימלעך. אין האַלז האָט אים אָנגעע־הויבן צו דריקן, ווי צום וויינען. אַלץ איז געווען אַזוי ניי, אַזוי מאָדנע און אַזוי פרעמד.

און מיטאַמאָל האָט זיך דאָס בילד ווידער געביטן.

בערעלע האָט זיך מיטאַמאָל געפונען שוין ניט אויפן ברייטן זאַמדיקן שליאַך, נאָר אין מיטן מאַרק. די פינצטערקייט איז שוין אַוועק. עס איז געווען ליכטיק. עס איז אָבער ניט געווען די פריערדיקע, העל־זוניקע ליכ־טיקייט. עס איז געווען אַ טונקעלע ליכטיקייט, ווי אין אַ רעגנדיקן טאָג.

די גלעקער אין קלויסטער האָבן אָנגעהויבן קלינגען — אַלע דריי מיטאַמאָל — דער דינער, דער מיטעלער און דער גראָבער:

„גלין, גלען, גלאַן!" האָבן די גלעקער געמאַכט, אַפּריער דער דינער, נאָך דעם דער מיטעלער און צום סוף דער גראָבער.

ווייט אָוועק, אויף דער הויפּט־גאַס פון שטעטל, האָט זיך באַוויזן אַ פּראָצעסיע מיט פאָנען און מיט געטשקעס. אין פאָראויס איז געגאַנגען דער גאָלער גלח, אָנגעטאָן אין ריזעס, און ביי זיין זייט דער קורצער דיקער דיאַק, מיט אַ קאַדילאַ אין האַנט.ביידע האָבן געפּרעפּלט:

— „האָספּאָדי פּאָמילוי, האָספּאָדי פּאָמילוי!"

עס איז געווען קלאָר, אַז מען האָט געשלעפּט אַ פּגר.

בערעלע האָט זיך דערשראָקן. אידישע קינדער האָבן שטאַרק מורא ווען מען שלעפּט אַ פּגר. אידישע קינדער באַהאַלטן זיך אין די שטיבער, ווען זיי דערהערן דאָס קלינגען פון די קלויסטער־גלאָקן און דערזעען קריסט־לעכע רעליגיעזע פּראָצעסיעס.

בערעלע האָט אָנגעהויבן לויפן זוכן אַ אידישע שטוב, וואו זיך באַ־האַלטן. צו זיין אייגענער שטוב איז געווען צו ווייט און די פּראָצעסיע איז צוגעקומען אַלץ נעענטער. בערעלע האָט געוואָלט זיך אַריינכאַפּן אין אַבי־וועלכער שטוב. אַלע טירן זיינען אָבער געווען פאַרהאַקט און פאַר־שלאָסן. בערעלע האָט געקלאַפּט און געריסן די טירן, אָבער קיינער האָט ניט געעפנט.

בערעלעס שרעק איז געוואַקסן מיט יעדער מינוט. דער פּגר, מיטן גלח, מיט די געטשקעס זיינען צוגעקומען אַלץ נעענטער. נאָך אַ ווײַלע און ער וועט פון דער פּראָצעסיע פאַרשלונגען ווערן, פאַרפּלייצט ווערן און אָפּגעווישט ווערן. יעדע רגע איז געווען טייער. ער האָט זיך געמוזט ראַטעווען. ער האָט געפילט אַ גרויסע סכנה הענגענדיק איבער זיין קאָפּ.

ער האָט זיך געלאָזט לויפן, בלינדערהייט, ניט ווייסנדיק אַליין וואוהין. ער איז געלאָפן מיט פאַרמאַכטע אויגן, כדי ער זאָל ניט זען די פאָנען, די ריזעס מיט די געטשקעס. מיטאַמאָל איז פאַר אים אויסגעוואַקסן יודע דעם אַלטנס פּלויט. פלינק ווי אַ קאַץ האָט ער זיך אויף אים אַרויפגעקלעטערט און אין איין אויגנבליק איז ער שוין געווען אויף יענער זייט.

אַלץ איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן ווי דורך אַ כשוף. די קלויסטער־גלעקער האָבן אויפגעהערט קלינגען און דער גלח מיטן דיאַק האָבן אויפ־געהערט פּרעפּלען. אַלץ איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַזוי רואיק, אַזוי ווי גאָר־נישט וואָלט פריער געווען.

אבער בערעלע האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז ער איז אַ געבונדענער — געבונדן הענט און פיס, ווי אַ קעלבל, אָדער אַ ציגעלע פאַר דער שחיטה. איבער אים איז געשטאַנען עפּעס אַ מאָדנע באַשעפעניש, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער שטאָט־ישער באָק, אָבער מיט אַ מענטשלעך פּנים. דאָס פּנים איז געווען זייער באַקאַנט, נאָר ווייל ביי די זייטן האָט דאָס באַשעפעניש געהאַט הערנער האָט בערעלע עס ניט געקענט גלייך דערקענען. עס האָט אויסגעזען, ווי עפּעס אַ באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע באַשעפעניש.

דאָס באַשעפעניש האָט געהאַלטן אין האַנט אַ חלף. דער חלף האָט געגלאַנצט מיט אַ קאַלטער און שאַרפער גלאַנציקייט. דאָס באַשעפעניש האָט זיך אָנגעהויבן אָנבויגן און גענומען אויסציען בערעלעס קעפּל ווי צו דער שחיטה. בערעלע האָט דערפילט, ווי דער שאַרף פון דעם חלף קומט צו אַלץ נעענטער צו זיין האַלז. נאָך איין אויגנבליק און זיין האַלז וועט ווערן איבערגעשניטן און ער וועט זיין אַ געקוילעטער.

בערעלע האָט מיט אַלע כחות זיך גענומען רייסן פון דעם מאָדנעם באַשעפעניש און אויך פון די שטריק, וואָס האָבן אים געהאַלטן געבונדן. ער האָט אויך גענומען שרייען מיט באַנומענע קולות. דאָס שרייען איז אים אָנגעקומען זייער שווער, ווייל זיין האַלז איז אים געווען פאַרשטיקט, אַזוי ווי פאַרגאָסן מיט בליי. בערעלע האָט זיך באַדאַרפט זייער שטאַרק אָנשטרענגען אויף אַרויסצוברענגען די קולות.

פון זיינע קולות האָט ער זיך אָבער אַליין אויפגעכאַפּט און אויך אויפגעוועקט זיין טאַטע־מאַמע.

די ערשטע אַרום אים איז געשטאַנען די מאַמע.

— גאָט איז מיט דיר, דער לעבעדיקער, — האָט זי אים געזוכט צו באַרואיקן, — וואָס שרייסטו אַזוי? — אין דער פינצטער האָט זי אים אָנגעטאַפּט זיין קאָפּ צו זען צי ער האָט ניט אַמאָל קיין היץ.

— אויף אַלע וויסטע פעלדער, אויף אַלע פוסטע וועלדער, — האָט זי געמורמלט און געשפּיגן אין אַלע זייטן.

איר קול און אויך דער ריר פון איר האַנט האָט בערעלען באַרואיקט.

— ס׳איז גאָרנישט, ס׳איז גאָרנישט, — האָט בערעלע געענטפערט, — מיר האָט זיך נאָר געחלומט אַ מאָדנער חלום.

אַכצנטער קאַפּיטל

דער פרייטיקדיקער טאָג און דער שבתדיקער זיינען אַריבער אין שטעטל זייער רואיק — אַ סך רואיקער ווי געוויינלעך. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געערוט נאָך דער גרויסער אַרבעט פון מצה־באַקן און האָט געקליבן כחות פאַר דער גרויסער רייניקונג די לעצטע טעג פאַר יום־טוב.

עפּעס אַ קלייניקייט, וואָס דאָס שטעטל האָט באַדאַרפט דורכמאַכן ? — מען האָט באַדאַרפט אַלץ אויסוואַשן, אויסשייערן, אָפּשאָבן און כשרן — אַלע טישן, אַלע בענק, אַלע טאָפּטשאַנעס, די מעשענע און קופּערנע כלים, אַלע מעסערס, לעפל און גאָפּלען און אפילו אָפּשאָבן אַלע דילן.

עס איז שוין געווען איינמאָל אַן אַרבעט ! — אַן אַרבעט וואָס האָט געפאָדערט אַ סך געדולד און אַ סך כחות.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט דעריבער געערוט — געערוט מיט כוונה און מיט חשק. אמת, די שווערע אַרבעט האָט באַדאַרפט פאַלן אויף די ווייבער, אָבער די מאַנסבילן האָבן אויך געערוט מיט זיי אין סימפּאַטיע. אפילו די אינגלעך האָבן געערוט. זיי האָבן זיך אויך אָנגעשטעקט מיט דעם רו־גייסט פון די דערוואַקסענע.

ניט געערוט האָט נאָר בערעלע פּישל דוד דעם מלמדס.

פון אויבן אויף איז ער געווען אַזוי רואיק ווי אַלע אַנדערע, נאָך אפשר אַביסל רואיקער. נאָך זיין שלעכטן חלום דאַנערשטיק ביינאַכט איז ער אַרומגעגאַנגען אַ מידער, אַ בלייכער און אַ פאַרטראַכטער. ער האָט אויס־געזען, ווי קיין זאַך האָט אים ניט געאַרט.

דאָס האָט נאָר פון אויבן־אויף אַזוי אויסגעזען. טיף אין האַרצן האָט ביי אים געברענט אַ העליש פייער. אין מוח האָט אים גענאָגט און געעגבערט אַ געדאַנק, וואָס ער האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרטרייבן — אַ געדאַנק, וואָס האָט אים געטריבן צו משוגעת.

דאָס איז געווען דער געדאַנק וועגן זיין ווייסער ציגעלע.

בערעלע האָט געוואוסט, אַז מיט יעדער מינוט, מיט יעדער רגע קומט אָן אַלץ נעענטער דער שרעקלעכער מאָמענט — דער מאָמענט, ווען פישל דוד וועט בינדן דאָס ציגעלע, וועט עס אַוועקטראָגן און וועט צוריקברענגען ניט קיין ציגעלע, נאָר פלייש אויף פסח... אַט דער געדאַנק האָט אים געשלאָגן צו טויט־אַנגסטן.

ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט עס ניט קענען פאַרמיידן. ער האָט געוואוסט, אַז זיין שטעלן זיך אַנטקעגן וועט ניט העלפן. ער האָט שוין עטלעכע מאָל אַ רעד געטאָן וועגן דעם און האָט שוין אפילו געוויינט מיט ביטערע טרערן, אָבער סיי זיין טאַטע און סיי זיין מאַמע האָבן אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. ניט פישל דוד און ניט העניע האָבן אויף זייער לעבן געהאַ־דעוועט ציגן. וואו וועלן זיי זיך אַהינטאָן מיט דער ציגעלע? און חוץ דעם — וואו וועלן זיי נעמען פלייש אויף פסח?

דער גורל פון דער ציגעלע איז שוין געווען באַשטימט אין פאָראויס, אָבער בערעלע האָט געפילט, אַז ער וועט עס ניט קענען איבערלעבן. ער האָט געפילט, ווי מען וואָלט אים אַליין געשלעפט אונטערן חלף.

זיין מוח האָט אין די צוויי טעג געאַרבעט ווי אין אַ פיבער. וואָס האָט ער ניט איבערגעטראַכט? וואָס פאַר אַ פּלענער האָט ער ניט אויס־געאַרבעט?

ער האָט געטראַכט וועגן באַהאַלטן דאָס ציגעלע ערגעץ אין אַ שייער, אָדער אין אַ שטאַל. ער האָט געטראַכט וועגן אַנטלויפן מיט דער ציגעלע און באַהאַלטן זיך מיט איר אין וואַלד — ווערן דאָרט אַ פּאַסטוך פון שאָף, ווי יעקב אבינו איז געווען. ער האָט געטראַכט און געטראַכט. ער האָט אַזוי לאַנג געטראַכט, ביז ער איז מיד געוואָרן טראַכטנדיק.

זיין טראַכטן און זיינע פּלענער זיינען געבליבן אַן אייביקער סוד פאַרן שטעטל. ער האָט זיי קיינעם ניט פאַרטרויט. דאָס שטעטל איז פאַר זיינע פּלענער גאָר ניט געווען גרייט און דערפאַר איז עס אַזוי שטאַרק אויפגעטרייסלט געוואָרן.

אַ פּאָר זאַכן האָבן געטראָפן אין שטעטל, וואָס האָבן זי אויפגערודערט ביז גאָר. זינט דאָס שטעטל איז אַ שטעטל האָבן אַזעלכע זאַכן דאָרט ניט געטראָפן. דאָס שטעטל איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון צוויי זאַכן — פון אַ גרויסער סכנה און פון אַ גרויסער שרעק.

יאָ, אַ גרויסע סכנה!

מאַלט אייך, דאָס גאַנצע שטעטל איז געשטאַנען אין סכנה צו בלייבן אָן פליישׁ אויף פּסח. דאָס וואָלט געמיינט אַ מילכיקער פּסח — אַ זאַך וואָס איז ביז דאַן ניט געהערט געוואָרן בכל תפוצות ישׂראל.

און באַוויזן האָט זיך די סכנה טאַקע יענעם שבת צו נאַכטס, אַ פּאָר שעה נאָך הבדלה.

די מעשׂה איז אַזוי געווען:

באַלד נאָך הבדלה האָט מען ביי ר׳ זישעלען, ווי דער שטייגער איז געווען, געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. דאָס איז געווען אַ חוק ולא יעבור, אַ מין נאַטור־געזעץ — ר׳ זישעלע האָט נאָך הבדלה באַדאַרפט טרינקען טיי.

דאָס איז געווען זיין חיות, דאָס איז געווען זיין עולם הזה. שבת אַ גאַנצן טאָג האָט ער ניט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ פרישׁ גלעזל טיי. אוודאי האָט ער דעם טשאָלנט־שלאָף פאַרטרונקען מיט אַביסל הליאַק־וואַסער, אָבער וואָס פאַר אַ טעם האָט הליאַק־וואַסער? — עס שמעקט מיט ליים און איז איבערגעקאָכט פון שטיין צו לאַנג אין אויוון. בלית ברירה טרינקט מען הליאַק־וואַסער אויך, אָבער קיין הנאה דערפון האָט מען ניט.

ר׳ זישעלע האָט געלעבט אויף טיי. דאָס גלעזל טיי האָט אים גע־האַלטן ביים לעבן. אַזוי פלעגט ער זאָגן. עסן איז ביי אים געווען לאו דוקא, אָבער אַ גלעזל טיי האָט ער געמוזט האָבן. אָן דעם האָט ער זיך ניט געקענט רירן פון אָרט.

ר׳ זישעלע איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי אויפגעלייגט, ווי שבת צו נאַכטס, ביים גלעזל טיי. ער פלעגט זיצן, ווי געוויינלעך, אויבן־אָן, מיט דער סאַמעטענער יאַרמולקע אויפן קאָפּ. זיין פּנים האָט געלויכטן, זיינע אויגן האָבן געשטראַלט. אַרום טיש זיינען כסדר געווען מענטשן — אַלערליי מענטשן, אייגענע און פרעמדע, וואָס האָבן געשלונגען ר׳ זישעלעס ווערטער.

ר׳ זישעלע האָט זיך ניט געאיילט. ער האָט ליב געהאַט זיין טיי פון אַ זודיקן סאַמאָוואַר. טרינקען פלעגט ער עס אָפּגעקילט, אָבער דער סאַ־מאָוואַר האָט באַדאַרפט זידן אויפן טיש. וואַרטנדיק ביז די טיי האָט זיך אָפּגעקילט פלעגט ער דערציילן מעשׂיות און אַנעקדאָטן — שיינע מעשׂיות און קלוגע אַנעקדאָטן. אַמאָל פלעגט ער אָנהויבן אויסטייטשן אַ פּסוק, אָדער זאָגן תּורה. דער פּראָסטער עולם ביים טיש האָט אים ניט געקענט פאַר־שטיין, אָבער פלעגט אים אויסהערן מיטן גרעסטן דרך־ארץ.

דעם שבת צו נאַכטס האָבן זיך ביי ר׳ זישעלען אין שטוב אַרומגע־דרייט די דריי קצבים פון שטעטל — משה, ניסל און אַנצעל. זיי זיינען

באַלד נאָך הבדלה אַריינגעקומען מיט זייערע גרויסע שטיוול, פאַרשטעקטע פּאַלעס אונטער די גאַרטלען און מיט דעם ריח פון בהמות, וואָס האָט געוויט פון זיי. זיי זיינען געקומען מיט לאַנטערנס אין די הענט. דאָס זיינען זיי געקומען אָנזאָגן, אַז זיי האָבן געבראַכט בהמות צו שעכטן אויף פּסח און אַז שעכטן דאַרף מען טאַקע דעם אָוונט, ווייל די צייט איז שוין קורץ. זיי האָבן געוואוסט, די קצבים, אַז זיי וועלן ניט קענען אַזוי גרינג אָפּרייסן ר׳ זישעלען פון דעם סאַמאָוואַר און פון דער טיי. זיי האָבן אָבער אויך געוואוסט, אַז ווען זיי וועלן שטיין לאַנג גענוג, וועלן זיי סוף־כל־סוף זיך דערוואַרטן.

דאָס מאָל איז זיי אָבער אויסגעקומען צו וואַרטן אַביסל לענגער, ווי געוויינלעך.

אין שטעטל איז געווען אַ גאַסט — אַ אידישער סאָלדאַט, וואָס איז געקומען אַהיים אויף פּסח.

דאָס איז געווען משה לייב, יאָסל דעם שמש׳ס, וואָס האָט געדינט זייער ווייט, ערגעץ אין טיף ראַסיי, אין דער אַרטילעריע.

געקומען איז ער, ווי עס פּירט זיך, אין זיין סאָלדאַטסקער יוניפאָרם, מיט אַ שווערד אויף דער זייט און מיט שפּאָרן אויף די שטיוול. ווען ער איז געגאַנגען האָבן זיינע שפּאָרן געקלונגען, ווי ביי אַן אָפיצער. ער האָט אויסגעזען זייער געהויבן מיט זיינע שפּאָרן און מיט זיין שווערד ביי דער זייט.

געקומען איז ער צו ר׳ זישעלען באַלד נאָך הבדלה צו דערציילן וועגן דער גרויסער וועלט, וועגן פאָניע־גנבֿ און וועגן אידישקייט אין דער אַרמיי. און דערציילן האָט ער גראָד געהאַט זייער אַ סך. אָט דער משה לייב, יאָסל דעם שמש׳ס, האָט זיך אויסגעצייכנט ביי פאָניען. אויפן ברוסט האָט ער געהאַט אַ מעדאַל פאַר העלדישקייט. דער מעדאַל איז באַשטאַנען פון אַ קיילעכדיק שטיקל מעש, מיט צוויי ביקסלעך, אויסגעהאַמערט איינער אי־בער דעם אַנדערן. דאָס האָט געמיינט, אַז ער איז אַ גוטער שיסער.

משה לייב — אַ גוטער שיסער!

עס האָט זיך ניט געגלויבט. אַלע האָבן דאָך אים געקענט. דאָס איז געווען אַ בחור, וואָס האָט פאַר דעם קיינמאָל אין זיין לעבן קיין ביקס אין די אויגן ניט אָנגעקוקט. אָבער דער מעדאַל איז געווען — אַ שטומער עדות. אַלע קענען עס זען, אפילו אָנטאַפּן מיט די פינגער. וואָס פאָניע קען מאַכן פון אַ מענטשן!

און די מעשה וואָס משה לייב האָט דערציילט איז געווען אַ וואונדער־לעכע.

ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך, געהיט אַ פּולווער־מאַגאַזין. עס איז געווען טיף אין דער נאַכט — שטאָק פינצטער, כאָטש נעם זיך אַרויס אַן אויג.

שטעלט זיך פאָר, וואָס עס איז אים, נעבעך, דעמאָלט געווען אויפן האַרצן. אַ איד, איינער אַליין, אין אַ פינצטערער נאַכט, אין מיטן פעלד. אַ פּולווער־מאַגאַזין, דאַרפט איר וויסן זיין, איז באַגראָבן אונטער דער ערד. אויבן איז נאָר דאָ אַ טירל. ווייטער זעט מען גאָרנישט — ס׳איז אונטער דער ערד. ס׳איז אים דעריבער אויסגעקומען צו שטיין אין מיטן פעלד.

אויפן האַרצן איז אים געווען זייער קאַלעמוטנע. וואָס טוט אַ איד ווען עס איז אים אומעטיק אויפן האַרצן? — ער זאָגט אַ קאַפּיטל תהילים:

„אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים, ובדרך חטאים לא עמד, ובמושב לצים לא ישב“.

מיטאַמאָל האָט משה לייב דערהערט פון ווייטן אַ שאָרך. ער האָט זיך אָנגעהויבן בעסער צוהערן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט געהערט טריט. משה לייב האָט גלייך אָנגעשטעלט די ביקס אין די הענט און האָט אויסגעשריען, ווי פאָניע האָט אים געלערנט:

— „כטאָ אידאָיט?“ — ווער גייט?

קיינער האָט ניט געענטפערט.

משה לייב האָט זיך נאָך שאַרפער צוגעהערט. די טריט האָבן זיך דערנעענטערט.

— „כטאָ אידאָיט?“ — האָט ער אויסגעשריען אַ צווייטן מאָל, שוין אַ סך העכער.

עפעס האָט אַ פלי געטאָן אין דער לופט. מען האָט עס ניט געקענט זען, אָבער מען האָט עס געהערט. משה לייב האָט עס אויך דערפילט — עס האָט אים געטראָפן מיטן שפּיץ אין פּוס. עס איז געווען אַ שאַרפער שפּיץ, וואָס האָט געשניטן ווי מיט אַ מעסער. עס איז געווען זיין גליק, וואָס נאָר דער שפּיץ האָט אים געטראָפן — אַז ניט וואָלט ער שוין געווען אַ קדוש.

משה לייב האָט שוין מער ניט געוואַרט. ווי ער האָט אַזוי געהאַלטן די ביקס אָנגעשטעלט האָט ער אָנגעהויבן שיסן. ער האָט אויסגעשאָסן איינמאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל — פּיף, פּאַף, פּאַף!

זיין שיסן האָט אָפּגעקנאַלט ווי אַ שטאַרקער דונער אין דער פינצטער־ניש פון דער נאַכט, אויף דעם ברייטן פעלד. די סאָלדאַטן אויף דער הויפּט־וואַך האָבן דאָס דערהערט און זיינען גלייך געקומען צולויפן מיט לאַמ־טערנס. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז משה לייב האָט ניט געשאָסן אומזיסט. ניט ווייט פון אים זיינען געלעגן דריי געזונטע קאַצאַפּעס. ער האָט זיי אַלעמען אָוועקגעלייגט ווי די באַראַנעס — אָוועקגעלייגט אויפן אָרט.

אָט די קאַצאַפּעס, האָט אויסגעזען, זיינען געקומען באַרויבן דעם פולווער־מאַגאַזין. זיי האָבן געוואָרפן אַ גרויסע האַק, מיינענדיק מסתם דערמיט צו דערהרגענען משה לייבן. אָבער משה לייב האָט זיך מיט זיי אָפּגערעכנט — ער האָט זיי אַלעמען אָוועקגעלייגט אויף טויט. ווען די סאָלדאַטן זיינען אָנגעקומען האָט שוין קיין איינציקער פון די קאַצאַפּעס אפילו ניט געזשיפּעט — זיי זיינען געווען טויט ווי אַלע טויטע.

די מעשה האָט געמאַכט אַ טיפן רושם. עפּעס אַ קלייניקייט — אַ מענטש איז ניצול געוואָרן פון טויט. אַלע האָבן די מעשה אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס. אפילו די דריי קצבים, וואָס האָבן געבערענט פון אומגע־דולד, האָבן אויך אויף אַ ווייל פאַרגעסן אויף זייערע בהמות און זיך צוגעהערט מיט אָפענע מיילער. אַזעלכענע מעשות הערט מען ניט אַלע טאָג.

ווען משה לייב איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער מעשה האָבן זיך אָנ־געהויבן די געוויינלעכע שאלות. דער קליין־שטעטלדיקער עולם איז זייער נייגעריק. ווען גאָט העלפט אַמאָל אַ שיינע מעשה, דאַרף מען עס וויסן מיט אַלע פּרטים. עס איז ניט אַזוי דערפאַר וואָס מען גלויבט ניט — פאַר־וואָס זאָל מען ניט גלויבן? — אָבער מען דאַרף פונדעסטוועגן וויסן.

ווי אַזוי האָט משה לייב געזען צו שיסן אין דער פינצטער? — האָט געוואָלט וויסן איינער.

ווי אַזוי האָט ער געקענט טרעפן אין אַלע דריי קאַצאַפּעס מיט אַמאָל און דערצו נאָך אין דער פינצטער? — האָט זיך געוואונדערט אַ צווייטער.

אויף וואָס האָבן די קאַצאַפּעס געדאַרפט האָבן פולווער? — האָט זיך געחידושט אַ דריטער.

משה לייב איז אָבער ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן פון אָט די אַלע שאלות. אויף אַלע קשיות האָט ער געהאַט איין תירוץ:

— אָט זעט איר דאָך! אָט זעט איר דאָך!

און טאָמער האָט מען אים שטאַרק צוגעדריקט האָט ער געבראַכט פאַר אַן עדות זיין מעדאַל:

— וואָס מיינט איר זיך? — האָט ער צוריקגעטענהט, — פאַניע וועט אומזיסט געבן אַ מעדאַל? — דאָס דאַרף מען פאַרדינען!

אינמיטן פון אָט דער דיסקוסיע האָט זיך ר׳ זישעלע אויפגעהויבן. ער האָט זיך שוין אָנגעזעטיקט מיט טיי און חוץ דעם איז שוין געוואָרן שפּעט. עס איז שוין צייט געווען צו נעמען זיך צו דער אַרבעט — פּאַרט ערב יום־טוב.

ר׳ זישעלע האָט געגעבן אַ וואונק צו זיין עלטערן זון, זאַליע, וואָס איז אויך געשטאַנען צווישן עולם און געשלונגען יעדעס וואָרט פון משה לייבס מויל. זאַליע האָט דעם וואונק פאַרשטאַנען. דאָס האָט געמיינט, אַז ער דאַרף אַריין אין ר׳ זישעלעס שלאָף־אַלקער און ברענגען דאָס קעסטעלע מיט חלפים.

ווי שווער עס איז אים געווען זיך אָפּצורייסן, אָבער זאַליע האָט דעם שטומען באַפעל גלייך געפאָלגט. ר׳ זישעלען האָבן אַלע געפאָלגט.

זאַליע איז אָבער ניט צוריקגעקומען אַזוי גיך, ווי געוויינלעך. ר׳ זי־שעלע איז געוואָרן אומגעדולדיק.

— גיי און לייכט אים צו, — האָט ר׳ זישעלע זיך אָנגערופן צו איינעם פון די קצבים.

משה דער קצב האָט אָוועקגעשפּאַנט מיט זיינע שווערע שטיוול און איז אויך פאַרפאַלן געוואָרן ביי ר׳ זישעלען אין אַלקער.

ר׳ זישעלע איז געוואָרן נאָך מער אומגעדולדיק. אָט דער רואיקער און געלאַסענער מענטש, וואָס האָט אויף אַלץ צייט געהאַט, האָט אָבער קיין געדולד ניט געהאַט צו וואַרטן אויף אימיצן אַנדערש. זיין ווילן האָט באַ־דאַרפט אויסגעפאָלגט ווערן אויפן מאָמענט.

— וואָס זאַמט איר זיך דאָרט אַזוי? — האָט ער זיך אָנגעהויבן בייזערן.

די איבעריקע צוויי קצבים זיינען מיט זייערע לאַמטערנס אויך אַוועק אין ר׳ זישעלעס אַלקער און באַלד נאָך זיי איז אַהין אויך אַריין די שוחטקע.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און די שוחטקע איז צוריק אַרויסגעקומען מיט פאַרבראָכענע הענט. איר פּנים איז געווען בלייך און צעשראָקן. זי האָט געבראָכט זייער אַ שלעכטע בשורה:

— צוגעגנבעט!

די חלפים האָט מען געגנבעט!!!

נײנצנטער קאַפּיטל

דער גאַנצער עולם בײַ ר׳ זישעלען אין שטוב — און דער עולם קײן עין־הרע איז געװען אַ גאַנץ היבשער — איז געבליבן געפּלעפּט.

— צוגעגנבעט! — די חלפים צוגעגנבעט, װאָס הײסט צוגנבענען די חלפים?

װען מען קומט און מען זאָגט, אַז מען האָט צוגעגנבעט ר׳ זישעלעס װינטערדיקן פוטער — אָט דעם פוטער מיט די שװאַרצע שמויסלען און מיט דעם קאַראַקולענעם קאָלנער — אָדער אפילו דעם אַלטן װאַנט־זײגער אין דער סאַליע װאָלט זיך דאָס נאָך געקענט לײגן אויפן שכל. אָבער די חלפים?

— עס קען ניט זײַן! — האָט אויסגעשריען הערשל דער מלמד, אַ איד מיט אַ ציגן בערדל, מיט אַ גרויסן גאָרגל־קנאָפּ און מיט אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלײצעס.

— עס קען ניט זײַן! — האָט הערשל זיך געהיצט און בעשת־מעשה האָט ער געציטערט פון אויפרעגונג. — עס קען ניט זײַן! עס קען זיך ניט לײגן אויפן שכל. עס דאַרף זײַן אַ שכל דערבײַ — װער דאַרף די חלפים?

— מען דאַרף זוכן! — האָט אַ קאָמאַנדעװע געטאָן נחמן דער סטאָליאַר, װי נאָר אַ ניקאָלאַיעװער סאָלדאַט, װאָס האָט אָפּגעדינט פּאָניען פינף און צװאַנציק יאָר, קען אַ קאָמאַנדעװע טאָן, — מען דאַרף זוכן! זוכן דאַרף מען!

און אַזוי איז באַשלאָסן געװאָרן — מען דאַרף זוכן.

און מען האָט אָנגעהױבן זוכן.

מען האָט איבערגעזוכט, װאו נאָר אַ װינקעלע. מען האָט געזוכט בײַ דער שוחטקע אין קאָמאָד; מען האָט געזוכט אונטער אַלע טישן, אונטער אַלע בענק און אונטער אַלע בעטן. מען האָט יעדן אײנעם אויסגעפרעגט, אפילו די שיקסע, װאָס האָט געטראָגן װאַסער אין שטוב:

— „טשי טי ני באַטשיוו, טשאַסאָם, סקאַטולאַטשקו ס׳נאַזשאַמי?״ —
וואָס עס האָט געמיינט, — האָסט אַמאָל ניט געזען אַ קעסטעלע מיט חלפים?

די שיקסע האָט זיך געצלמט און געשוואוירן, אַז זי ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. זי האָט קיינמאָל אין אירע אויגן דאָס קעסטעלע ניט געזען.

מען האָט אפילו אויפגעוועקט די קלענערע קינדער, וואָס זיינען שוין געשלאָפן, — האָבן זיי ערגעץ, וואו ניט איז פאַרשלעפּט דאָס קעסטעלע מיט די חלפים?

די קליינע קינדער האָבן זיך צעוויינט פון שרעק. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון זיי. אַ פולע שטוב מיט מענטשן — אַלץ אַזעלכע גרויסע, מגושמדיקע אידן — עס האָט אַנגעוואָרפן אויף זיי אַ מורא. עס איז אָנגעקומען זייער שווער די קינדער איינצושטילן.

פלוצים האָט די שוחטקע אויפגעדעקט אַ נייעם היזק.

— וואו איז לייבעלע? — האָט זי אויסגעשריען.

עס האָט איר געפעלט לייבעלע. ווי יעדע געטרייע מאַמע האָט זי אין גרויסן טומל, געצוימען ציילן אירע קינדער. אַלע זיינען געווען אויפן אויג, אָבער לייבעלע האָט געפעלט.

לייבעלע איז ביי איר אויך געווען אַ קינד. ניט קיין גוט קינד, אָבער פאַרט אַ קינד.

— וואו איז לייבעלע? — האָט זי אויסגעשריען אַ צווייטן מאָל, שוין אַביסל העכער.

דער עולם אין שטוב האָט די שוחטקע ניט ריכטיק פאַרשטאַנען. דעם עולם איז איינגעפאַלן, אַז די שוחטקע זוכט לייבעלען, ווייל זי האָט אויף אים אַ חשד, אַז ער ווייסט עפּעס וועגן די חלפים. אַלע אין איין קול האָבן דעריבער אויפגעכאַפּט די פראַגע:

— וואו איז לייבעלע?

לייבעלע האָט זיך באַלד אָפּגעזוכט. וואו זאָל זיין לייבעלע? — לייבעלע איז געווען אין מיטן פון דעם גאַנצן טומל און געפילדער. ער האָט זיך געטומלט גלייך מיט אַלעמען און אפשר נאָך אַביסל מער פון אַלעמען.

— וואו זיינען די חלפים? — איז מען אים באַפאַלן.

לייבעלע איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. וואָס מיינט עס? פאַרוואָס פרעגט מען גראָד אים? פון וואַנען זאָל ער וויסן? ווען ער ווייסט, וואָלט ער דען געוואַרט ביז מען זאָל אים פרעגן?

זיין צעטומלטקייט האָט ביים עולם נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם חשד. אַלע האָבן געקענט לייבעלען. אַלע האָבן געוואוסט וואָס פאַר אַ תכשיט ער איז. אויף אים האָט מען אַלץ געקענט גלויבן. מען האָט אָנגעהויבן צושטיין צו אים שטאַרקער:

— וואו זיינען די חלפים? — רעד ווערטער! — וואו זיינען די חלפים?

— איך ווייס ני'... — האָט לייבעלע אָנגעהויבן ציען מיט אַ וויינענ־דיקער שטימע, אָבער איידער ער האָט פאַרענדיקט דעם „ניט” האָט ער זיך פאַרהאַקט. אין זיין מוח האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק. זיין פנים האָט אויפגעשטראַלט. מיטאַמאָל איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן.

— איך ווייס יאָ, — האָט לייבעלע אויסגעשריען פעסט און זיכער, — דאָס איז בערעלעס אַרבעט.

דערהערט אָט די ווערטער האָט זיך שוין די שוחטקע אַליין גענומען צו אים.

— וואָסער בערעלע? — האָט זי אים שטרענג איבערגעפרעגט.

— בערעלע פישל דוד דעם מלמדס, — האָט לייבעלע רואיק געענט־פערט.

אַרויסזאָגנדיק די ווערטער האָט לייבעלע געקוקט מיט נצחון פון איינעם אויפן אַנדערן. ער האָט זיך געפילט זייער געהויבן, וואָס ער האָט אַנטדעקט דעם סוד. ער האָט דערוואַרט, אַז דער עולם זאָל זיך באַלד אַוועק־לאָזן צו פישל דודן אין שטוב און פון דאָרט באַלד צוריקברענגען בערעלען מיט די חלפים. דער עולם איז אָבער געבליבן רואיק אויפן אָרט. לייבעלעס רייד האָבן ניט געמאַכט קיין רושם. פון די אַרומיקע האָבן עטלעכע אָנגע־הויבן שמייכלען און איינער אפילו האָט זיך צעלאַכט:

—בערעלע גאָר! אַ המצאה פון אַ שקאָץ!

אָבער פונדעסטוועגן האָט מען לייבעלען ווייטער אויסגעפרעגט. אַ קשיא אויף אַ מעשה — אַ קינד וועט דאָך סתם אין דער וועלט אַריין ניט פלאַפלען.

—האָסטו געזען בערעלען נעמען די חלפים?

— ניין, האָט לייבעלע ערלעך געענטפערט.

— האָסטו אים געזען אין שטוב?

— ניין.

— האָסטו אים געזען אַרום שטוב?

— ניין.
— טאַ פאַרוואָס זאָגסטו, אַז עס איז בערעלעס אַרבעט?
— ווייל איך ווייס אַז עס איז זיין אַרבעט, — האָט לייבעלע געענט־פערט שוין ניט אַזוי זיכער.

אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער פאַר אַזאַ חוצפה מסתם געקראָגן אין באַק אַריין, ווי ער האָט פאַרדינט — פאַר אויסטראַכטן אַ בלבול אויף אַ אידיש קינד. דער מאָמענט איז אָבער געווען אַ צו ערנסטער און לייבעלע איז אָפּגעקומען נאָר דערמיט, וואָס מען האָט אים אָפּגעשטופּט מיט כעס אָן אַ זייט.

אַ גרויסער אומגליק האָט געטראָפן דאָס גאַנצע אידישע שטעטל און דעם גאַנצן אידישן ישוב אַרום. אַלע אידן אין שטעטל און אין די דערפער אַרום דעם שטעטל זיינען געשטאַנען אין סכנה צו בלייבן אָן פלייש אויף פּסח. דאָס האָט געמיינט אַ פאַרשטערטער יום־טוב.

— וואָס טוט מען? — האָט אויסגעשריען אַנצעל דער קצב, דער עלטסטער, דער נידעריקסטער און דער אומגעדולדיקסטער פון אַלע דריי קצבים.

— וואָס טוט מען? — האָט אונטערגעכאַפּט משה דער הויכער קצב און האָט פאַרבראָכן מיט די הענט.

— וואָס טוט מען? — האָבן נאָכגעזאָגט אַלע איבעריקע און בשעת־מעשה געקוקט אויף ר׳ זישעלען.

ר׳ זישעלע איז געווען דער חכם פון שטעטל. ער האָט אַלעמאָל און פאַר אַלעמען געפונען אַן עצה. אפשר וועט ער דאָס מאָל אויך עפּעס צו־טראַכטן?

— גיט אַן עצה, — האָט זיך צו ר׳ זישעלען געווענדט הערשל דער מלמד, מיט אויסגעשטרעקטע הענט און זיין גאַנצער שטרויענער גוף האָט געציטערט פון אויפרעגונג.

ר׳ זישעלע איז שוין צוריק געזעסן אויף זיין שטענדיקן פּלאַץ, אויבן־אָןביים טיש, מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט. זיין פּנים איז געווען בלייך פון אויפרעגונג און די אויגן צוגעמאַכט פון מידקייט. עס האָט אויס־געזען, ווי ער וואָלט רואיק איינגעדרעמלט.

— גיט אַן עצה! — האָט הערשל דער מלמד אויסגעשריען נאָך העכער און זיינע אויסגעשטרעקטע הענט זיינען צוגעקומען נאָך נעענטער.

ר׳ זישעלע האָט געעפנט די אויגן.

— וואָס פאַר אַן עצה קען איך געבן ? — האָט ער זיך אָפּגערופן רואיק און געלאַסן, ווי זיין שטייגער איז געווען — ס׳איז ניטאָ קיין עצה. אויב די חלפים וועלן זיך ניט אָפּזוכן, איז שלעכט.

נאָך ר׳ זישעלעס ווערטער איז פאַר אַלעמען נאָך מער קלאָר געוואָרן, אַז מען דאַרף זוכן — ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער עצה, ווי נאָר זוכן.

אָבער וואו זוכט מען, אַז עס איז ניטאָ אויף וועמען אָנפאַלן און ס׳איז ניטאָ וועמען חושד זיין ?

מען האָט דעריבער זיך אָוועקגעלאָזט זוכן בלינדערהייט, איינציקווייז און אין פאַרלעך, וואו עס איז וועמען איינגעפאַלן. מען האָט געזוכט ביי ר׳ זישעלען אויפן הויף, צווישן די האָלץ, וואָס איז געבליבן פון ווינטער, אין שטאַל, איז זאַשעק היי. זאַליע, ר׳ זישעלעס עלטערער זון, האָט זיך מיט אַ ליכט אַרויפגעכאַפּט אויפן בוידעם — אפשר האָבן די חלפים אַהין פאַרבלאָנדזשעט. עס איז זיך געווען שווער פאַרצושטעלן, אַז אימיצער האָט די חלפים צוגעגנבעט. מען האָט זיך משער געווען, אַז דאָס האָט געמוזט זיין די אַרבעט פון עפּעס אַ צולהכעיסניק, וואָס האָט געוואָלט אָפּטאָן אַ צולהכעיס.

די זוכענישן האָבן אָבער צו גאָרנישט געפירט — ניטאָ די חלפים! פאַרפאַלן, ווי אין וואַסער אַריין!

ר׳ זישעלע איז די גאַנצע צייט געזעסןביים טיש און געוואַרט אויף ידיעות. ער האָט זיך אַליין ניט באַטייליקט אין דעם זוכן — דאָס איז געווען אונטער זיין כבוד, אָבער ער איז געזעסן און האָט געוואַרט.

ער איז געווען רואיקער פון אַלעמען. דאָס איז געווען אין זיין נאַטור און חוץ דעם האָט ער געהאַט בטחון. ער האָט ניט געקענט פאַרשטעלן זיך, אַז דער אויבערשטער זאָל אַזוי באַשטראָפן אַן עדה אידן און איבער־לאָזן זיי אָן פלייש אויף פסח. עפּעס וועט געשען — זאָל זיין אפילו אַ נס — עס קען דאָך אַנדערש ניט זיין.

אָבער אינגאַנצן פאַרלאָזן זיך אויף אַ נס, האָט ער געוואוסט, טאָר מען אויך ניט. דער אויבערשטער קומט צו הילף נאָר דעמאָלט, ווען באו מים עד נפש, ווען דאָס וואַסער גייט שוין אַריבער דאָס מויל. אַ מענטש טאָר זיך אָבער ניט אַראָפּלאָזן ביז צו אַזאַ מדרגה. ער דאַרף טאָן אַלץ אין זיין מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיך און ניט וואַרטן פאַר ניסים.

ווען עס איז אַריבער אַ שעה צוויי אין אומזיסטער זוכניש און די חלפים זיינען ניט געפונען געוואָרן האָט ר׳ זישעלע באַשלאָסן, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן.

אין שטוב האָבן זיך די גאַנצע צייט געדרייט מענטשן. אייניקע זיינען אַריינגעקומען, אַנדערע זיינען אַרויסגעגאַנגען. אַלע ווילע איז אימיצער אַריינגעקומען אויסצוגעפינען צי מען האָט שוין עפּעס געפונען. די אַריינגעקומענע האָבן אַ ווילע צווישן זיך מישב געווען און באַלד ווייטער אַוועק זוכן.

— מען דאַרף ברענגען דעם ליפּליאַנער שמידל, — האָט ר׳ זישעלע מיטאַמאָל אַרויסגעזאָגט, — איך האָב געהערט, אַז ער איז אַ שלייפער.

דער געדאַנק האָט אַלעמען אין שטוב אויפגעלעבט. אַ געניאַלער געדאַנק — אַזאַ געדאַנק האָט געקענט איינפאַלן נאָר אַזאַ חכם, ווי ר׳ זישעלע.

דער ליפּליאַנער שמידל איז געווען אַ אידל אַ קליינס און אַ נישטיקס, אָבער אַ בעל־מלאכה איז ער געווען אַ גוטער. ער האָט געקענט מאַכן אַלץ אין דער וועלט. פאַרוואָס זאָל ער, בשעת־הדחק, אויך ניט קענען מאַכן אַ חלף, בפרט נאָך, ווען ער איז אַ שלייפער?

ער האָט געוואוינט ניט ווייט, סך הכל עטלעכע ווערסט פון שטעטל.

דערהערט וועגן דעם שמידל האָבן די צוויי אינגערע קצבים, משה מיט ניסלען, פאַרשטעקט די פּאָלעס אונטערן גאַרטל און געווען גרייט צו לאָזן זיך אין וועג אַריין. אַ באַטרעף ביי זיי דורכגיין דריי ווערסט — זיי וועלן דאָס מאַכן אין איין הרף־עין.

ר׳ זישעלע האָט זיי דאָס אָבער ניט דערלויבט. עס איז שוין געווען צו שפּעט אין דער נאַכט — אַ סכנה צו גיין אַזוי שפּעט איבער וועלדער און איבער טייכן. ביינאַכט, חוץ דעם, קען מען סיי ווי גאָרנישט טאָן, אפילו ווען דער שמידל וואָלט געקענט אויסשלייפן אַ חלף. זאָלן זיי בעסער גיין מאָרגן, גלייך אויף טאָג.

ר׳ זישעלעס פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט און אויף אים קוקנדיק איז אַלעמען פרייַלעכער געוואָרן אויפן האַרצן. ס׳איז דאָ אַן עצה.

— און אַז ניט, — האָט ר׳ זישעלע ווייטער גערעדט, — וועט מען זיך קענען געבן אַן עצה מיט יאָסל דעם שמש בריטווע.

דאָס איז געווען אַ צווייטער געניאַלער געדאַנק, וואָס האָט געקענט נאָר איינפאַלן אַזאַ חכם, ווי ר׳ זישעלע.

יאָסל דער שמש איז אויך געווען דער שערער פון שטעטל און ער האָט פאַרמאָגט אַ בריטווע. די בריטווע זיינע פלעגט ער באַנוצן נאָר אויף גאָלן די נאַקנס. די בערד האָט קיינער אין שטעטל ניט געגאָלט, אפילו ניט

די גוים. אָבער אַ בריטווע איז דאָך אַ בריטווע, אפילו ווען מען גאָלט מיט איר נאָר די נאַקנס.

— מילא, בלית ברירה, וועלן מיר אויסקומען נאָר מיט עופות אויף יום־טוב, — האָט ר׳ זישעלע דערקלערט און אַלעמען איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. די איינציקע, וועמען דער ענין איז ניט געווען געפעלן, זיינען געווען די דריי קצבים, אָבער אפילו זיי האָבן אויך גאָרנישט געזאָגט. זיי האָבן נאָר אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געשוויגן.

ר׳ זישעלע האָט זיך איינגאַנצן באַרואיקט. אַלע זאָרג זיינען אים אַראָפּ פון קאָפּ. ער האָט געפונען אַן עצה.

ער האָט געהייסן נאָכאַמאָל שטעלן דעם סאַמאָוואַר און אַ טייל פון עולם, ווי שפּעט עס איז ניט געווען, איז געבליבן וואַרטן אויף טיי. אַלע האָבן זיך געפילט אין אַ געהויבענער שטימונג — אַ באַרג אַראָפּ פון די פּלייצעס. די שוחטקע האָט געשטראַלט:

—אַ כפּרה, — האָט זי געזאָגט, — דעם היזק — מען וועט קריגן אַנדערע חלפים. עס וועט אָבער זיין פליייש אויף פּסח.

אויסגעלאָזט האָט זיך, ווי ר׳ זישעלע האָט געהאָפּט. מען האָט ניט באַדאַרפט גיין צום ליפּליאַנער שמידל און מען האָט אויך ניט באַדאַרפט אָנקומען צו יאָסל דעם שמש בריטווע.

די פאַרפאַלענע חלפים האָבן זיך אַליין אָפּגעזוכט.

געפונען האָט זיי די שוחטקע און געפונען האָט זי זיי ניט זוכנדיק.

די שוחטקע, וואָס איז געזעסן מיט אַלעמען ביים טיש, האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ ווינט אין די פיס. זי האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר אַ צוק־ווינט. זי האָט זיך אָנגעהויבן צוהערן פון וואַנען דער ווינט קומט און זי האָט געפילט, אַז דער ווינט קומט פון איר אַלקער.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַריין אין אַלקער אויספאָרשן און איז באַלד צוריקגעקומען מיט דעם קעסטעלע חלפים אונטערן האַנט.

אין שטוב איז געוואָרן אַ גרויסער גערודער.

ווי ? ווי אַזוי ? וואו האָט זי זיי געפונען ? — האָבן אַלע אין איין קול אָנגעהויבן שרייען.

די שוחטקע האָט זיי אָבער ניט געפונען. דאָס קעסטעלע מיט די חלפים איז געשטאַנען ביי איר אויפן קאָמאָד, וואו עס איז אַלעמאָל געשטאַנען.

מער ניט, דאָס פענצטער אין אַלקער, וואָס איז אַרויס צום הויף, איז געווען ברייט אָפן.

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

די מעשה מיט די חלפים איז געבליבן אַ סוד אין שטעטל עד היום הזה. דאָס איז ניט געווען די שולד פון דעם שטעטל. אַט דאָס שטעטל, ווי אַלע אַנדערע קליינע אידישע שטעטלעך, האָט ניט געוואוסט פון קיין סודות און האָט פיינט געהאַט סודות.

וואָס עס האָט געטראָפן אין שטעטל, צי אַ גליק, צי אַן אומגליק, חלילה, האָבן דאָס אַלע גלייך געוואוסט — קיינעם איז ניט איינגעפאַלן צו האַלטן עפּעס בסוד פון די איבעריקע. איז דאָס געווען אַ גליק, אַ פּעטער עסקל, אָדער אַ גרויסע מציאה — האָט ער באַדאַרפט גלייך פאַר אַלעמען זיך באַרימען. איז דאָס, חלילה, געווען אַן אומגליק — אַ גנבה, אָדער אַ היזק, האָט ער באַדאַרפט אַז אַלע זאָלן אים העלפן, מיט אַן עצה, אָדער לכל הפחות מיט אַ קרעכץ.

נו, געוויס, עס זיינען געווען אַזעלכע זאַכן, ריין פּערזענלעכע, וואָס דער בעל-דבר אַליין האָט ניט געקענט דערציילן, צי ווייל ער האָט זיך געשעמט, צי ווייל עס איז אים ניט אָנגעשטאַנען, אָדער ווייל עס איז געווען פּשוט אַן עבירה. אָבער דאָס האָבן געטאָן אַנדערע פאַר אים, קענגן זיין וויסן און קעגן זיין ווילן, און געטאָן האָבן זיי עס מיט גרויס חשק.

דער כלל אין שטעטל איז געווען:

„הימל און ערד האָבן געשוואוירן, אַז עס זאָלן קיין פאַרבאָרגענע זאַכן ניט זיין אויף דער וועלט“.

אַט דער כלל איז זייער שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן אין שטעטל.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט, למשל, געוואוסט, אַז זאליע דעם שוחטס, אַזוי האָט מען אים גערופן, איז פאַרליבט אין ביילקען, נחום בערס דעם נגידס טאָכטער. ניט ער האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע און ניט ער האָט אימיצן אַנדערש פאַרטרויט דעם סוד, אָבער פונדעסטוועגן האָט דאָס גאַנצע שטעטל געוואוסט דערפון.

מען האָט אויך געוואוסט, אַז שמואל פּעשע רייזלס, אַ בחור אין שידוכים, האָט געפירט אַ ראָמאַן מיט אַ סאָלדאַטקע אין אַ צווייטן דאָרף. פרעגט ניט פון וואַנען און פרעגט ניט ווי אַרום, אָבער מען האָט געוואוסט.

דאָס האָבן געוואוסט אפילו די קליינע קינדער. אַ ראיה האָט איר, אַז ווען שמואל פלעגט זיך באַווייזן אין גאַס פלעגן אים די קינדער נאָכלויפן און שרייען:

„טעקליאַ, טעקליאַ, טעקליאַ". דאָס איז געווען דער נאָמען פון דער סאָלדאַטקע, אַ יונגע, שיינע פויערטע, וועמעס מאַן עס האָט געדינט אין דער אַרמיי.

מען האָט אויך געוואוסט, אַז גרונימקע דער שניידער האָט צוגעגנבעט ביים פּריץ דעם שוואַרצן זשערעבעץ. דעם פּריץ און אויך דער נאַטשאַלסט־וואָ אין שטעטל איז גאָר ניט איינגעפאַלן חושד צו זיין גרונימקען. זיי האָבן נאָר געוואוסט, אַז ער איז אַ שניידער. דאָס שטעטל האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז ער איז אַ גנב.

זאָל איך אַזוי גיין ווייטער? ניין, ניט נויטיק. דאָס וועט זיין גענוג. דאָס שטעטל האָט אַלץ געוואוסט און דאָס וואָס זי האָט ניט געוואוסט, האָט זי אויסגעטראַכט.

עס האָט ניט געטאָרט זיין קיין סודות. אַלץ האָט באַדאַרפט זיין אָפן, ווי אויפן האַנט.

די מעשה מיט די חלפים האָט אָבער דאָס שטעטל בשום אופן ניט גע־קענט דערקלערן. וועגן דעם האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל געקאָכט אויף מאָרגן אינדערפרי, פאַרן דאַוונען און נאָכן דאַוונען. אויף אַט דער רע־טעניש האָבן געאַרבעט די צוויי בעסטע קעפּ אין שטעטל, הערשל דער מלמד, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען פאַרן גרעסטן בעל־חשבון, און חיים עליע דער בוכהאַלטער, וואָס איז געווען באַקאַנט פאַר דעם גרעסטן קענער. ער האָט געקענט, אַט דער חיים עליע, ניט נאָר די חכמה פון ביכער פירן, נאָר ער האָט אויך געקענט שרייבן רוסיש און אפילו דייטש. אַט די צוויי שאַרפע קעפּ האָבן פאַרבראַכט אפשר אַ שעה אויפן זייגער נאָכן דאַוונען אויף אַט דער רעטעניש מיט די חלפים און זיי ביידע האָבן זי בשום אופן ניט געקענט צעקייען.

— עס איז דאָך אַ פּשוטער ממה נפשך, — האָט געפּלפּולט הערשל דער מלמד, — ממה נפשך, זאָל איך זאָגן, אַז דאָס האָט געגנבעט אַ פּשוטער גנב, פרעגט זיך די קשיא, פאַרוואָס האָט ער געבראַכט צוריק? אַ גנב

וואָלט עס מסתם אָוועקגעפירט אין אַן אַנדער שטעטל און וואָלט מסתם זיי געזוכט צו פאַרקויפן. אלא וואָס דען, מוז איך דאָך זאָגן, אַז דאָס האָט געטאָן ניט קיין פּשוטער גנב, נאָר אימיצער וואָס האָט געוואָלט אָפּטאָן אַ צולהכעיס דעם שוחט, דער שוחטקע, אָדער דעם גאַנצן שטעטל; פרעגט זיך די קשיא — ווער האָט עס געקענט זיין?

—אָט דאָס טענה איך דאָך אויך, — האָט זיך געהיצט חיים עליע דער בוכהאַלטער, — הערסט דען ניט, וואָס איך רעד צו דיר? איך טענה דאָך די גאַנצע צייט, אַז דאָס איז ניט געווען די אַרבעט פון אַ פּשוטן גנב. דאָס האָט באַדאַרפט אָפּטאָן עפּעס אַ צולהכעיסניק.

— אָט דאָס זאָג איך דאָך, — האָט אים איבערגעשלאָגן הערשל דער מלמד, — איך זאָג, אַז עס איז אַ פּשוטער· ממה נפשך. זאָל איך זאָגן — —?

— וואָס זאָגסטו? — האָט זיך חיים עליע אָנגעהויבן כעסן, — דו זאָגסט, וואָס איך זאָג. איך זאָג עס איז ניט געווען קיין פּשוטער גנב.

— דאָס זאָג איך דאָך!

— טאָ וואָס זשע שפּאַרסטו זיך?

— ווער שפּאַרט זיך — איך שפּאַר זיך?

— ניין, ווער דען — איך שפּאַר זיך?

אָט אַזוי האָבן די צוויי שאַרפע מוחות פון שטעטל זיך געשפּאַרט און געאַמפּערט אפשר אַ שעה אויפן זייגער און צו קיין טאָלק ניט געקענט קומען, ביז וואַנען מען איז געקומען זיי רופן אַהיים, עסן וואַרמעס.

ביים וואַרמעס האָט דאָס גאַנצע שטעטל ניט גערעדט וועגן קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר וועגן די חלפים. די בעל־מלאכות אין שטעטל, וואָס האָבן ניט געקענט איבעררייסן די אַרבעט אפילו פאַר וואַרמעס, האָבן וועגן דעם גערעדט ביי זייערע וואַרשטאַטן. אַלע האָבן זיך געבראָכן די קעפּ אויף איין פראַגע:

— ווער האָט עס געקענט זיין?

אַלע האָבן געוואוסט, אַז עס איז געווען די אַרבעט פון אַ מענטשן, און ניט פון אַ מלאך, אָדער, להבדיל, פון אַ ניט־גוטן. ווער האָט דאָס אָבער געקענט זיין?

דאָס האָט באַדאַרפט זיין די אַרבעט, האָבן אַלע מסכים געווען, פון אַ שונא. אַ גוטער פריינט וועט דאָך אַזאַ זאַך ניט טאָן. ווער האָט אָבער גע־קענט זיין אַזאַ שונא צו קענען אָפּטאָן אַזאַ זאַך?

נו, געוויס, ר׳ זישעלע האָט אויך געהאַט שונאים אין שטעטל — וועל־כער איד האָט עס ניט? —אָבער איבערציילנדיק אויף די פינגער אַלע זיינע שונאים האָט מען ביי זיך ניט געקענט פועלן חושד זיין קיין איינציקן פון זיי, אַז ער זאָל קענען אַפּטאָן אַזאַ זאַך.

נאָר איין איינציקער אין גאַנצן שטעטל האָט זיך ניט געקענט פאַרגינען דעם פאַרגעניגן אַרומצורעדן דעם גאַנצן ענין מיט זיין הויז־געזונט, ווי עס האָט באַדאַרפט צו זיין, און דאָס איז געווען פישל דוד דער מלמד.

פישל דוד האָט געהערט ביים דאַוונען אין בית־מדרש, אַז מען האָט זיין בערעלעס נאָמען דערמאָנט בשעת דער גרויסער בהלה ביי ר׳ זישעלען אין שטוב, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז די חלפים זיינען צוגעגנבעט געוואָרן. פישל דוד איז גראַד יענעם שבת צו נאַכטס ביי ר׳ זישעלען ניט געווען. ער האָט זיך געפילט לא עליכמדיק נאָכן טשאָלנט און באַלד נאָך הבדלה האָט ער זיך צוגעלייגט. ער האָר גאָרנישט געוואוסט ביז אויף מאָרגן אין דער פרי ביים דאַוונען און ווען ער האָט דערהערט די מעשה וועגן די חלפים האָט ער זיך שטאַרק געחידושט און עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן למאי ער איז דערביי ניט געווען. ווען ער האָט אָבער דערהערט וועגן דעם חשד אויף זיין בערעלען האָט עס אים שטאַרק אַ ברען געטאָן. ער איז געוואָרן מלא רציחה. אמת, מען האָט אים גלייך אויפן אָרט באַרואיקט, אַז קיינער האָט דאָס ניט געגלויבט, סיווי, אָבער פונדעסטוועגן האָט אין פישל דודן געברענט דער כעס. וואָרום זאָל מען גאָר אַזעלכע זאַכן אפילו אַרויפברענגען אויף די ליפּן?

ווען ער איז געקומען אַהיים פון דאַוונען האָט ער עס גלייך דערציילט דער מלמדקע. העניע האָט זיך אָנגעצונדן נאָך מער פון פישל דודן און אים גלייך אַוועקגעשיקט צו ר׳ זישעלען זיך אויספירן.

— גיי שוין, די מינוט, און גיב זיי דאָרטן, וואָס מיר איז אויפן האַרצן, — האָט אים די מלמדקע באַפוילן מיט אַ שטרענגען טאָן, אויף איר באַסאָ־ווער שטים, און באַלד איז זי אַריבער אויף איר סאָפּראַן, — אָט דאָס האָט נאָך אונז געפעלט — אַ בלבול אויף אונזער קינד!

פישל דוד איז גלייך אַוועק. ער האָט אַליין אויך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג. מען טאָר ניט לאָזן די זאַך אַוועקצוגיין צו ווייט — מען מוז זיך אויספירן אויפן אָרט. אויב ער וועט פאַרשווייגן וועט דאָס נאָך קענען אויסגעטייטשט ווערן, אַז ער איז זיך מודה אין דער גנבה — שתיקה כהודאה דמיא. און מער פעלט אים ניט! ער וועט בלייבן אַן אָפּגע־

קאַכטער — ער וועט בלייבן אַן אַ קנעלונג. ווער וועט עס וועלן געבן זיינע קינדער צו אַ מלמד, וואָס האָט אַ זון אַ גנב?

פישל דוד האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס שטעטל האָט ניט געגלויבט אין דער באַשולדיקונג אויף זיין בערעלען. דאָס שטעטל האָט געזוכט אַ מער חשובן גנב, ווי עפּעס אַ קליינעם אינגל. ווי אַזוי קען אַ קליינעם אינגל גאָר איינפאַלן אַפּצוטאָן אַזאַ זאַך? אין זיין פּשטות האָט פישל דוד געגלויבט, אַז די סיבה פאַרוואָס דאָס שטעטל רעדט אַזוי ווייניק וועגן זיין בערעלען איז ווייל זי וויל אים ניט פאַרשעמען אין די אויגן. אונטער די אויגן, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, רעדט מען שוין געוויס.

ווען פישל דוד איז אַריינגעקומען צו ר׳ זישעלען איז דאָס גאַנצע הויז־געזינט געזעסן ביים טיש און געגעסן וואַרמעס. דאָס האָט אָבער ניט אויס־געמאַכט. אין דעם שטעטל האָט מען ניט געוואוסט פון קיין צערעמאָניעס, בפרט נאָך ווען מען האָט זיך באַדאַרפט אויספירן. אַלע צייטן זיינען גוט פאַר דעם — בייטאָג אָדער ביינאַכט, צו וואַרמעס, אָדער צו וועטשערע. אַז מען האָט באַדאַרפט זיך אויספירן האָט מען געמעגט אפילו אויפוועקן פון שלאָף.

אויפן וועג איז שוין אפילו דער כעס ביי פישל דודן אַביסל אָפּגעגאַנגען, אָבער אין האַרצן האָט נאָך ביי אים געוויס געברענט, אַז ער זאָל קענען אויסשרייען, גלייך ביים אַריינקומען:

— אַ נבלה, אויף מיינע נאמנות!

אַלע האָבן אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און ר׳ זישעלע האָט זיך איבערגעקוקט מיט דער שוחטקע. זיי האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. ס׳איז עפּעס דאָ אַ רכילות און פישל דוד איז געקומען זיך אויספירן.

נו, אַז אַ איד קומט זיך אויספירן, דאַרף מען אים אויסהערן. אַ רכילות קען ניט וואַרטן, אַז ניט קען זי חלילה זויער ווערן. אַ רכילות איז גוט, ווען מען שעפּט זי אויס הייסערהייט.

— וואָס איז די נבלה? — האָט זיך אָנגערופן די שוחטקע. אין אַזעלכע זאַכן האָט זי געהאַט דאָס ערשטע וואָרט.

— סטייטש, — האָט זיך פישל דוד אָנגעהויבן היצן, — מע נעמט און מע טראַכט אויס אַ שם־רע אויף מיין קינד. דאָס איז נבלה! פאַר אַזאַ זאַך דאַרף מען ברעכן פענצטער!

ר׳ זישעלע האָט זיך נאָכאַמאָל איבערגעקוקט מיט זיין ווייב. ווען אַ איד רעדט שוין פון ברעכן פענצטער איז אַ סימן, אַז עס איז שוין זייער אַ גרויסע רכילות. דאָס האָט שוין געמיינט אַז ר׳ זישעלע דאַרף שוין נעמען די זאַך אין זיינע אייגענע הענט.

— טאָ זאָג זשע מיר, איידער דו ברעכסט פענצטער, — האָט ר׳ זי־שעלע אָנגעהויבן רואיק און געלאַסן, ווי זיין שטייגער, אָבער אין זיין קול האָט זיך געפילט אַביסל פאַרדרוס, — טאָ זאָג זשע מיר, ווער איז דער „מע״ — „מע״ זאָגט, „מע״ רעדט — „מע״ איז אַ ציג.

— ניט אַ ציג זאָגט, נאָר מענשען זאָגן, — האָט פישל דוד געענטפערט שוין אַביסעלע ווייכער.

— ווער זיינען די מענטשן און וואָס זאָגן די מענטשן ?

— מענטשן זאָגן, אַז דאָס האָט מיין בערעלע...

פישל דוד האָט ניט פאַרענדיקט. ער האָט באַדאַרפט אויף אַ ווילע זיך אָפּשטעלן אָפּצוציען דעם אָטעם — אַזוי שטאַרק איז ער געווען אויפ־געגרעגט. ער האָט אוודאי ניט געוואָלט זיין קיין עזות־פּנים אַנטקעגן ר׳ זישעלען, אָבער ער האָט אויך ניט געקענט פאַרשווייגן.

אבער ביז וואַנען פישל דוד האָט געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם און ווייטער קענען רעדן, איז איין פלאַץ ביי ר׳ זישעלעס טיש מיטאַמאָל גע־וואָרן ליידיק. דאָס איז געווען דער פלאַץ, וואו לייבעלע איז מיט אַ ווילע צוריק געזעסן. קיינער האָט ניט געזען ווי אַזוי און ווי אַרום, אָבער לייבעלע איז מיטאַמאָל ניט געוואָרן. מען האָט נאָר געהערט, ווי די טיר האָט זיך פאַרמאַכט, ווען לייבעלע איז שוין געווען אויף יענער זייט.

ווי נאָר פישל דוד איז אַריין אין שטוב האָט זיך ביי לייבעלען אָפּגע־ריסן אין האַרצן. ער האָט דערפילט אַז עס קומט שוין אָן אַ נייער שטורעם אויף זיין קאָפּ. ווי נאָר פישל דוד האָט געעפנט דאָס מויל און האָט אויס־געשריען: „אַ נבלה״, האָט שוין לייבעלע געוואוסט, אַז דאָס מיינט מען אים. ער האָט גלייך אָנגעהויבן זוכן אַ וועג, ווי אַזוי צו אַנטרינען. וואָרטן וואָלט געמיינט זייער ניט קיין אַנגענעמע אויספאַרשונג, וואָס וואָלט געקענט פירן צו אַ פּאָר פייערדיקע פּעטש פון דער מאַמען, אויב ניט צו עפּעס ערגערס. די גלייכסטע זאַך איז געווען זיך אָפּצעטראָגן באַצייטנס און דאָס האָט לייבעלע געטאָן. שטיל, ווי אַ קעצל, האָט ער זיך אַרונטערגערוקט אונטערן טיש. פון דאָרט איז געווען ניט מער ווי אַ פּאָר שפּאַן צום טיר

און לייבעלע איז ניט געוואָרן. קיינער האָט ניט באַמערקט לייבעלעס מאָ־נעוורע, ווייל אַלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדט אויף פישל דודן.

ווען פישל דוד האָט סוף־כל־סוף זיך אָנגענומען מיט לשון און האָט געקענט אָנווייזן מיטן פינגער, ווער דער „מע" איז, איז שוין דער באַשול־דיקטער געווען אייף דער צענטער גרענעץ.

לייבעלע האָט זייער גלייך געטאָן.

ווי נאָר פישל דוד האָט דערמאָנט בערעלעס נאָמען האָבן זיך די אויגן סיי ביי ר' זישעלען און סיי ביי זיין ווייב זיך אָנגעצונדן. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגענט, באַלד זיך פאַנאַנדערגעשיידט און אָנגעהויבן זיך ציען צום פלאָץ, וואו לייבעלע איז געזעסן. ביידע האָבן גלייך פאַר־שטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך — וועגן די חלפים. בייזע צינגער האָבן אויפגעכאַפּט לייבעלעס נעכטיקע באַמערקונג — „דאָס איז געווען בערעלעס אַרבעט" — און האָבן עס צעלייגט אויף טעלערלעך. פישל דוד איז געווען גערעכט. אויסטראַכטן אַ שם־רע אויף אַ אידיש קינד איז געווען אַ נבלה. און ווער? — זייער לייבעלע.

אָבער לייבעלע איז שוין ניט געווען. די בייזע בליקן פון זיין טאַטע־מאַמע האָבן אויסגעשאָסן אין אַ ליידיקן פלאָץ. עס איז געווען אַרויסגע־וואָרפן צו גיין זוכן לייבעלען — ער האָט זיך שוין געוויס באַהאַלטן.

עס איז נאָר געבליבן צו באַרואיקן פישל דודן און דאָס האָט אויף זיך גענומען די דיפּלאָמאַטישע שוחטקע. זי האָט געקענט רעדן ווייך, ווען זי האָט באַדאַרפט.

עס איז איר געווען אַ גרויסער חידוש, האָט זי געזאָגט, וואָס פישל דוד האָט זיך אַזוי אויפגעקאָכט. מאַלע וואָס אַ קינד פּלאַפּלט. אינגלעך, שטיפער, האָבן זיך צעשלאָגן, כ'מיין — ס'איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. קיינער האָט גאָרנישט געזאָגט, קיינער האָט גאָרנישט געמיינט — פישל דוד נעמט זיך אומזיסט צום האַרצן.

דאָס איז געווען אַלץ, וואָס פישל דוד האָט באַדאַרפט. ער האָט געקענט גיין און דאָס איבערגעבן וואָרט ביי וואָרט אַלע איבעריקע אין שטעטל. ער איז אַוועק אַ באַרואיקטער.

איין און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

פישל דודס רואיקייט האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן.

געגאַנגען איז ער צוריק אַהיים מיט אַ געהויבענעם געמיט און מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, ווי אַ זיגער. ער איז געווען שטאַרק צופרידן מיט זיך, וואָס ער, פישל דוד, אַ שלים־מזלדיקער מלמד, האָט גערעדט אַזעלכע שאַרפע רייד צו ר׳ זישעלען און זיין ווייב און האָט אפילו געבראַכט דערצו, אַז די שטאָלצע שוחטקע זאָל זיך דאַרפן פאַר אים פאַרענטפערן.

„אַ נבלה אַזאַ!״ האָט ער גערעדט צו זיך אַליין, „זיי מיינען אַז זיי מעגן אַלץ״.

מיט די „זיי״ האָט ער געמיינט ר׳ זישעלען, זיין ווייב און זיין גאַנץ הויז־געזינט. עס איז אויסגעקומען אַז זיי אַלע האָבן אויסגעטראַכט דעם בלבול אויף זיין בערעלען. אַזוי פירט זיך שוין אין קליינע שטעטלעך — די גאַנצע פאַמיליע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן איינעם פון זיך, ווער דאָס זאָל ניט זיין, קליין אָדער גרויס. ווען לייבעלע האָט עפּעס גע־טאָן, אָדער געזאָגט, איז ר׳ זישעלע געווען שולדיק, זיין ווייב און אַלע זיינע ברידער און שוועסטער.

אַריינגעקומען אין שטוב צו זיך איז פישל דוד מיט מער ווערדע, ווי געוויינלעך. ער האָט זיך געקליבן איבערצוגעבן זיין ווייב אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט, וואָס ר׳ זישעלע האָט געזאָגט און וואָס די שוחטקע האָט געזאָגט, צוגעבנדיק אַ גאַנץ רייכן צולאָג אָן אייגענעם. דעמאָלט וואָלט ער „זיי״ נאָך מער געגעבן. ער וואָלט שוין געזאָגט אַלץ וואָס עס איז אים געווען אויפן האַרצן און וואָלט קיין כבוד ניט געלייגט אפילו אויף ר׳ זישעלען.

עס איז אָבער ניט באַשערט געווען פישל דודן דורכצולעבן אָט דעם מאָמענט פון גרויס נצחון. ער האָט ניט געהאַט פאַר וועמען אויסצעגיסן זיין איבערגעפולט האַרץ, סיידן פאַר די ליידיקע ווענט. די שטוב איז גע־ווען פוסט — ניט געווען קיין לעבעדיקער נפש.

פישל דודס שטאָלץ איז מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן. פון אָנהויב האָט אים פאַרדראָסן למאי ער האָט קיינעם ניט געפונען. אַ ווײַלע שפּעטער איז ער געוואָרן אומרואיק. פון דער פוסטקייט פון דער שטוב האָט געווייט עפּעס אַ מורא.

עס איז אפילו ניט געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז פישל דוד זאָל קומען אַהיים און קיינעם ניט געפינען, בפרט נאָך בין־הזמנים. די מלמדקע איז ניט געווען קיין שטוב־זיצערין. זי פלעגט זיך אַרומדרייען איבערן שטעטל זוכן מציאות און נאָך דעם זיי פאַנאַנדערטראָגן צו אירע קונים. נו, אַז אַ מאַמע איז פאַרנומען איז ניטאָ ווער עס זאָל אַכטונג געבן אויף די קינדער. די קינדער פלעגן דעריבער גאַנץ אָפט צעזייט ווערן, ווי אַ טשערעדע אָן אַ פּאַסטוך, איבער אַלע גאַסן און געסלעך פון שטעטל. עס פלעגט נעמען צייט ביז וואַנען מען פלעגט זיי אויפקלייבן און צונויפנעמען אייניציקווייז, ווי די בלודנע שעפּעלעך.

דאָס מאָל האָט אָבער די טשערעדע שוין באַדאַרפט זיין פאַרזאַמלט. עס איז געווען פאַר וואַרמעס. אַ ווײַלע צוריק, איידער ער איז אַוועק צו ר׳ זישעלען זיך אויספּירן, זיינען שוין כמעט אַלע געווען אין שטוב. איצטער האָט ער קיינעם ניט געפונען. עס האָט אויסגעזען זייער מאָדנע. עפּעס האָט געמוזט טרעפן.

און עס האָט טאַקע עפּעס געטראָפן, ווי מיר וועלן זיך באַלד דערוויסן.

„וואו זייט איר אַלע אויסגערונען?“, האָט פישל דוד אָנגעהויבן זיך בייזערן אויף די ליידיקע ווענט. אַזאַ טבע האָט ער געהאַט — ווען ער איז געווען בייז און האָט ניט געהאַט אויף וועמען אויסצולאָזן זיין כעס, פלעגט ער זיך נעמען בייזערן אויף די ליידיקע ווענט.

ערגעץ וואו, פון אַ ווינקל האָט זיך דערהערט אַ קייכיקער הוסט און באַלד נאָך דעם האָט זיך דערהערט אַ קינדערשע שטים. דאָס איז גע־ווען איציקלס קולכל, פישל דודס אינגסטער זון.

איציקל איז געווען אַ אינגל אַ חלוש, ער האָט אַלעמאָל געהוסט און איז אַלעמאָל אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרבונדן העלדזל. אַ גאַנץ ווינטער פלעגט איציקל זייער גרינג זיך פאַרקילן. ער האָט נאָר געזוכט וואַרימע פּלעצער און זיין ליבסטער פּלאַץ איז געווען אין אַ ווינקעלע, אויפן אויוון, וואו ער האָט זיך אויסגעבעט אַ נעסטעלע פון אַלטע שמאַטעס. אַרויסגיין פלעגט איציקל ערשט ווען עס פלעגט ווערן גוט וואַרעם. יענער טאָג איז

נאָך געווען אַביסל ווינטיק און איציקל האָט זיך פאַרקליבן אין זיין ווינקעלע אויפן אויוון.

אַ אינגעלע איז דאָס געווען נאָך גאָר אַ קליינס, אפשר ניט מער ווי אַ יאָר דריי. ער האָט נאָך ניט געקענט אַרויסרעדן שאַרף דעם „ריש“ מיטן „למד“.

— די מאַמע איז אַוועק זוכן בעיעיען מיט דע ציגעיע“, — האָט איציקל געלאָזט מעלדן פון זיין נעסטעלע אויפן אויוון.

„בעיעיע מיט דע ציגעיע“, האָט אים פישל דוד איבערגעקרימט, ווי ביטער ס'איז אים ניט געווען אויפן האַרצן. ער פלעגט אים אַלעמאָל איבערקרימען, ווייל ער האָט ניט געקענט ליידן, וואָס זיינס אַ קינד רעדט אַזוי. „קענסט ניט רעדן ווי אַ מענטש?“ האָט ער זיך צעבייזערט שוין אויף איציקלען — „בעיעיע מיט די ציגעיע“, — האָט ער אים איבערגעקרימט נאָכאַמאָל.

איציקל האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענט־פערן. וויפיל מאָל ער האָט ניט פּרובירט צו רעדן ווי אַ מענטש האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. עס פלעגט אַלעמאָל אַרויסקומען „בעיעיע“, „ציגעיע“, „קאַיטאָפּו“, אַנשטאָט קאַרטאָפּל, „פּיודעיען“, אַנשטאָט פּלודערן און „פּ'יעש“, אַנשטאָט פלייש.

איציקל איז גראָד געווען זייער אַ געהאָרכזאַמער. ער האָט געוואָלט צוליב טאָן און געוואָלט לערנען, ווען אימיצער פון זיינע עלטערע ברידער האָט זיך גענומען אים לערנען רעדן ווי אַ מענטש. דאָס פלעגט טרעפן גאַנץ אָפט, ווען אימיצן האָט זיך פאַרגלוסט צו האָבן אַביסל שפּאַס אויף דעם אָרימען איציקלס חשבון.

— זאָג קאַרטאָפל, — פלעגט יענער צו אים צושטיין.

— קאַיטאָפּו, — פלעגט איציקל ענטפערן ווי אַ שולדיקער.

— זאָג בערעלע.

— בעיעיע.

— זאָג פלייש.

— פּ'יעש.

אַזוי פלעגט עס אָנגיין ביז וואַנען פישל דודיכע פלעגט זיך אַריינמישן און מאַכן אַ סוף צו דער קאָמעדיע.

— וואָס האָט איר צום קינד? — פלעגט זי זיך צעשרייען, — נישקשה, ער וועט קענען, ער וועט קענען — ער וועט קענען בעסער פון אייך!

פישל דוד האָט אויך געוואוסט, אַז איציקל וועט קענען, אָבער פונדעסט־וועגן פלעגט עס אים פאַרדריסן. דער מלמד אין אים האָט ניט געקענט פאַרטראָגן קיין גרייזן.

דאָס מאָל איז אָבער ניט געווען די צייט צו לערנען איציקלען צו רעדן ווי אַ מענטש. פישל דוד האָט געהאַט וויכטיקערע זאַכן צו טאָן. פון אויוון האָט זיך געהערט דער ריח פון צוגעברענטע קאַרטאָפּלעס. דאָס איז געווען דער וואַרמעס, וואָס די מלמדקע האָט איבערגעלאָזט אויף הפקר. פישל דוד האָט געכאַפּט די ווילקע און אָפּגערוקט דאָס טעפּל פון פייער.

ער איז געוואָרן נאָכאַמאָל אין כעס, אָבער שוין ניט אויף איציקלען, וואָס קען ניט רעדן ווי אַ מענטש, נאָר אויף זיין באַלעבאָסטע.

— וואו האָט זי געקענט פאַרפאַלן ווערן? — האָט זיך פישל דוד צעשריען, צעבאַקנדיק די הענט ביים הייסן אויוון. אַ שלימזל אַ איד — ער האָט ניט געקענט אָפּרוקן אַ טעפּל קאַרטאָפּל פון פייער, ניט צעבאַקנדיק זיך די הענט. דאָס טעפּל האָט זיך ביי אים געוואָרפן אין אַלע זייטן, ווי אַ רשע אין גיהנום, און עטלעכע מאָל האָט ער זיך שיעור־שיעור ניט אַי־בערגעקערט.

— וואו איז די מאַמע אַוועק? — האָט זיך פישל דוד געווענדט נאָכ־אַמאָל צו איציקלען.

— אַוועק זוכן בעיעיע מיט די ציגעיע, — איז געקומען דער פריער־דיקער ענטפער.

— וואו איז זי געגאַנגען?

— ווייס ניט.

— וואו זיינען אַלע?

— ווייס ניט.

פאַר פישל דודן איז קיין אַנדער ברירה ניט געבליבן, ווי אויך אַוועק־גיין זוכן. ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט ניט דאַרפן ווייט גיין ביז ער וועט אימיצן אָנגעגענען און אַז ער וועט אימיצן באַגעגענען וועט ער שוין וויסן אַלץ. דאָס שטעטל איז געווען אַ קליינס. איינגאַנצן איז דאָס באַשטאַ־נען פון עטלעכע גאַסן. גיי נאָר אַרויס אין דרויסן און אימיצער קומט שוין דיר אַנטקעגן.

און כך הוה — אַזוי איז טאַקע געווען.

פישל דוד איז אָפּגעגאַנגען אפשר ניט מער ווי אַ צען טריט, ערשט עס קומט אים אַנטקעגן — טרעפט ווער? — טאַקע זיין פישל דודיכע

אַליין. די אידענע איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרזאָרגט און פאַרצאָרנט, אַז פישל דוד האָט קיין האָרץ ניט געהאַט אויף איר זיך צעבייזערן למאַי זי האָט געלאָזט דאָס טעפּל קאַרטאָפלעס זיך צוברענען. נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זי עפּעס צו פרעגן האָט די מלמדקע אַליין אָנגעהויבן אויף אירע אונטערשטע טענער.

— אַ קלאָג איז צו מיר, פישל דוד, אַ בראָך איז צו מיר — בערעלע איז פאַרפאַלן געוואָרן.

פישל דוד איז געבליבן שטיין ווי אַ געליימטער.

— וואָס הייסט פאַרפאַלן געוואָרן?

— פאַרפאַלן געוואָרן, זאָגט מען דיר! — האָט די מלמדקע אָנגעהויבן שוין אַביסל העכער, — פון אינדערפרי אָן פאַרפאַלן געוואָרן און ווי אין וואַסער אַריין — בערעלע מיט דער ציגעלע.

זי האָט שוין אים אויסגעזוכט, די מלמדקע, וואו דאָס שטעטל האָט אַן עק. זי האָט אַלעמען איבערגעפרעגט — קיינער האָט אים ניט געזען.

זי איז אים אַוועק זוכן באַלד נאָך דעם, ווי פישל דוד איז אַוועק צו ר׳ זישעלען זיך אויספירן. פאַר דעם האָט זי געשיקט די קינדער אים זוכן. זי האָט פישל דודן גאָרנישט געזאָגט, ווען ער איז געקומען פון דאַווענען, ווייל זי האָט זיך גערעכנט אַז אַט־אַט און בערעלע וועט אַריינקומען. זי האָט געמיינט אַז ער האָט זיך ערגעץ פאַרשפּילט. ערשט אַז די קינדער זיינען צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז זיי האָבן בערעלען ניט געקענט געפינען איז זי אַליין אַוועק זוכן. פאַרענדיקט האָט זי נאָכאַמאָל מיט דעם זעלבן פּזמון:

— אוי, אַ בראָך איז צו מיר! אוי אַ קלאָג איז צו מיר!

פישל דודן איז די מעשה אַריין טיף אין דער נאָז. אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ טיפע זאָרג, אַ צווייענדיקע זאָרג.

אודאי האָט ער זיך געזאָרגט וועגן בערעלען — יעדער טאַטע זאָרגט זיך וועגן זיין קינד. ער האָט זיך אויך געזאָרגט טאָמער האָט ער חלילה אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס ביי ר׳ זישעלען. אין געדאַנק זיינען אים דורכגעלאָפן בערעלע, די ציגעלע, די חלפים — די מעשה איז עפּעס ניט גלאַט.

ער איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפענעם מויל און מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן. דער מוח האָט ביי אים שנעל געאַרבעט — בערעלע, די ציגעלע, די חלפים. אַ אינגל אַ מזיק, אַ היציקער, אַ ברען — ווער ווייסט? און ער איז אַ איד אַ מלמד, וואָס איז נאָך ניט זיכער מיטן קנעלונג. ערשט

חול־המועד וועט ער וויסן אויף זיכער. און דאָ לויפט ער צו ר׳ זישעלען און מאַכט אַ סקאַנדאַל — רעדט וועגן ברעכן פענצטער. אַ מלמד טאָר קיין עזות־פּנים ניט זיין.

אַזוי איז ער געשטאַנען, געקנייטשט דעם שטערן און ניט געפונען קיין לשון וואָס צו זאָגן. די מלמדקע האָט אים אויפגעוועקט פון זיין טיפן טראַכטן.

— וואָס שטייסטו ווי אַ גלאָמפּ מיט צוויי אויגן? — האָט זי זיך אויף אים צעשריען, — גיי, טו עפּעס, גיב אַ זוך!

ביי פישל דודן האָט גענאָגט אונטערן האַרצן. אין זיינע נאָז־לעכער האָט ער נאָך געפילט דעם ריח פון די צוגעברענטע קאַרטאָפל און דער גומען האָט געבענקט נאָך אַ שטיקל ברויט מיט זאַלץ, נאָך דער ברכה פון „המוציא״. ער איז געווען הונגעריק — אַ גאַנצן טאָג, אַז ער האָט אין מויל ניט געהאַט.

זיין ווייבס בייזערן זיך האָט אָבער זיין הונגער איינגעשטילט, ווי דורך אַ כשוף. טאַקע, ווי קען זיין אַ איד אַזאַ זולל וסובא, האָבן אַזאַ טריפה האַלז, ווען ביי אים איז אַ קינד פאַרפאַלן געוואָרן? וועמען קען ליגן אין זינען אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי עסן? עס וואָלט געווען אַן עבירה פאַר גאָט און אַ חרפה פאַר לייטן.

פישל דוד האָט אָבער געהאַט שכל גענוג אַנצוזאָגן זיין ווייב מיטן האַרבן וואָרט, אַז זי זאָל ניט מאַכן קיין טומל. דאָס שטעטל, האָט ער איר געגעבן צו פאַרשטיין, טאָר דערפון ניט וויסן; אַז ניט וועלן בייזע צינגער באַלד אָנהויבן פלאַפלען און מער פעלט זיי ניט!

דאָס אָפּגעזאָגט און פישל דוד האָט זיך גלייך אַוועקגעלאָזט. וואוהין?

— דאָס האָט ער אַליין ניט געוואוסט. ער איז געגאַנגען, ווייל ער האָט ניט געקענט שטיין אויף איין אָרט.

ער איז אַזוי אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג — געגאַנגען און געקוקט. וואו נאָר אַ ווינקל, וואו נאָר אַ הויף, וואו נאָר אַ שטוב, אַהין האָט ער אַריינגעקוקט. ער האָט ניט גערעדט, ניט געפרעגט, נאָר געקוקט — גע־קוקט פאַר זיין בערעלען מיט דער ווייסער ציגעלע.

די איבעריקע פון פישל דודס הויז־געזינט האָבן אויך געטאָן דאָס אייגענע: געגאַנגען, געקוקט און געשוויגן. פישל דודיכע האָט די קינדער שטרענג אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן קיינעם גאָרנישט דערציילן און ביי קיינעם גאָרנישט פרעגן. די קינדער האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס איז דאָ עפּעס אַ סוד, וואָס קיינער טאָר ניט וויסן.

אָט אַזוי איז פישל דודס גאַנצע הויז־געזינט, אַ הונגעריקע און אַ פאַר־
שמאַכטע, אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג איבערן שטעטל און געשטיקט דעם
אומגליק אין זיך.

צוויי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

ווי נאָר עס איז געוואָרן פינצטער, און אין די הייזער האָט זיך באַוויזן פייער, האָט שוין פישל דודס הויז־געזינט ניט געקענט מער שטיקן דעם אומגליק אין זיך. זיי האָבן אַרויסגעטראָגן זייער אומגליק אין גאַס. און אַרויסגעטראָגן האָבן זיי אים מיט אַזעלכע קולות און מיט אַזעלכע יללות, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויפן גאַנצן שטעטל.

קיין גרעסערן שרעק האָט דאָס שטעטל נאָך ביז דאַן ניט איבערגעלעבט.

דער שרעק איז געווען אַזוי גרויס, ווייל ער איז געקומען אינגאַנצן אומגעריכטערהייד.

אַלץ איז געווען אַזוי שטיל, אַזוי רואיק, אַזוי ערב־פּסחדיק אין שטעטל. אַ גאַנצן טאָג האָבן די ווייבער געשאָבן, געוואַשן און געשקראָבעט. ביי ר׳ זישעלען האָט מען שוין אַרויסגעטראָגן די טישן, די בענק און די טאָפּ־טשאָנעס אויפן הויף, וואו מען האָט זיי מאָרגן אין דער פרי באַדאַרפט כשרן מיט זודיק וואַסער און מיט אַ ברענענדיקן אייזן. אין שטוב האָט מען שוין אויסגעוואַשן און אויסגעשקראָבעט די דילן און מען האָט זיי שוין אויסגעשפּרייט מיט פריש, שמעקעדיק היי.

פאַר ר׳ זישעלעס קלענערע קינדער איז דאָס געווען אַ יום־טוב. זיי זיינען אַרומגעקראָכן איבערן היי אויף אַלע פיר און געמאַכט „מו״, אָדער „מע״, אָדער „האַוו, האַוו, האַוו״, ווי הינטלעך. לייבעלע האָט זיך שוין געגרייט אַ געלעגער פון היי אין אַ ווינקל, אין דער גרויסער סאַליע. דאָרט האָט ער באַדאַרפט שלאָפן די נאַכט, ווייל ס׳איז ניט געווען קיין אַנדער פּלאַץ. אַלע בענק זיינען געשטאַנען אין דרויסן. ער האָט דאָס אָבער געטאָן מיט גרויס הנאה און געקליבן האָט ער זיך גיין שלאָפן פריער, ווי אַלעמאָל. ער האָט מורא געהאַט אַז אימיצער אַנדערש זאָל פאַרכאַפּן דאָס פּלאַץ.

אין די איבעריקע אידישע הייזער האָט מען אויך געטאָן דאָס זעלבע, נאָר ביי די בעל־מלאכות איז געווען אַנדערש. די בעל־מלאכות זיינען גע־

ווען פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט און אַלע האָבן זיך געגרייט צו פֿאַרברענגען די גאַנצע נאַכט ביי זייערע וואַרשטאַטן.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט געלעבט און געאָטעמט מיט די הכנות צום גרויסן, הייליקן יום־טוב. אַ מאָדנע רואיקייט און שטילקייט איז געהאַנגען איבערן שטעטל. אפֿילו די לופֿט אין דרויסן איז אויך געווען רואיק און שטיל.

און פּלוצים אָן קיין וואָרנונג, איז די לופֿט דורכגעריסן געוואָרן מיט יאָמערדיקע קולות:

— א י ד ן, ר אַ ט עװ ע ט!

— א י ד ן, אַ ב ר אַ ך ה אָ ט מ י ך ג ע ט ר אָ פֿ ן!

— א י ד ן, אַ ן א ו מ ג ל י ק ה אָ ט מ י ך ג ע ט ר אָ פֿ ן!

— א י ד ן, א י ד ן, װ ו א ו ז י י ט א י ר, א י ד ן?!!!

— א י ד ן, א י ד ן, װ ו אָ ס ש ו ו י י ג ט א י ר א י ד ן?!!!

דאָס האָט אַזוי געשריען העניע די מלמדקע. זי איז אַרומגעגאַנגען איבערן גאַס און געשריען — געשריען אויף אירע העכערע טענער. נאָך איר זיינען נאָכגעגאַנגען אין אַ שורה אַלע אירע קינדער און צום סאַמע סוף האָט זיך נאָכגעשלעפּט פֿישל דוד, אַ מידער, אַ הונגעריקער, קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אויף די פֿיס.

העניע איז געגאַנגען אין פֿאָראויס. געגאַנגען איז זי מיט די הענט פֿאַרבראָכן און אויפֿגעהויבן אין דער הויך. ווען זי האָט אויפֿגעהויבן דאָס קול צו דער העכסטער אָקטאַווע האָט זי מיט די הענט געשאָקלט צום הימל, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט דעם הימל שפּאַלטן.

עס האָט גענומען אַ רגע און אַלע אידן און אידענעס, אַלע קינדער, גרויסע און קליינע, זיינען אַרויסגעלאָפֿן אין גאַס צעשראָקענע, בלייכע און ציטערדיקע. אַ פּאָר היסטערישע ווייבער האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. זיי האָבן געוויינט פֿון שרעק. די איבעריקע זיינען געלאָפֿן איינער צום אַנ־דערן פֿרעגן, וואָס האָט געטראָפֿן.

קיינער האָט אָבער ניט געוואוסט.

פֿון אָנהויב האָט מען געמיינט, אַז אימיצער איז שלאַף געוואָרן ביי פֿישל דודן, אָדער חלילה פּלוצים אַוועקגעשטאָרבן.

— ווער איז קראַנק?

— ווער איז געשטאָרבן? — האָבן זיך פֿון אַלע זייטן גענומען שיטן פֿראַגן.

קיינער האָט ניט געוואוסט.

פון פישל דודס הויז־געזינט האָט מען אויך ניט געקענט אַרויסקריגן קיין טאָלק. צו העניען האָט מען ניט געקענט רעדן. זי איז געווען אַזוי פאַרטויבט פון אירע אייגענע געשרייען, אַז זי האָט ניט געהערט, וואָס מען רעדט צו איר. פישל דוד האָט נאָר געענטפערט:

— זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין, — און איז באַלד אַנט־שוויגן געוואָרן.

דאָס שטעטל איז דעריבער די ערשטע צייט געשטאַנען ווי פאַרשטיי־נערט און האָט גאָרנישט געוואוסט.

זי האָט זיך באַלד אָנגעהויבן דערוויסן און טאַקע פון העניעס אייגענע געשרייען:

— אידן, אַ בראָך האָט מיך געטראָפן! אידן, מיין אויג אין קאָפּ איז מיר אויסגערונען! אידן, דער שיין פון מיינע אויגן איז מיר פינצטער געוואָרן! — און אויפהויבנדיק די שטים נאָך העכער האָט זי ווייטער גע־יאָמערט: — בערעלע, מיין בערעלע! געוואַלד, געשריען, וואו איז מיין בערעלע?!!!

און גלייך נאָך דעם האָט זי אים אָנגעהויבן באַוויינען, ווי מען באַ־וויינט אַ טויטן:

— אוי, אַ ווייטיק מיר אין האַרצן! אוי, אַ שטעכעניש מיר אין די געדערים! אוי, אַ מכה מיר אין מוח! אוי, אַ געשוויר מיר אין בויך! אוי, אַ קלעמעניש מיר אין האַרצן! אוי, אַזאַ בערעלע, אַזאַ בערעלע! די וועלט האָט נאָך ניט געזען אַזאַ בערעלע! אידן, ראַטעוועט מיר מיין בערעלען!

— וואו איז בערעלע?

— וואָס איז מיט בערעלען? — האָט מען אָנגעהויבן פרעגן פון אַלע זייטן.

— פאַרפאַלן געוואָרן, איז מיין בערעלע! פאַרצוקט איז געוואָרן מיין בערעלע? דערטרונקען איז געוואָרן מיין בערעלע! — האָט העניע גע־שריען מיט די לעצטע כחות.

איצט האָט מען שוין געוואוסט. בערעלע איז פאַרפאַלן געוואָרן און מען דאַרף אים זוכן.

דאָס שטעטל האָט זיך אויף אַ ווייל באַרואיקט. אויב נאָר פאַרפאַלן געוואָרן איז נאָך ניט אַזוי מסוכן. אַ פאַרפאַלענע זאַך קען זיך נאָך אָפּזוכן. עטלעכע זיינען געוואָרן אפילו אין כעס.

— האָסטו געהערט, וואָס פאַר אַ טומל מען האָט דאָ געמאַכט, — האָט זיך געבייזערט ברוך דער שוסטער, — פאַרפאַלן, פאַרשמאַלן — ער׳ט זיך אָפּזוכן.

אַזוי האָט אויך געמיינט ר׳ זישעלע. ער האָט זיך משער געווען, אַז אפשר באַהאַלט זיך ערגעץ בערעלע, באַהאַלט זיך פאַר חרפּה, ווייל מען האָט אים חושד געווען אין אַזאַ מיאוסער זאַך. ער האָט געשיקט רופן פישל דודן כדי אים צו באַרואיקן. אָבער אַנשטאָט באַרואיקן פישל דודן, האָט פישל דוד ר׳ זישעלען געמאַכט אומרואיק.

פון פישל דודן האָט זיך ר׳ זישעלע דערוואוסט, אַז בערעלע איז שוין פאַרפאַלן אַ גאַנצן טאָג. פישל דוד האָט שוין אים אויסגעזוכט, וואו עס איז נאָר דאָ אַ לאָך, וואו עס איז נאָר דאָ אַ ווינקל און — ניטאָ, ווי אין וואַסער אַריין.

און דאָ גייט אַרום פישל דודיכע איבערן שטעטל און ליאַרעמט. וואָס ווייטער ווערן אירע קולות אַלץ העכער און אירע קללות אַלץ שרעקלעכער. נאָך איר ציט זיך אַ לאַנגע פּראָצעסיע — ווייבער, קינדער, גויעס און שיקסעס. אייניקע ווישן זיך די טרערן און אַנדערע כליפּן אין דער שטיל.

דאָס שטעטל איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ פּאַניק.

אַלע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט זוכן, אפילו די בעל־מלאכות האָבן אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט. עפּעס אַ קלייניקייט — אַ נפש בישראל — אַ אידיש קינד איז פאַרפאַלן געוואָרן. אַ סך זיינען אַרויס מיט לאַמטערנעס. עטלעכע האָבן געמאַכט שטורקאַצן פון שמאַטעס, אַרומגעוויקלט אַרום שטעקנס און איינגעטונקט אין סמאָלע. מען האָט אַרומגעזוכט דעם גאַנצן ברעג טייך. מען האָט אַריינגעקוקט אין אַלע ברונימער. פון אַלעמענס מיילער האָט מען געהערט נאָר איין רוף:

— בערעלע, בערעלע!

מען האָט געשריען טאָמער וועט בערעלע דערהערן און וועט זיך אָפּרופן.

נאָר איין משה וואָלף דער שוסטער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. אַזוי ווי ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים טיר פון זיין שטוב, אַזוי איז ער געבליבן שטיין.

משה וואָלף איז געווען אַ מזיק אויף ראַטעווען, אָבער ער האָט געקענט ראַטעווען נאָר ווען אימיצער איז אַריינגעפאַלן אין אַן אייז־לאָך אין טייך. ער האָט איינמאָל אַרויסגעשלעפּט אַ מיידל, וואָס איז אַריינגעפאַלן

אין אַזאַ לאַך. געטאָן האָט ער עס אויף אַ זייער קונציקן אופן. ער האָט געלאָזט אויסהאַקן אַ צווייטע לאַך אין אייז אַ צוואַנציק פוס ווייטער. נאָך דעם האָט ער געהייסן אויסהאַקן דעם אייז צווישן ביידע לעכער. דאָס האָט געמאַכט אַ לאַנגן אָפּענעם פּאַס אין דעם אייז. דעמאָלט האָט משה וואָלף צוגעבונדן אַ לאַנגע שטריק צו אַ הויכן שאָסט. דעם שטריק האָט משה וואָלף אַרומגעבונדן אַרום זיינע לענדן. אַליין האָט ער זיך פאַנאַנדער־געלאָזט לויפן און בוכטש אין וואַסער. מיטן אימפּעט איז ער אַרויסגעקומען פון דער צווייטער לאָך מיט דער מיידל אין די הענט. דאָס מיידל איז שוין געווען טויט, ווייל עס האָט לאַנג גענומען ביז וואַנען משה וואָלף האָט זיך צוגעגרייט. אָבער אַרויסגעשלעפּט האָט ער זי.

ווען בערעלע וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַן אייז־לאָך וואָלט משה וואָלף געמאַכט נאָכאַמאָל דעמזעלבן קונץ. דער אייז אויפן טייך איז שוין אָבער געווען צעגאַנגען און אַן אייז קען מען ניט ווייזן אַזעלכע בריהשקייטן. משה וואָלף האָט דעריבער געפילט אַז אין דעם פאַל קען ער זיין טאַלאַנט ניט באַנוצן און דאָס טאַקע האָט ער דערקלערט דעם רעדל מענטשן, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום אים.

און אַזוי ווי משה וואָלף האָט זיך שוין דערמאָנט אַן דער מעשה מיטן מיידל האָט ער זי דערציילט נאָכאַמאָל מיט אַלע איינצלהייטן. ער האָט דערצו צוגעגעבן, אַז ווען עס זאָל זיך חלילה מאַכן נאָכאַמאָל אַזאַ אומגליק, וואָלט ער אָפּריער אויסגעמאָסטן ווי לאַנג דער שטריק דאַרף זיין. יענעם מאָל איז דער שטריק געווען אַביסל צו לאַנג און ער האָט זיך שיעור דעם קאָפּ ניט צעקלאַפּט.

אַרום נחמן דעם סטאָליאַרס שטוב האָט זיך צונויפגעקליבן אַ צווייט רעדל — אַ רעדל פון עלטערע מענטשן, וואָס האָבן שוין אַליין ניט געקענט גיין זוכן. אָט דאָס רעדל איז געוואָרן דער גענעראַל שטאַב פון דער מאַנס־בילשער זוכער־אַרמיי און נחמן איז געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר. אַלע ווײַלע האָט נחמן געגעבן נייע באַפעלן צו באַזונדערע גרופּן, וואָס זיינען געקומען נאָך אָרדערס.

— האָט איר שוין געזוכט אין באָד? — גייט זוכן אין באָד.

— האָט איר שוין געזוכט אין ווינט־מיל? — גייט זוכן אין ווינט־מיל.

נחמן האָט זיך געהאַלטן זייער רואיק און זיינע באַפעלן האָט ער אַרויסגעגעבן מיט אַ קאַלטן, זיכערן טאָן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קאָמאַנדיר.

העניע האָט אָנגעפירט מיט דער ווייבערשער אַרמיי — אַן אַרמיי פון ווייבער און יונגע אינגלעך, וואָס איז איר נאָכגעגאַנגען פוס־טריט. העניע האָט ניט געגעבן קיין באַפעלן. זי איז נאָר געגאַנגען און געיאָמערט. האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ וואו איז מען דאָרט געגאַנגען זוכן.

דעם ערשטן אָפּשטעל האָט זי געמאַכט ביי דער מיל און דעמאָלט האָבן אַלע ווייבער און אַלע אינגלעך אַרומגעזוכט די וואַסער־מיל פון אַלע זייטן. העניע אַליין האָט ניט געזוכט. זי האָט נאָר באַוויינט איר בערעלען, ווי עס האָט געפּאַסט פאַרן פּלאַץ.

אַרום מיל האָט זי געיאָמערט:

— דערטרונקען געוואָרן, מיין בערעלע; פישעלעך פּיקן זיינע ליכטיקע אויגעלעך אויס. אוי, ווי איז צו מיר, אַ קלאָג צו מיר אַ גרויסער!

פון דער מיל איז זי אַוועק צו דער שול. אַרום שול האָט זי באַוויינט איר בערעלען אַביסל אַנדערש:

— דערשטיקט געוואָרן, מיין בערעלע; דערשטיקט געוואָרן אונטערן דאַך. — דאָס האָט געמיינט אַז מען האָט באַדאַרפט זוכן אויפן שול־בוידעם.

די זוכעניש אַרום שול און אין שול האָט געגומען אַ לענגערע צייט. אין שול איז געווען פינצטער און די ווייבער און די קליינע אינגלעך האָבן מורא געהאַט אַריינצוגיין אינעווייניק. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר מתים. אין שטעטל האָט מען געגלויבט, אַז ביינאַכט קומען מתים דאַוונען אין שול. מען האָט באַדאַרפט שיקן נאָך אַ פּאָר מאַנסבילן מיט לאַנטערנעס, אַז זיי זאָלן באַלייכטן די שול.

די שול האָט מען אַרומגעזוכט אין אַלע ווינקעלעך. מען האָט געזוכט אונטער דער בימה, וואו עס האָבן זיך געוואַלגערט אַלע אַלטע שמות. מען האָט געזוכט אונטערן אויוון. מען האָט געזוכט אויף דער ווייבערשער שול און אויפן בוידעם.

פון שול איז העניע אַוועק צום גלחס סאַד. אַהין האָבן אפילו די מאַנסבילן ניט געקענט צוקומען. דער גלח האָט געהאַט צוויי בייזע הינט, פאַר וועלכע דאָס גאַנצע שטעטל האָט מורא געהאַט, ווי פאַרן מלאך־המות.

העניע איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן. דער גלח אַליין האָט געמוזט אַרויסקומען און איינגעמען זיינע הינט. דער גלח האָט דעמאָלט געפירט די זוכער. ער האָט זיי דורכגעפירט דעם גאַנצן גאָרטן. ער האָט אפילו געוואָלט עפענען דעם קלויסטער, אָבער קיינער האָט ניט געוואָלט אַריינגיין אַהין. זינט דאָס שטעטל איז אַ שטעטל איז נאָך קיין אידישער פוס ניט

אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פון קלויסטער, אפילו דעם פלויט אויך ניט.

פון קלויסטער איז העניע אַוועק צו דער באָד. די באָד איז געווען פאַר־האַקט, אָבער די ווייבער האָבן זיך דאָרט געפילט ווי אין דער היים. זיי האָבן דאָרט אַריינגעקוקט אפילו אין דער מקוה. דער וועג איז זיי געווען גוט באַקאַנט.

פון דער באָד האָט העניע פאַרקערעווט צוריק אין שטעטל. זי איז געגאַנגען די גאַנצע צייט אין איין פאַזע: די הענט פאַרבראָכן און אויפ־געהויבן אין דער הויך און דער קאָפּ פאַרוואָרפן אויף די הענט.

איר קאָפּ־טיכל האָט זיך שוין לאַנג אַראָפּגעגליטשט און איר טשעפּיק האָט זיך פאַרדרייט אָן אַ זייט. עס האָט זיך געזען אַ טייל פון איר געשוי־רענעם קאָפּ מיט גרויע האָר. העניע האָט עס אָבער ניט געפילט — זי האָט ניט געפילט וואָס פאַר אַ גרויסע עבירה זי באַגייט קעגן גאָט.

זי איז געווען פאַרמאַטערט צום טויט. זי האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס ווי אַ שכורע. זי איז שוין געווען טויט־הייזעריק פון אַזוי פיל יאָמערן און שרייען, אָבער דאָס מויל האָט זיך ביי איר ניט צוגעמאַכט אויף אַ רגע. זי האָט געהאַלטן אין איין יאָמערן:

— ווי איז צו מיר! אַ קלאָג איז צו מיר! אַ בראָך איז צו מיר!

אָבער פּלוצלינג האָט זיך העניעס יאָמער אָפּגעהאַקט, אַזוי פּלוצלונג, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן. באַלד האָבן זיך דערהערט אַנדערע קולות, פאַרוואונדערטע קולות:

— קוק אים נאָר אָן!

— זע אים נאָר אָן!

— וואָס זאָגסטו נאָר צו דעם!

אימיצער האָט זיך היסטעריש צעלאַכט.

באַלד האָבן זיך דערהערט נייע קולות:

— קומט אַהער!

— ער איז דאָ!

איבערן שטעטל האָט זיך דערהערט אַ געלויף. מען איז געלאָפן פון אַלע זייטן אויף די קולות. מען איז געלאָפן, געפאַלן און ווייטער געלאָפן.

— ווער איז דאָ?

— בערעלע איז דאָ!

דריי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

בערעלע האָט זיך אָפּגעזוכט.

ווי און ווי אַזוי?

עס איז פּשוט אַ חרפּה צו דערציילן. קיינער האָט אים ניט געפונען — ער האָט זיך אַליין אָפּגעזוכט.

ער איז גאָרניט פאַרפאַלן געוואָרן. אין דער צייט וואָס זיין מאַמע האָט אים אַזוי שטאַרק באַוויינט און באַקלאָגט, און דאָס גאַנצע שטעטל האָט אים אַזוי שטאַרק אַרומגעזוכט, איז ער זיך זייער רואיק געשלאָפן אין דער היים.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך טאַקע פון זיין מאַמעס יאָמערן. דאָס איז געווען פונקט דעמאָלט, ווען העניע איז געגאַנגען צוריק פון דער באָד. ער איז אַרויס זען, וואָס עס האָט געטראָפן און אַלע זיינען אים באַפאַלן, אַזוי ווי ער וואָלט אימיצן דערהרגעט.

וואו איז ער געווען?

ער איז ערגעץ ניט געווען. ווען ער איז געקומען אַהיים האָט ער קיינעם ניט געטראָפן. ער האָט געטראָפן אַ טעפּל קאַרטאָפל אין אויוון האָט ער אָפּגעגעסן און זיך צוגעלייגט. ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן און איז אַזוי לאַנג געשלאָפן ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין מאַמעס קולות. ער האָט דערקענט איר שטימע.

וואו איז ער געווען אין דער פרי?

אין דער פרי האָט ער זיך געשפּילט.

וואו האָט ער זיך געשפּילט?

ער האָט זיך געשפּילט איבערן שטעטל — אומעטום.

פאַרוואָס איז ער ניט געקומען צו וואַרמעס?

ער האָט זיך פאַרשפּילט האָט ער פאַרגעסן צו קומען.

פאַרוואָס האָט ער זיך „אינמיטשקע דרינען" זיך געלייגט שלאָפן?

ווייל ער איז געווען איינגעמידט.

פאַרוואָס איז ער געווען איינגעמידט?

דאָ האָט שוין בערעלע מער ניט געקענט אויסהאַלטן און האָט זיך צעוויינט. דערמיט האָט זיך די אויספאָרשונג פאַרענדיקט. וואָס קען מען טאָן מיט אַ וויינענדיק קינד אין מיטן דער נאַכט?

אויף דער ציגעלע האָט קיינער ניט געפרעגט.

דאָס ווייסע ציגעלע האָבן בשעת מעשה אַלע פאַרגעסן.

און דאָס ציגעלע, דאַרף איך אייך דאָ מעלדן, האָט מען שוין מער אין די אויגן ניט אָנגעקוקט.

בערעלע האָט זיך אָפּגעזוכט, אָבער ניט דאָס ווייסע ציגעלע.

ווען מען האָט אים געפרעגט אויף מאָרגן, וואו דאָס ווייסע ציגעלע איז, האָט ער זיך געשוואוירן מיט טויטע שבועות, אַז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. ער האָט זיך אויך געשוואוירן, אַז ער האָט זי ערגעץ ניט באַהאַלטן.

און אַזוי איז דאָס ווייסע ציגעלע פאַרשוואונדן עד היום הזה.

קיינער האָט אפילו ניט געוואָלט גיין זי זוכן, ווייל מען האָט געוואוסט אַז עס וועט זיין אַרויסגעוואָרפן. אויב מען וואָלט זי געקענט געפינען, וואָלט מען זי געפונען מיט אַ טאָג פריער, ווען מען האָט געזוכט בערעלען. דער איינציקער וואָס האָט עס געטאָן איז געווען בערעלע. ער איז אַליין אַוועק זי זוכן און איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ פּאָר שעה. צוריקגעקומען איז ער אַ מידער, אַ דערשלאָגענער, אָבער אָן דער ווייסער ציגעלע.

די מעשה מיט דער ווייסער ציגעלע איז געבליבן אַ סוד ביז היינטיקן טאָג.

אַ טאָג אָדער צוויי שפּעטער האָט אַ וואַלד־שומר דערציילט, אַז ער האָט געפונען אין וואַלד, ניט ווייט פון שטעטל, אַ שטיקל ווייסע פעל פון עפּעס אַ חיה, וואָס אַ וואָלף האָט פאַרצוקט. עס קען זיין, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ פאַרבליבעניש פון דער ווייסער ציגעלע. עס קען אָבער אויך זיין, האָט ער צוגעגעבן, אַז דאָס איז געווען אַ פאַרבליבעניש פון אַ האָז.

די מעשה פון דעם וואַלד־שומר איז נאָך דעם זייער הייס דיסקוטירט געוואָרן פון די צוויי שאַרפסטע קעפּ אין שטעטל — הערשל דער מלמד

און חיים עליע דער בוכהאַלטער. זיי האָבן די זאַך צעגלידערט על פּי שכל און על פּי טבע, אָבער סוף־כל־סוף האָבן זיי געמוזט מסכים זיין מיטן וואַלד־שומר, אַז עס האָט געקענט זיין אָדער אַ פאַרבליבעניש פון דער ווייסער ציגעלע, אָדער פון אַ האָז. אויף זיכער האָט מען ניט געקענט וויסן.

פון בערעלען האָט מען אויך גאָרנישט געקענט דערגיין. ער פלעגט זיך שווערן מיט טויטע שבועות, אַז ער ווייסט פון קיין זאַך ניט.

אַ שבועה מוז מען גלויבן — אַ אידיש קינד וועט דאָך ניט שווערן פאַלש.

אָבער בערעלעס אויגן האָבן איבערגעלאָזט אַ חשד. אין זיינע אויגן איז געווען אַ מאָדנער גלאַנץ — עפּעס אַ גלאַנץ פון נצחון, אָדער עקשנות, ווי עס וואָלט זאָגן:

מ י ר נ י ט, אַ ב י ד י ר נ י ט.

סוף